STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10984

DERINERUNGEN VEGN ALEKSANDER ILITSH ULYANOV

Anna Ilinishna Ulyanova Yelisarova

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10984-3

9780657109844T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

א. אי. אוליאנאָווא־יעליזאראָווא

Afrintz

דערינערונגען וועגן אלעקסאנדער איליטש אוליאנאָוו

אוקרנאצמינדפארלאג באם
פרעזידיום פון ווציק

כארקאָוו 1932 קיעוו

Printed in USSR

די ביבליאָגראפישע פארצייכע-
נונג פונעם בוך און די שיפערנ
פאר ביבליאָטעק־קאטאלאָגנ זײַ־
נענ אָפּגעדרוקט אינ „צײַטשריפט
פונ דרוק" און אינ דעמ „קארטנ-
רעפּערטואר" פונ דער אוקראַי-
נישער ביכער-פאלאטע.

איבערגעזעצט—כ. וואָלקענשטיינ.
ליטרעדאקטער — פ. ניסטער.
פאראנטוו. רעד. — מ. קאמענשטיינ.
קאָרעקטער — אי. שטולמאנ
איבערגעגעבנ אינ זאצ—32—15/V
איבערגעגעבנ אינ דרוק 32—4/VII

אלוקר. פּאָליגראפּ. פּאראייניקונג.
אינטערנאציאָנאלע דרוקערײַ, קיעוו
רויטער פלאצ 2a. באשט. 643—
3000 עקז. 5 1/4 דר.-בויגנ. אוקר־
הויפּטליט (525)879.

פאָרעדע

אַלעקסאַנדער איליטש אוליאַנאָוו — וולאַדימיר איליטש אוליאַנאָוו־לענינס עלטערער ברודער — איז געווען פאַרמישפּעט צום טויט פאַר זײַן אָנטײלנעמען אין דער פאַרשווערונג קעגן דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם דריטן, און איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אין הויף פון שליסעלבורגער טורמע דעם 8־טן (20) מײַ 1887 יאָר[1].

געווען איז דאָס אַ צײַט פון דער סאַמע שווערסטער רעאַקציע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט איבער אונדזער לאַנד. אַלעקסאַנדער דער דריטער האָט מיט זײַן דעספּאָטישער הערשאַפט געפּראַוועט אַ מין בלוט־סודע נאָך זײַן פאָטער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, וואָס איז געהאַרגעט געוואָרן דורך דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" („פאָלקספרײַהײַט"). דורך טויטשטראָף, פאַרזעצן אין שליסעלבורגער פעסטונג און פאַריאָגן אין ווײַטער פאַרשיקונג האָט ער זיך אָפּגערעכנט מיט די פאַרבליבענע רעשטלעך פון דערדאָזיקער פּאַרטיי און אַפן סאַמע אַכזאָריעסדיקן אופן געדריקט און געשטיקט יעדן מינדסטן פרײַען קער, יעדעס מינדסטע וואָרט, וואָס האָט אָפּגעקלונגען ניט קנעכטיש. די שול, די פּרעסע, דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין לאַנד—איז אַרונטערגענומען געוואָרן אונטער דער שטרענגסטער צענזור. די שילער פלעגט מען שוין פון קליינערהייט אָן פאַרקנעפּלען אין מונדירן,—די אַזויגערופענע „קינדער פון די דינסטן", ד.ה. קינדער פון די אָרעמע פאָלקשיכטן האָט מען פון זייער סוויווע אַרויסגעשמיצט אָדער אינגאַנצן ניט צוגעלאָזט,— און אַלס פּעדאַגאָגן האָט מען צו די שילער צוגעשטעלט עמעסע פּאָליצייִשע

[1] מער אויספירלעך וועגן דעם איניען פון 1-טן מאַרט און וועגן אַלעקסאַנדער איליטש אוליאַנאָוו זע די צוויי אויסגאַבעס צום פופציקיאָריקן יאָרצײַט — „אַלעקסאַנדער איליטש אוליאַנאָוו און דער ערשטער מאַרט 1887", זאַמלבוך פון היספּאַרט צ"ק אַלק"פ(ב), און די אויסגאַבע פון צענטראַרכיוו — „דער ערשטער מאַרט 1887" (רוסיש).

שפּיקעס. און אזוי ניט נאָר אין דער מיטלשול, נאָר אין דער הויכשולאויג
מער־וויניקער אָרנטלעכע און דרייסטע פּרעסע־אָרגאַנען פּלעגט מען
באַלד צומאכן. רויִק לעבן האָבן דעמאָלט געקאָנט נאָר אזעלכע, וואָס
האָבן זיך אונטערגעלעקט, קאַריעריסטן־טשינאָווניקעס און די אלע
פאַרשיידענערליי עקספּלואַטאַטערס, וואָס שלאָגן זיך אָן קאַפּיטאַלן אַפּ
דער רעכטלאָזיקייט און פינצטערקייט פונעם פאָלק, און פון דער יוגנט—
נאָר יענע, וואָס האָבן זיך אויך געגרייט צו גיין אין אזעלכע וועגן.

נאָר די יוגנט אינגאַנצן קאָן מען קיינמאָל ניט פאַרוואַנדלען אין
הוילע קאַריעריסטן. דער בעסערער טייל קאָן זיך קיינמאָל ניט באַפרי־
דיקן מיט הוילן פּערזענלעכן וווילשטאַנד. שטענדיק ווערט זי באַגייס־
טערט פון געדאַנקען וועגן ברענגען גוטס פאַר אַלעמען. און די סאַמע
פאָרגעשריטענע, די סאַמע אופריכטיקע און אָרנטלעכע צווישן דער
יוגנט, שטעלן זיך ניט אָפּ אפילו פאַר קיין ליידן און קאָרבאָנעס, און
מע לייגט אַוועק דאָס אייגענע לעבן, קעדיי כאָטש פּרוּוון וויפל עס ניט
איז צו פאַרבעסערן די לאַגע אינעם אייגענעם לאַנד און פונעם אייגע־
נעם פאָלק.

דערפאַר איז די גאַנצע געשיכטע פון דער זעלבסטהערשונג פאַר די
לעצטע הונדערט יאָר דורכויס „פאַרזייט” מיט די לייבער און לעבנס
פון דער אידיישער יוגנט, וואָס האָט ניט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק
און געדולדיק איבערטראָגן די רעכטלאָזיקייט פונעם אייגענעם פאָלק,
דעם יאָך, וואָס דריקט אַפּ אים, דעם קרעטיניזם פון דער רעגירונג.
די טעאָרעטישע אָנשויונגען פון דערדאָזיקער יוגנט האָבן זיך קעסיידער
געביטן: פונאָנהייב זעען מיר די אידייען פון די אדעליקע—דעקאַב־
ריסטן,—וואָס האָבן געשטרעבט צו פאַרבייטן די זעלבסטהערשונג אַפּ א
רעפּובליקאַנישער מעלוכע־אָרדענונג, וועלכע זיי האָבן צוגעזען אין
פראַנקרייך נאָך דער רעוואָליוציע פונעם 1789 יאָר. זיי ווילן דערווערבן
רעכט און פרייהייט פאַר יעדן מענטשן, נאָר דעריקער ווילן זיי אָפּווישן
יענע שאַנד פון אונדזער לאַנד, וואָס איז צווישן אלע קולטורעלע נאַצי־
עס פאַרבליבן נאָר בא אונדז אליין, — דאָס לייבייגנשום. ווייטער, אין
די פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, איינצייטיק מיט די רע־
וואָליוציעס פון 1848 יאָר, וואָס האָבן אָפּגעשטורעמט קימאַט אין אלע
אייראָפּעיִשע לענדער, באַמערקן זיך שוין מער בוילעטערע רעפּובליקאַ־

נישע אָנשוין‌נגען, און, האָנט בא האָנט מיט זיי, די ערשטע, דערווייל נאָך פּרימיטיווע סאָציאַליסטישע אידייען, וואָס האָבן שוין פאַרכאַפּט אַסאַך פון די אוניגערופענע „ראַזנאָטשינצעס"[1], צווישן זיי — אונדזער באַוווּסטן שרייבער דאָסטאָיעווסקי, וואָס איז אַוועק אויף צען יאָר קאַטאָרגע און זי באַשריבן אין זיין ראָמאַן „זיכרוינעס פון טויטן הויז". און נאָכדעם, אָנגעהויבן פון די זעכציקער יאָרן, הייבן אָן שוין אויסשליסלעך ראַזנאָטשינצעס צו פאַרפילן די טורמעס און זיי לאָזן זיך אַוועק מיט די עטאַפּן איבער דער „וולאַדימירקע" מיט אונדזער ערשטן גרויסן סאָציאַליסט־טעאָרעטיקער טשערנישעווסקי אין דער שפּיץ. אין איבער די גאַנצע זיבעציקער און אַכציקער יאָרן איז דאָס שוין סאָציאַליסטן פון פאַרשיידענערליי שאַטירונגען, נאָר אין אַלגעמיין פון אַ פאָלקיסטישער ריכטונג.

דאָריידן מיר נאָר וועגן די פּאָליטישע, אידייישע קעגנער פונעם קייסער און דער גאַנצער זעלבסטהערשערישער אָרדענונג. כוץ זיי האָט מען געטריבן איבער דער וולאַדימירקע אויך פּויערים, וואָס האָבן ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם ווילקיר פון די פּריצים און טשינאָווניקעס און האָבן, דאָס אין איין אָרט, דאָס אין אַ צווייט אָרט, פּראָטעסטירט קעגן זיי דורך דעם, וואָס זיי האָבן געברענט זייערע הויפן און געהאַרגעט די פּריצים און טשינאָווניקעס, וואָס האָבן באַזונדערס טיראַניש באַהאַנדלט זייערע דעמאָלטיקע „קנעכט". געטריבן שעליכים־כאַדאָקעס, די אויסדריקער פון דער „געזעלשאַפטלעכער מיינונג", וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט „זוכן עמעס" אין פּעטערבורג באַם קייסער אָדער בא זיינע נאָענטסטע דינער — די מיניסטאָרן. אין די לידער פון דידאָזיקע פאַרשיקטע געפינען מיר וועגן דעם אַ טויבע אָנצוהערעניש, אַז:

„ניט פאַר שיקרעס, ניט פאַר „בויאַנסטווע", און ניט פאַר געשלעגערייַ באַנאַכט, פאַר דעם פּויער־פאָלק דעם ערלעכן בין איך פאַרטריבן פון מיין קאַנט".

נאָר אויב נאָר ריידן וועגן פּאָליטישע קעגנער, וואָס אין גרונט פון זייערע טאַטן זיינען געלעגן געוויסע טעאָרעטישע אָנשויונגען וועגן דער

[1] מענטשן ניט פון פּריצישן אָפּשטאַם, נאָר אַזעלכע, וואָס קומען אַרויס פון אַנדערע שטאַנדן, פון טשינאָווניקעס, אָרעמע גייסטלעכע און סטאַם בירגער.

נייטיקייט אזוי אָדער אנדערש ענדערנ די געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, מוזנ מיר, פארשטייט זיכ, פריער פונ אלצ אָנווייזנ אפ די „נאראָדניקעס"— פאָלקיסטנ, ווייל דידאָזיקע ריכטונג איז פונ לאנג אָנ געווענ בא אונדז די דאָמינירנדיקע.

דער איבערגעוויכט פונ דער גרויסער צאָל פויערים אינ אונדזער „מוזשיקנ"-לאנד, די „קנעכטישע לאגע פונ אָט דעמ פיל-צאָליקנ פאָלקשיכט אינ יענע צייטנ, ווענ קיינ אייז אייראָפעיש לאנד האָט שוינ ניט געוווּסט פונ אזא שאנדע, האָבנ געצוווּנגענ צוצוגעבנ צומ אלגעמיינעמ לאָזונג פונ יעדנ פאָלק, וואָס קעמפט פאר זײַנ באפרײַונג: „פרײַהײַט"—אויכ דאָס וואָרט „ערד", ווי די וויכטיקסטע אונ סאמע נויטווענדיקסטע פאָדערונג פונ דעמ פויער. דידאָזיקע פאָדערונג איז געשטאנענ אפ דער פאָנ בא אלע אלטע בונטארנ פונ דער „רוסישער ערד"— בא סטעפאנ ראזינ, בא פוגאטשאָוו אונ אנד. אונ נאָכ דער באפרײַונג פונ די פויערימ ניט מיט דער ערד, נאָר „פונ דער ערד", ווי ס'איז פאָרגעקומענ אינ דערווירקלעכקייט אינ 1861-טנ יאָר, איז די פאָדערונג „ערד" גאנצ נאטירלעכ געוואָרנ דער לאָזונג פונ אלע סאָציאַליסטנ. די קינדער אונ קינדס-קינדער פונ די פריצימ אונ אדעליקע האָבנ געפילט, אז זיי זײַנענ שולדיק א כויוו די קנעכט, וואָס האָבנ מיט זייער האָרעוואניע אויסגעהאָדעוועט גאנצע דורעס. אויכ די „ראזנאָטשינצעס" אונ די פאָרשטייער פונ ארבעטער אונ פויערימ האָבנ געהאלטנ, אז די ערשטע נויטווענדיקייט באשטייט אינ באפרידיקנ די פויערימ. אונ דאָס, וואָס די געמיינדישע פאָרמ פונעמ ערד-באנוצ האָט זיכ פונ צווישנ אלע אייראָפעישע מעלוכעס אײַנגעהיט נאָר אינ איינ רוסלאנד, האָט געגעבנ א האָפענונג אונ געשפײַזט די אילוזיע, אז פונדאנענ איז מעגלעכ גלײַכ איבערגיינ צו א העכערנ סאָציאַליסטישנ לעבנ-סיידער.

דער רעזולטאט פונ די מײַרעוו-אייראָפעישע רעוואָליוציעס, וואָס האָט נאָכנ צעפאלנ פונ די זעלבסטהערשערישע מעלוכעס געבראכט צו דער מאכט א נײַעמ עקספלואטאטערישנ קלאס — די בורזשואזיע — האָט ארײַנגעזעצט א טיפע אנטוישונג אינ די געמיטנ פונ אונדזער סאָציאַליסטישער יוגנט בענעגייע צומ גאנצנ פאָליטישנ קאמפ. אויב פארשייערליי קאָנסטיטוציעס דערנענטערנ גיט די גלײַכבארעכטיקונג, אויב בײַטנדיק די מעלוכע-פאָרמ, לאָזנ זיי פונדעסטוועגנ איבער די עקספלו-

אטאַציע פונ איינ מענטשנ איבערנ צווייטנ, צו וואָס־זשע טויג דעמאָלט די גאַנצע שטרעבונג, צוליב וואָס אָפּגעבנ דאָס לעבנ פאַר רעוואָלוציע? איז דענ ניט בעסער פּראָסט אונ פּאָשעט נעמענ די פאָרם, וואָס אָט איז זי בא אונדז א פאַרטיקע אונטער דער האַנט, נאָר מיר האָבנ זי ביז אהער איינגאַנצנ פאַרזעג,— אונדזער געמיינדישע פאָרם פונ ערד־באַנוץ,— אונ דורכ דעמ נאָר אָפּרייניקנ פאַרנ פאָלק א וועג צו אַנט־וויקלענ זי אינ א העכערע פאָרם, אינ סאָציאַליזמ, אונ איינציייטיק אויכ קעמפנ קעגנ דער נייער פאָרם, וואָס באַווייזט זיכ אָקאָרשט אצינד אונ וואָס די זעלבסטהערשונג שטיצט אונ פאָרסירט, קעגנ דעמ באַלעגופּנטומ, פונ וועלכנ ס׳איז אַרויסגעקומענ דער מיירעוו־אייראָפּעישער קאַפּיטאַליזמ?

דידאָזיקע צוויי סאָנימ האָבנ זיכ אינ באַוווסטזיינ פונ די פאָלקיסטנ — נאַראָדניקעס צונויפגעגאָסנ אינ איינ סוינע. די אומצופרידנקייט פונ די פּויערימ מיט דער ערד־רעפאָרמע פונ דעמ 1861 יאָר, וואָס האָט זיי אָדער געלאָזט איינגאַנצנ אָנ ערד, אָדער זי האָט זיי יאָ געגעבנ ערד, נאָר אָוועקגעשטעלט אַפּ זיי שטאַרק הויכע פּרייזנ לעטויוועס די פּריצימ, די בונטנ אונ אופשטאַנדנ אַפּ דעמ באָדנ אינ פאַרשיידענע טיילנ פונ אונדזער לאַנד, האָבנ געגעבנ האָפענונג די סאָציאַליסטנ פונ יענער צייט, אַז פונ אַזעלכע בונטנ איז מעגלעכ גרינג פאַנאַנדערצובלאָזנ אַנ אַלגע־מיינעמ אופשטאַנד, וואָס וועט אַראָפּוואַרפנ דעמ קייסער, אונ דעמאָלט וועט די אַלפאָלקישע פאַרזאַמלונג אַליינ איינשטעלנ יענע פאָרמ פונ מעלוכע־אָנפירונג, וואָס וועט זיינ מער פונ אַלצ אָנעמלעכ אונ געווונשנ פאַר דעמ פאָלק. אונ אייניקע פונ די נאַראָדניקעס, צומ בייש־פּיל, סטעפאַנאָוויטש אונ דייטש, האָבנ זיכ אָוועקגעלאָזט איבער די דערפער, קעדיי צו פאַרוואַרפנ דאָרטנ קערנער פונ אופשטאַנד, זאָל זיינ אַפילע מיט דער הילפ פונ א געמעלאָכעטנ „קייזערלעכנ מאַניפעסט“, ווייל דער נאָמענ פונעמ קייסער איז דעמאָלט נאָכ ניט געווענ דיסקרע־דיטירט צווישנ דעמ פּראָסטנ פאָלק.

נאָר ניט אַזוי גיכ טוט זיכ, ווי ס׳רעדט זיכ. די ערשטע סאָציאַ־ליסטנ־פאָלקיסטנ האָבנ זיכ געמוזט אינ דעמ קלאָר איבערציינגנ, אונ די מערהייט זייערע האָט זיכ אָוועקגעלאָזט אַפּ א מער־דויערנדיקער פרידלעכער פּראָפּאַגאַנדע. די אינטעליגענטישע יוגנט האָט געוואָרפנ די אוניווערסיטעטנ, זיכ אויסגעלערנט אַפּגיכ עפּעס א מעלאָכע אָדער צו־

נויפגעשלאָגן א פעקל וואָלוועלע ביכער און, איבערגעטאָן זיך ווי ביכער־פארקויפער, האָבן זיי אוועקגעשפּאנט פון דאָרף צו דאָרף... דערבייַ פארשטייט זיך, האָט מען, זיך געסטארעט אריַינשטופּן צווישן די דערלויבטע ביכער אויך אומלעגאלע סאָציאַליסטישע ביכלעך. אייניקע האָבן זיך גאָר באַזעצט אין דאָרף פאר וואָלאָסט־שרייַבער, לערערס, פעלדשערס און אַנד. און כוץ דער אינטעליגענץ איז געגאַנגען אין דאָרף מיט דיזעלבע צילן די שוין פראָפּאגאנדירטע פון פריַער ארבעטער און באַלמעלאָכעס פון שטאָט.

נאָר אויך אַפּ דעם וועג איז פאר די סאָציַאליסטן־פאָלקיסטן פאָרויס געשטאַנען א טיפע אַנטוישונג: דאָס פאָלק, ערשט נעכטן א קנעכט, א בלינדס, א פינצטערס, האָט זיי ניט פארשטאַנען. דאָס פאָלק האָט כוץ אַלעמען ניט געהאַט קיין איבעריקן גרונט זיך צו פארגלויבן די קינדער פון זייערע נעכטיקע אונטערדריקער און עקספּלואַטאַטערס, און זיי האָבן זיך גערן געלאָזט איַינרעדן אַז „די דוואָריאַנסקע קינדער, ניט זייַענדיק צופרידן מיטן אָפּשאַפן דאָס לייַבייגנטום, האָבן פארטראַכט עפּעס אַן אינטריגע, קעדיי אומצוקערן אַלצדינג צוריק". אַזוי ווי אַזעלכע פערזענלעכע מאָטיוון זיַינען כוצדעם געווען אַסאַך צוטריטלעכער פאר מענטשן, וואָס האָבן אַפּ זייער לעבן עפּעס אַנדערש ניט געזען, פלעג אָפּט טרעפן, אַז די פויערים האָבן אַליין ארויסגעגעבן דער נאַטשאַלסטווע זייערע גוטסווינטשער. די מעלוכע־לייַט, פארקערט, האָבן גוט פארשטאַנען, אַז דער גאַנצער קויעך פון דער מעלוכע באַשטייט אין אָט דער פינצטערקייַט פון דעם פאָלק, און האָט זיך מיט גרויס אימפּעט גענומען. צו די יונגע פראָפּאגאַנדיסטן, ארעסטירט און פארשיקט אַפילע פאר דער סאמע פרידלעכסטער פראָפּאגאַנדע. די טורמעס זיַינען געוואָרן איבערגעפולט. צו איין גרויסן פּראָצעס איז געווען צוגעצויגן 193 מענטשן. זיי זיַינען אָפּגעזעסן קאַרגע פיר יאָר, בלויז וואַרטנדיק אַפּן געריכט. עטלעכע מענטשן האָבן זיך גערירט פון זינען אָדער זיך אַליין גענומען דאָס לעבן.

דידאָזיקע טרויעריקע רעזולטאַטן האָבן באַוויזן, אַז „די פעל איז לאַכלוטן ניט ווערט די מי, וואָס מע לייגט אַפּ איר אַוועק", אַז „דאָס גייַין אין פאָלק צוליב פרידלעכער פראָפּאגאַנדע צווישן דעם פויערטום איז בא דער זעלבסטהערשונג ניט מעגלעך—און אַז מע דאַרף פריַער פון

אלצ אראָפּוואַרפנ דעמ קייסער. נאָר אראָפּוואַרפנ דעמ קייסער אינעמ דעמאָלטיקנ רוסלאנד, ווו ס'זענענ ניט געווענ קײנ באַשטימטע פּאָליטישע פּאַרטייענ, קײנ פּאָליטישער קאמפּ, האָט מענ געקאָנט נאָר דורכ אײנ וועג — דורכנ וועג פונ אינדיווידועלנ טעראָר—אונ ערשט דעמאָלט פאָרלייגנ די צײַטווײַליקע פאָלקס־פאָרשטײער אויסוויילנ די רעגירונג, וועלכע דאָס פאָלק אַלײנ וועט וועלנ, ד.ה. אײַנשטעלנ אז דער ווילנ פונ פאָלק זאָל זײַנ העכער פונ אלצ. אזוי ארומ איז אנטשטאנענ די פּארטיי פונ די „נאראָדאָוואָלצעס" (פּארטיי פונ פאָלקס־ווילנ).

פונ איר האָט זיכ, עמעס, דעמאָלט אָפּגעשפּאלטנ א גרופּע אונטערנ נאָמענ „טשאָרני פּערעדיעל", וואָס איז געבליבנ בא דער פריערדיקער פאָלקיסטישער פּראָגראמ אונ וועלכע האָט זיכ ארויסגעזאָגט קעגנ דעמ איבערגײנ צו טעראָר. שפּעטער האָט זיכ פונ דער גרופּע אויסגעבילדעט די גרופּע „אָסוואָבאָזשדיעניע טרודא" מיט ג. וו. פּלעכאנאָוו אינ דער שפּיצ — דאָס שפּראָצ-קערענדל פונ אונדזער סאָציאל־דעמאָקראטישער פּארטיי. נאָר די פּארטיי „טשאָרני פּערעדיעל", א קלײנע אינ דער צאָל, האָט אינ יענער צײַט זיכ מיט גאָרניט ארויסגעוויזנ. אינ די פאָלקס־ווילנ"־פּארטיי האָט עטלעכע יאָר נאָכאנאנד זיכ געלאָזט הערנ זייער שטארק אונ געהאלטנ אינ שרעק מיט אירע פארשווערונגענ דעמ קייסער אונ די מאכט. די נויטווענדיקײַט צו דערגרייכנ פּאָליטישע פרײַהײַט האָט זיכ דעמאָלט געפילט אזוי שארפ, דער פּאָליטישער קאמפּ האָט זיכ דעמאָלט אפּ אזויפיל אוועקגעשטעלט אפנ ערשטנ פּלאנ, אז די מערהײַט פונ דער יוגנט, יעדנפאלס די מער ענערגישע, הייסע, וואָס זײַנענ גרייט זיכ מאפקיר זײַנ פאר זייער אידעאל, זײַנענ געווענ פארכאפּט פונ דער שטרעבונג אונ זײַנענ אוועק אינ די רייענ פונ דער נאראָדאָוואָלישער פּארטיי. אינ שפּיצ פונ דער פּארטיי האָבנ זיכ דעמאָלט געשטעלט די סאמע בעסטע, די סאמע אויסגעפּרוּווטע רעוואָליוציאָנערנ, די סאמע אידעאלסטע פּערזענלעכקײַטנ אונ די סאמע דערפארענע אָרגאניזאַטערס. די נעמענ זשעליאבאָוו, פּעראָווסקאיא, כאלטורינ, קיבאלטשיטש אונ אנדערע וועלנ אפּ שטענדיק פארבלײַבנ אינ אונדזער זיקאָרנ, אלס נעמענ פונ העלדישע קעמפער פאר דער אלגעמיינער זאכ. ווי א דונער האָט דעמאָלט אָפּגעהילכט זייער נאָמענ ניט נאָר איבער רוסלאנד, נאָר אויכ אינ אויסלאנד. עטלעכע פארשווערונגענ קעגנ די וויכטיקסטע מעלו־

כע־פערזאָנענ פונ יענער צײַט, די פארשווערונגענ קעגנ דעמ קייסער
אפ דער דאָרעמ־אײַזנבאנ אונ הינטער מאָסקווע, דער שיר־שיר ניט גע־
שעענער אופרײַס פונעמ ווינטער־פאלאצ אונ, אלס פארגאנצונג פונ דעמ
אלצדינג, דער אטענטאט אפ אלעקסאנדער דעמ צווייטנ דעמ ערשטנ
מארט 1881 יאָר — דאָס אלצ איז געווענ א גלענצנדיקער גרעאנגל
פונ א דרייסט הײַפל ווילנ־שטארקע מענטשנ, ביז לעצט איבערגעגע־
בענע זייער זאכ, — מיט דער מעכטיקער זעלבסטהערשונג. אינ דער געשיכטע
פונ רעוואָליוציע איז ניט צו געפינענ קיינ צווייטע באוועגונג פונ אזא
זעלטענער גאנצקײַט, קראפט אונ טיפקײַט, אזא, ווו אלע זאָלנ זײַנ אפ
אזויפיל ארומגעכאפט מיט איינ אָטעמ אונ באגער, שרעקלעכער סינע צומ
צאריזמ, לײַדנשאפטלעכער שטרעבונג פונ אימ זיכ צו באפרײַענ, — וואָס
זאָל זײַנ אינ אבסאָליוטנ זינ פונ וואָרט א קאמפ ניט אפ לעבנ, נאָר אפ טויט.

נאָר סאָפקאָלסאָפ האָט אײַנגענומענ די זעלבסטהערשונג. דורכנ
צערעכענענ זיכ מיט אירע סאָנימ אפ טליִעס, דורכנ ארײַנזעצנ
אפנ גאנצנ לעבנ אינ די קאזעמאטנ, האָט די זעלבסטהערשונג
בעייס דער הערשאפט פונ אלעקסאנדער דעמ דריטנ ארופגעלייגט
איר שווערע אָפּטויטנדיקע לאפע אפ אלעמ לעבעדיקנ, אונ ס'האָט זיכ
אָנגעהויבנ די עפּאָכע פונ די סאָפ אכציקסטע יאָרנ — איינער פונ די
סאמע שווערסטע עטאפנ אינעמ לעבנ פונ לאנד.

פונ איינ זײַט איז די נאראָדאָוואָלישע באוועגונג געווענ אנטבלו־
טיקט, באזונדערס נאָכ לאָפּאטינס ארעסט, ווענ מע האָט פארנומענ אסאכ
אדרעסנ, וואָס אדאנק זיי האָבנ זיכ אָנגעהויבנ מאסנ־ארעסטנ אי־
בער גאנצנ רוסלאנד. אלע עלטערע דערפארענע קעמפערס זײַנענ
געווענ ארויפגענומענ פונ דער סצענע. געבליבנ איז נאָר די יוגנט, א
צעשטויבטע, אָנ א רעוואָליוציאָנערער דערפארונג אונ אָנ דעמ נייטיקנ
גלויבנ אינ די אייגענע קויכעס. קיינ הילפ האָט זי פונ ערגעצ ניט בא־
געגנט. די ליבעראלע געזעלשאפט איז געווענ צו שוואכ, זי זאָל אימ־
שטאנד זײַנ אקעגנצושטעלנ דעמ קויעכ פונ דער מעלוכע כאָטש עפּעס
וואָס. די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג, וואָס זי האָט ארויסגעוויזנ אינ דער
בלי־צײַט פונ „נאראָדנאיא וואָליא“, האָט זיכ בא איר גאָר גיכ אויסגעוועפּט.

אומעט, אנטוישונג אונ געפאלענער גלויבנ האָבנ געהערשט אומע־
טומ. אָט דאָס אלצ האָט אָבער די רעוואָליוציאָנער־געשטימטע יוגנט

ניט געקאָנט אָפּשטעלן, און אויך אין יענע יאָרן האָט די אופקלער־פּראָ־
פּאַגאַנדע צווישן די ארבעטער אלץ ניט אופגעהערט. די ארבעט האָבן
געפירט סײַ די סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע, סײַ די פּאָלקיסטישע קרײַזלעך,
מאכמעס צווישן זייערע פּראָגראַמעס אין יענע יאָרן, ווען די סאָציִאַל־
דעמאָקראַטישע ארבעט אין רוסלאַנד האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אנטוויקלען
איז קיין דײַטלעכער קלאָרער כילעק ניט געווען. נאָר באַפרידיקונג האָט
די ארבעט ווייניק וואָס געגעבן: זייער קליין זײַנען געווען די ארבעטער
קרײַזלעך, וואָס מע האָט געקאָנט — אי דאָס מיט גרויס מי און מיט גרוי־
סער ריזיקע — דעמאָלט צונויפשטעלן, און די פּראָפּאַגאַנדע אליין איז
צוליב דער אָפּגעשטאַנענקײַט פון די ארבעטער אויסגעקומען זייער אן
אָנפּאַנגעלך־פּרימיטיווע. און אָט פאר דעם־אָ — פארשיקונגען, טורמעס!..
מער זין, האָט זיך געדאַכט, האָט שוין געהאַט צו גיין אפ אן עקסט־
רעם־רעוואָליוציִאָנערער זאך, וואָס איז כאָטש אימשטאַנד דורכשלאָגן
עפּעס א לאָך אין די ווענט פון דער זעלבסטהערשונג, און אויב אל־
ציינס איז באַשערט אומקומען, איז פאָרט כאָטש פאר עפּעס!..

און כוץ דעם האָט די „נאַראָדנאַיא וואָליא“ דעמאָלט אינגאַנצן נאָך
איר רום ניט אָנגעוואָרן. סימאָנים פון איר צעפאַלונג, אלס פּארטיי, זײַ־
נען לויט די ווערטער פון איינעם א כאַווער, „נאָך ניט געווען אזוי דײַט־
לעך־קלאָר: איר געפאַלנקײַט האָט מען מער געפילט, איידער באַנומען
מיטן געדאַנק“. און דערפאַר האָט זיך אויסגעדאַכט, אז נאָר אָפּגעלאָזנ־
קײַט און עגאָיִזם שטערן צו גיין ווײַטער אינעם וועג פון די באַרימטע
פאָרגענגער, וואָס זײַנען אָדער אינגאַנצן אומגעקומען אָדער שמאַכטן
אין די קאַזעמאַטן־ווענט פון שליסעלבורג און פּעטראָפּאַוולאָווקע.
זייערע לײַדנזיקע נעמען האָבן גערופן צו נעקאָמע. צווישן דער
יוגנט איז דעמאָלט אומגעגאַנגען א בריוו פון די אפ אייביק פארשפּאַרטע
אין דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג: „פון די טויטע צו די לעבעדי־
קע“... און די מער אָרנטלעכע און פּילבאַרע מענטשן האָבן גערעכנט פאר
א כויוו פאָרזעצן זייער זאך און אונטערהאַלטן די פאָן, וואָס איז ארויס־
געפאַלן פון זייערע הענט. די אידייע מאַפּקיר צו זײַן דאָס אייגענע
לעבן האָט זיך דעמאָלט ארומגעטראָגן אין דער לופט. אסאך פון דער
דעמאָלטיקער יוגנט זײַנען אינגאַנצן זעלבשטענדיק געקומען צו דעם
נאָר דער פריִערדיקער גלויבן אינעם גיכן ניצאָכן איז שוין ניט געווען,

דעריבער איז דער אקט פונ גיינ אוועקגעבנ דאָס לעבנ געווענ שווערער אונ די שטימונג א געדריקטע. ניט קיינ דרייסטע קעמפערישע מאָטיוונ פונ יענער עפּאָכע פונ קאמפּ צווישנ דעם ארבעטער־קלאס מיטנ צאריזם, וועלכע איז געקומענ באלד נאָכדעם, האָבנ זיכ דעמאָלט געלאָזט הערנ, ניט די ניצאָכנפולע אונ פֿײַערלעכע לידער פונ איצטיקער צײַט, — נײַנ. דער הימנ פונ דעמאָלטיקער יוגנט האָט זיכ געענדיקט מיט אזא קופּלעט:

„ס'וועט קומענ די גליקלעכע צײַט, ווענ שוינ פונ אונדזערע ביינער וועט אופשטיינ א שטרענגער נעקאָמע־נעמער, אונ ער וועט זײַנ שטארקער פונ אונדז"...

דידאָזיקע שורעס באווײַזנ, אפ וויפל די יוגנט־יאָרנ פונ די דעמאָלטיקע רעוואָליוציאָנערנ זײַנענ פארלאָפנ אָנ א קאפּל פרייד. אלצ איז געווענ אינ דעם מאָרגנ — אינ יענער ווײַטער צוקונפט, ווענ די מאסנ וועלנ זיכ אופהייבנ. מיר האָבנ געהאט דאָס גליק דערלעבנ צו דער צײַט; דער יוגנט פונ יענער צײַט אָבער איז געבליבנ נאָר אוועקלייגנ די ביינער.

אלעקסאנדער איליטש אוליאנאָוו, וועמעס ביאָגראפיע מיר ברענגענ דאָ, איז געווענ איינער פונ אָט דער יוגנט. ער האָט ליידנשאפטלעכ ליב געהאט זײַנ שטודיום, איז געווענ א טאלאנטפולער אונ גוט באהאוונטער נאטור־פאָרשער, אונ אלע האָבנ אינ אימ אײַנגעזענ א קינפטיקנ פראָפעסער. שוינ אפנ דריטנ קורס באקומט ער א גאָלדענע מעדאל פאר זײַנ ארבעט איבער זאָאָלאָגיע. אפנ פערטנ קורס, אינ עלטער פונ 20 יאָר, טרעט ער ארײַנ אינ א טעראָריסטיש קרײַזל, וואָס איז באשטאנענ אויסשליסלעכ פונ סטודענטנ, דעריקער פונ נאטורוויסנשאפטלער, וואָס האָבנ, גרונטלעכ שטודירנדיק כעמיע, זיכ אויסגעלערנט מאכנ דינאמיט. אלעקסאנדער איליטש האָט זיכ גענומענ מיטהעלפנ באמ צוגרייטנ דינאמיט אונ מאכנ באָמבעס, אונ ווענ ס'האָט זיכ געמאכט, אז צוויי פונ די אָנטיילנעמער זײַנענ געווענ אָפּגעפּאָרנ, האָט ער גענומענ די אָנפירונג מיט דער פארשווערונג אפ זיכ, אונ אפנ געריכט איז ער ארויסגעטראָטנ מיט א פאנאנדערגעוויקלטער דערקלערונג פונ זײַנע אָנשויונגענ אָנ שום מוירע. סײַ ער, סײַ זײַנע נאָענטסטע מיטקעמפער — לוקאשעוויטש, שעווירעוו, אָסיפּאנאָוו, — האָבנ דערקלערט אז נאָר אדאנק דעם, וואָס ס'איז אבסאָליוט ניטאָ קיינ מעגלעכקײַט פארשפּרײַטנ זייערנ אָנשויונגענ

סייַ מינדלעך, סייַ שריפטלעך, האָבן זיי זיך געמוזט נעמען פאר טעראָר.

— איך האָב זיך איבערצייַגט,— האָט אלעקסאנדער איליטש געזאָגט אין זייַן רעדע אפן געריכט, — אז דער איינציק ריכטיקער וועג צו אופווירקן אפן געזעלשאפטלעכן לעבן איז דער וועג פון פּראָפּאגאנדע מיט דער פען און מיטן וואָרט. נאָר... דאָס לעבן האָט באוויזן אף דעם אָנשווילעכסטן אופן, אז בא די עקזיסטירנדיקע באדינגונגען איז מיט דעם וועג ניט צו גיין. ס'איז ניט מעגלעך ניט נאָר קיין סאָציאליסטישע פּראָפּאגאנדע, נאָר אפילע אן אלגעמיין־קולטורעלע... די אלע פּרוּוון, וואָס איך האָב צוגעזען ארום זיך, האָבן מיך נאָך מער איבערצייַגט אין דעם, אז די קאָרבאָנעס וועלן אף קיין פאל ניט אויסגעקויפט ווערן מיט דעם דערגרייכטן רעזולטאט..

ווען די מוטער האָט אים אף א באזוך אין טורמע געזאָגט, אז די קאמפ־מיטלען, וואָס ער האָט אויסגעקליבן, דער טעראָר, זייַנען שרעקלעכע, האָט ער געענטפערט:

— וואָס־זשע זאָל מען טאָן, אויב קיין אנדערע זייַנען ניטאָ?

אזוי ארום, איז נאָר די ניט־מעגלעכקייַט פון קאמף דורך אנדערע מיטלען האָט אים געשטויסן צו טעראָר.

אלעקסאנדער איליטש האָט באגלייַך מיט אלע אנדערע מיטגלידער פון זייַן קרייַזל, און ווי ביכלאל די סטודענטן פון זייַן צייַט, געפירט א פּראָפּאגאנדע צווישן די ארבעטער. ער אליין האָט געפירט עטלעכע קרייַזלעך, און כוצדעם פלעג ער נאָך באזאָרגן כאווירים אין אנדערע קרייַזלעך. איין צייַט האָט ער גערעכנט, אז ער האָט שוין אייַנגעשטעלט פארבינדונגען מיט דעם גאנצן וואסיליעווער אינדזל. וועגן דעם דערציילט אין זייַנע זיכרוינעס איינער פון זייַנע כאווירים — דראניצין. וועגן אייניקע אלעקסאנדער איליטשס רעדעס און ארויסטרעטונגען, וועגן דעם אייַנדרוק, וואָס ער פלעגט מאכן, זאָגן איידעס די זיכרוינעס פון אלע זייַנע כאווירים און פון אלע די, וואָס האָבן אים געקענט אָדער פלעגן זיך טרעפן מיט אים. ער איז שוין געווען גוט באקאנט מיט מארקסן, שוין אפילע געהאט אליין איבערגעזעצט און גרייט געמאכט צום פארעפנטלעכן איינס פון זייַנע ווערק.

„בא זייַן גאנצער אויסגעשפּראָכענער יוגנקייַט, וואָס איז געווען אף אים קלאָר צו מערקן", — זאָגט וועגן אים איינער פון די כאווירים אין זייַן פּראָצעס, נאָוואָרוסקי, — „האָט ער זיך זייער באדייַטנדיק אויסגע־

טיילט מיט זײַן אַנטוויקלונג צווישן אַלע אַנדערע. דאָס בילד, זײַן פּאָ־טאָגראַפיע, אַראָפּגענומען שוין אין דער צײַט פון אַרעסט דורך די זשאַנדאַרמען, גיט זייער אַ שלעכטע פאָרשטעלונג וועגן זײַן פּערזענ־לעכקײַט. ער זעט דאָ אויס גרוי, עפּעס אַפילו טריב, בכלל „אײַנגע־דאַרט״, וואָס אין דער ווירקלעכקײַט איז דאָס גאָרניט געווען. פאַרקערט, זײַן לויטער אָפן פּנים האָט שטענדיק עפּעס באַזונדערס געשײַנט, ניט נאָר מיט געוויינלעכער יוגנטלעכער סימפּאַטיע, נאָר מיט עפּעס אַ באַ־זונדערן באַדײַטנדיקן אויסדרוק. דאָס איז געווען פון די פּנימער, וועגן וועלכע מע זאָגט, אַז זיי לײַכטן זיך.

אויף די פאַרזאַמלונגען, וווּ מיר פלעגן זיך באַגעגענען, האָט ער, מעגלעך, קיין באַזונדערס אַזוינס ניט גערעדט. יעדנפאַלס, אין מײַן זיקאָרן איז ניט פאַרבליבן קיין איינע אַפילו פון די מינדסטע אַרויס־טרעטונגען זײַנע. אָבער ניט אַזוי וויכטיק איז געווען, וואָס ער האָט גע־רעדט, נאָר וויאַזוי ער האָט גערעדט. זײַן שטים, די אינטאָנאַציע, דער איבערצײַגנדיקער טאָן — אַלץ האָט איידעס געזאָגט וועגן דעם, אַז בײַ אים איז דאָס ניט קיין געוויינלעכע פראַזע, נאָר אַז ער האָט געטראַכט וועגן דעם און שוין באַוויזן אַסאַך איבער־צוטראַכטן״.

ער איז שוין ניט געווען איינשטימיק מיט דער מיינונג פון די פּאָל־קיסטן וועגן דער זעלבשטענדיקער ווערט פון אונדזער דאָרף־געמיינדע, וועגן דעם, אַז זי קאָן אומיטלבאַר גלײַך איבערגיין צו אַ סאָציאַליס־טישער אָרדענונג, און זיך שוין ניט געהאַלטן פאַר קיין פּאָלקיסט. אָנער־קענענדיק אין אַלגעמיין די מאַרקסיסטישע אָנשויונגען, איז ער און זײַנע כאַווײרים דאָך נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעגאַנגען, ווי די גאַנצע יוגנט פון יענער צײַט, פון די נאַראָדאָוואָלישע אידייען. צוליב דער באַזונדע־רער לאַגע פון רוסלאַנד האָבן זיי ניט געזען קיין מעגלעכקײַט פּראַק־טיש צו באַנוצן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע לערע, כאָטש זיי האָבן גע־רעכנט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פאַר זייערע נאָענטסטע כאַווײרים, ווי אַל. איל. האָט זיך אויסגעדריקט אין זײַן פּראָגראַם. שוין ניט אָנרופנ־דיק זיך „נאַראָדאָוואָלצעס״, האָבן זיי גענומען דעם נאָמען נאָר פון דער טעראָריסטישער פראַקציע פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ־וואָ־ליאַ״, אויסשליסלעך צוליב דעם, קעדיי צו באַווײַזן באַם איצטיקן מאָ־מענט זייער אײַנשטימונג אין דער נויטווענדיקײַט פון דער טעראָריס־

טישער סעטיקײַט, און אָפּלייגנדיק דאָס מער אויספירלעכע באהאנדלען פון פּראָגראמאטישע כעלוקערייעס, זײַנען זיי צו יענער צײַט געשטאַנען אזויווי אפּ דעם שיידוועג צווישן די נאראָדאָוואָלצעס און די סאָציאל־דעמאָקראטן. וועגן דעם רעדט אויך די פּראָגראם, וואָס אלעקס. איליטש האָט צונויפגעשטעלט, די פּראָגראם, וואָס איז געבליבן ניט אָפּגעדרוקט, אין אפילע דער שווארצער ניט־געדרוקטער עקזעמפּליאר איז אויך ניט אריינגעפאלן צו די זשאנדארמען. נאָר אלעקסאנדער איליטש האָט אליין פארגעלייגט אין פּעטראָפּאוולאָווער פעסטונג אופשטעלן זי לויטן זיקאָרן, און דערמיט האָט ער געוויס נאָך שווערער געמאכט זײַן לאגע. דערפאר איז זי אדאנק דעם דערגאנגען צו אונדז אין די פאפירן פון דעם פּאָליציי־דעפּארטאמענט, און איצט האָבן מיר א קלאָרע פאָרשטעלונג, וואָס פארא אידייען האָט געהאט דידאָזיקע גרופּע, און מיר האָבן אלע גרונטן צו דענקען, אז אויך זיי, ווי אסאך פון זייערע דעמאָלטיקע כאוויירים, וואָלטן זיך אויסגעפורעמט, ווען זיי בלײַבן לעבן, גאָר אינגיכן, אלס רעוואָליוציאָנערע סאָציאל־דעמאָקראטן. ניט אומזיסט האָבן די אלטע נאראָדאָוואָלצעס אָנגערופן די אריינגעזעצטע אין שליסעלבורג אלעקסאנדער איליטשס כאוויירים — לוקאשעוויטשן און נאָוואָרוסקין — סאָציאל־דעמאָקראטן. אין עטלעכע יאָר ארום איז די סאָציאל־דעמאָקראטישע ארבעט אוועק טיפער און ברייטער אין די מאסן. אין יענער צײַט האָט זי קימאט ניט געגעבן קיין שום באפרידיקונג.

די פארשווערונג, ווי באוווסט, האָט זיך געענדיקט מיט א דורכפאל. דרײַ מאָל זײַנען ארויסגעגאנגען אפּ נעווסקי די באָמבע־ווארפער און סיגנאליסטן, נאָר קיין איינמאָל איז זיי ניט אויסגעקומען צו באגעגנען דעם קייסער, און מע האָט זיי ענדלעך ארעסטירט. צוגעצויגענע צו דער ארבעט שוין אין די לעצטע טעג, האָבן די סיגנאליסטן קאנטשער און גאָרקון, שטייענדיק פאר א געפאר פון טויט־שטראָף, ניט אויסגעהאלטן און דערציילט אפּ דעם פארהער אלץ, וואָס זיי האָבן געוווסט. אפּן סמאך פון זייערע דערקלערונגען האָט מען שוין גענומען די אָנפירער — אוליאנאָוון, לוקאשעוויטשן און שעווירעוון. נאָך דעם, ווי שעווירעוו און גאָווארוכין זײַנען אָפּגעפאָרן, איז אפּ אוליאנאָוון ארופגעפאלן די הויפּט־ארבעט. ער האָט זיך ארויסגעזען

מער פון אַלע, אַלס דער הויפּט־אָנפירער מיט דער פאַרשווערונג, וועגן אים איז געווען באַוווּסט מער ווי פון אַנדערע. און אַלעקסאַנדער איליטש, דערזען לויט גאָרקונס און קאַנטשערס דערקלערונגען, וואָס מע האָט אים באַוויזן, אַז דער איניען איז אויפגעדעקט, האָט ער זיך מוידע געווען אין זיין אָנטייל אין דער פאַרשווערונג. דערקלערנדיק, אַז ער איז ניט געווען ניט דער איניציאַטער און ניט דער אָרגאַניזאַטער פון דער פאַרשווערונג, האָט ער פּינקטלעך און אויפריכטיק אָנגערופן די טיילן אַרבעט, וואָס ער האָט אויסגעפּילט, די פּרינציפּיעלע מאָטיוון, וואָס האָבן אים געשטויסן צו טעראָר. צוליב דעם, וואָס ער האָט פאַרוויליק אַליין זייער קלאָר און דייטלעך באַצייכנט זיין ראָל אין דעם איניען, האָט ער דערמיט נאָך שווערער געמאַכט זיין לאַגע. אין איינער פון זיינע דערקלערונגען זאָגט ער אַזוי:

„מיין מאָראַלער און אינטעלעקטועלער אָנטייל איז געווען א פולער, ד. ה. מיט אַלץ, וואָס ס'האָבן דערלאָזט מיינע מעגלעכקייטן און די קראַפט פון מיינע קענטענישן און איבערצייגונגען".

אַלעקסאַנדער איליטש האָט געזען, אַז בא דעם געגעבענעם צוזאַמענשטעל פון די באַשולדיקטע איז ער דער איינציקער, וואָס קען און דאַריבער אויך מעכויעוו אַרויסצוטרעטן מיט א פּרינציפּיעלער רעדע און באַגרינדן דעם שטאַנדפּונקט פון דער גאַנצער גרופּע און אויך די מאָטיוון, וואָס האָבן זיי געבראַכט צום טעראָר[1]. דעריבער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון א פאַרטיידיקער. און אָנשטאָט א פאַרטיידיקונג־רעדע האָט ער געהאַלטן א רעדע, וואָס דערקלערט, וואָס עס האָט אים געשטויסן צו גיין אָפּ דער פאַרשווערונג קעגן דעם קייסער.

„דידאָזיקע רעדע", — זאָגט זיין כאַווער אינעם פּראָצעס, נאָוואָרוסקי, — „וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין דער אָפיציעלער רעגירונג־סטענאָגראַמע שטאַרק געקירצט, קען נאָר איבערגעבן אין דער שוואַכסטער מאָס דעם איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט אָפּ אונדז, ווען מיר האָבן זי געהערט".

און אין איינער פון די אומלעגאַלע אויסגאַבעס פון יענער צייט ווערט געזאָגט: „די רעדע, וואָס אוליאַנאָוו האָט געהאַלטן, האָט גע־

1) פאַר דעם פּראָצעס האָט אַל. איל., ווי ס'איז צו זען פון ס. א. ניקאָנאָווס זיכרוינעס, אָנגעמערקט פאַר אָט דער ראָליע אים, ניקאָנאָוון, נאָר אַזויווי ניקאָנאָוון האָט מען אַרעסטירט מיט א כוירעש פריער, האָט אַל. איל. גענומען די ראָל אָפּ זיך.

מאכט זייער א שטארקן איינדרוק. מע פארגלייכט זי מיט זשעליאבאָוס רעדע״.

ער האָט געזאָגט, אז מיט סאָציאלע פראגעס האָט ער זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן פון דער צייט, ווען ער האָט אָנגעהויבן באוווסטזיניק זיך באציען צום ארום. איבער די ליידן פונעם פאָלק האָט ער זיך אָנגעהויבן פארטראכטן שיר ניט פון דער קינדהייט אָן.

„צו מיין גאָר פריער יוגנט״ —, האָט געזאָגט אלעקסאנדער איליטש, — „קאָן אָפּגעטראָגן ווערן יענער אומקלאָרער געפיל פון ניטצופרידנקייט מיטן אלגעמיינעם סיידער, וואָס אלץ טיפער און טיפער אריינדרינגענדיק אין באוווסטזיין, האָט ער מיך געבראכט צו די איבערצייגונגען, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט מיר אין דעם געגעבענעם פאל. נאָר ערשט נאָך דער שטודירונג פון די געזעלשאפטלעכע און עקאָנאָמישע לערעס האָט זיך די איבערצייגונג אין דער אומנאָרמאלקייט פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג אינגאבצן אין מיר פארפעסטיקט, און די אומקלאָרע טרוימען וועגן פרייהייט, גלייכהייט און ברודערלעכקייט האָבן זיך אויסגעגאָסן פאר מיר אין שטרענג־וויסנשאפטלעכע און סאָציאליסטישע פאָרמען. איך האָב פארשטאנען, אז ענדערן די געזעלשאפטלעכע אָרדענונג איז ניט נאָר מעגלעך, נאָר אז די ענדערונג איז אומפארמיידלעך. יעדער לאנד גייט דורך שטרענג באשטימטע אנטוויקלונג־פאזעס און מוז אומפארמיידלעך קומען צו געזעלשאפטלעכער אָרגאניזאציע. דאָס איז אן אומפארמיידלעכער רעזולטאט פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג און פון יענע ווידערשפרוכן, וואָס זיינען אין איר פארקערפּערט. אנערקענענדיק דאָס אלץ, מוז יעדער ערלעכער מענטש זען דורכפירן זיינע איבערצייגונגען אין לעבן. פאראן נאָר איין ריכטיקער וועג פון אנטוויקלונג — דאָס איז דער וועג פונעם פרייען וואָרט און פרעסע. פאר אן אינטעליגענטן מענטשן איז די רעכט פריי דענקען און זיך טיילן מיט זיינע געדאנקען מיט די, וואָס שטייען נידעריקער פון אים לויט זייער אנטוויקלונג, ניט נאָר זיין אומבארירלעכע רעכט, נאָר אפילו א באדערפעניש און א כויוו״...

„דאָ האָט דער פאָרזיצער איבערגעריסן אוליאנאָוון. זיינע נעוויעסזאָגנדיקע ווערטער, ארויסגערעדט מיט א טאָן פון טיפער איבערצייגונג און באגייסטערטער יוגנט, זיינען ניט געווען צום הארצן דעם

אַלטנ סענאַטער, וואָס איז גראָוו געוואָרנ אפ דער אַרבעט בא פּאַרטיי־דיקנ די אַלטע פּאָראָנדקעס פונ דעם צאַרישנ רעזשים״, — זאָגט וועגנ דעם מאָמענט נאָוואָרוסקי.

„...נאָר וויאַזוי אַרום קאָנ די רוסישע געזעלשאַפט קעמפנ פאַר אָט די נייטיקסטע פאַר יעדער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט רעכט? בא אונדז איז ניטאָ קיינ שטייפ־קאָנסאָלידירטע קלאַסנ, וועלכע זאָלנ קאָנענ, ווי אינ דער מייַרעוו־אייראָפּע, באַגרענעצנ די רעגירונג מיט דער הילפ פונ דער פּרעסע, פּאַרלאַמענט אונ דאָס גלייַכנ. בא אונדז זייַנענ אָפּגענו־מענ אַלע וועגנ אפ א נאָרמאַלנ אופנ דורכצופירנ אינ לעבנ אונדזערע אָנשויונגענ. די רוסישע געזעלשאַפט געפינט זיכ פּונקט אינ אַזעלכע באַדינגענ, אַז נאָר דורכ אַזעלכע גערעכטלעכע אייַנס אפ אייַנס מיט דער רעגירונג ווי טעראָר קאָנ זי פאַרטיידיקנ אירע רעכט. טעראָר — דאָס איז די פאָרם פונ קאַמפ, וואָס דער נייַנצנטער יאָרהונדערט האָט אַליינ באַשאַפנ.

געוויס, דאָס איז ניט קיינ אָרגאַניזירט געווער פונ קאַמפ, דאָס איז א סטיכיישע פאָרם, וועלכע נעמט זיכ דערפונ, וואָס די אומצופרידנ־קייט בא אייַנצלנע יעכידימ דערגייט ביז אויסטערלישער אַנטפּלעקונג. פונ אָט דעם שטאַנדפּונקט — איז דאָס דער אויסדרוק פונ פאָלקסקאַמפ, פונ יענעם ווידערשפּרוכ, וואָס דאָס לעבנ אַליינ ברענגט אונדז. די מיטלענ, וואָס די רעגירונג ווענדעט אָנ, קעמפנדיק ניט מיט די סיבעס פונ דער דערשייַנונג, נאָר מיט אירע רעזולטאַטנ, פאַרשטאַרקנ נאָכ מער דעם אינעווייניקסטנ ווידערשפּרוכ. אויב די רעאַקציע ווירקט שטאַרק מיט איר שווערנ דרוק אפ דער מערהייַט, ווייַזט די רעגירונג אַליינ אָנ דער מינדערהייַט, צונעמענדיק בא איר די לעצטע מעגלעכקייַטנ פונ א נאָרמאַלער טעטיקייַט, אפ יענעם אייַנציקנ וועג, וואָס בלייַבט פאַר די רעוואָליוציאָנערנ. אינ דעם רוסישנ פאָלק וועט זיכ שטענדיק געפינענ א צענדליק מענטשנ, וואָס זייַנענ אַזויפיל איבערגעגעבנ זייערע אידייענ אונ פילנ אפ אַזויפיל הייס די לייַדנ פונ זייער פאָטערלאַנד, אַז שטאַרבנ פאַר זייער זאַכ איז בא זיי גאָרניט פאַררעכנט פאַר קיינ קאָרבנ. אַזעלכע מענטשנ קאָנ מענ ניט אָפּשרעקנ מיט עפּעס וואָס.

אויב מיר האָט זיכ אייַנגעגעבנ צו דערווייַזנ, אַז טעראָר איז א נאַטירלעכער פּראָדוקט פונ דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, וועט ער

בלײַבן אויך אפֿ ווײַטער... איך האָב דאָ גערעדט ניט צוליב דעם, קעדיי צו פֿארענטפֿערן מײַן האנדלונג פֿונ דעם מאָראלן שטאנדפּונקט. איך האָב נאָר געוואָלט דערווײַזן, אז דאָס איז אן אומפֿארמײַדלעכער רעזולטאט פֿונ די עקזיסטירנדיקע באדינגענ, פֿונ די עקזיסטירנדיקע ווידערשפּרוכנ אינעם ארומיקנ לעבנ.

ס'איז באוויסט, אז בא אונדז גיט מענ א געוויסע מעגלעכקײַט צו אנטוויקלענ די אינטעלעקטועלע פֿעיִקײַטנ, נאָר די מעגלעכקײַט זיי אויסנוצנ צו דינסט דעם פֿאָטערלאנד — דאָס דערלאָזט מענ ניט..."

אָט דאָס איז די רעדע, ריכטיקער, די שטיקלעך אונ ברעקלעך פֿונ אלעקסאנדער איליטש אוליאנאָווס רעדע אפֿנ געריכט, וואָס זײַנענ דערגאנגענ צו אונדז. דער סטענאָגראפֿישער באריכט פֿונ דער רעגי־רונג, ארויסגעגעבנ נאָר אינ עטלעכע עקזעמפּליארנ פֿאר די אָנטיילנע־מער אינ דעם פּראָצעס אונ פֿאר די „הויכע רעגירונג־לײַט", האָט, פֿארשטייט זיך, איבערגעגעבנ ניט אזוי פּינקטלעך די רעדעס פֿונ די באשולדיקטע, — קײנער איז אינ דעם איבעריקס ניט געוועזנ פֿארינטע־רעסירט; דערצו נאָך האָט דער פֿאָרזיצער פֿונעם געריכט אלעמאָל איבערגעריסנ אלעקסאנדער איליטשס רעדע בא די פּרינציפּיעלע ערטער. (אפֿילע אינ דעם באריכט צו דעם פּאָליציי־דעפּארטאמענט ווערט גע־זאָגט, אז דער פֿאָרזיצער האָט צוויי מאָל אָפּגעשטעלט אוליאנאָווג פֿאר זײַנע טעאָרעטישע דערקלערונגענ וועגנ דער נוצ פֿונעם טעראָר). אזוי ארום קאָנענ מיר צוגויפֿשטעלנ נאָר דעם אלגעמײנעם אײַנדרוק פֿונ זײַנ רעדע.

נאָר אפֿילע דאָס, וואָס איז דערגאנגענ צו אונדז וועגנ אָט דעם פּראָצעס, וועלכער איז פֿאָרגעקומענ שטארק געהײם אינ די פֿעסטע קאזעמאטנ פֿונ דער זעלבסטהערשונג, אנטפּלעקט פֿאר אונדז כאָטש אצינד די גרונט־מאָטיוונ אונ איבערצײַגונגענ, וועלכע זײַנענ געוועזנ בא אלעקסאנדער איליטשנ, זײַנ פּרינציפּיעלע רײנקײַט, די אָפּוועזנהײַט פֿונ עפּעס וואָס פּערזענלעכס. אונ אצינד, אינ פֿערציק יאָר ארום, דעקט זיך אופֿ פֿאר אונדזער בליק דאָס, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט די בעסטע פֿאָרשטייער פֿונ דער דעמאָלטיקער יוגנט, דאָס, וואָס האָט זיי געגעבנ קויעך, געזעגנענדיק זיך מיט זייער לעבנ, וואָס האָט זיך בא זיי ערשט אָנגעהויבנ, גײנ אפֿ גרויסע לײדנ, אפֿ טויט, דערצו

נאָכ בא דער פולער אומזיכערקײַט אינ א וואָסער ס'ניט איז רעזולטאט פונ דעמ קאָרבנ אינ דער נאָענטסטער צײַט. ניט וואָס אלעקסאנדער איליטש האָט קיינ מינדסט וואָרט ניט ארויסגעבראכט, קעדיי זיכ צו פארגרינגערנ, נאָר ווי ער האָט געקאָנט, האָט ער נאָכ גענומענ יענעמס שולד אפ זיכ.

לוקאשעוויטשנ, וואָס איז געזעסנ לעבנ אימ, האָט ער שטילערהייט געזאָגט:

— אויב איַיכ וועט זײַנ עפעס וואָס נייטיק, זאָגט אפ מיר.

אפילע דער פראָקוראָר האָט אינ זײַנ באשולדיקונג־רעדע געזאָגט:

— אוליאנאָוו אנערקענט זיכ פאר שולדיק אינ אלצדינג, מיסטאמ אפילע אינ אזעלעכס, אינ וואָס ער איז ניט שולדיק.

אונ כוצ דעמ האָט אלעקסאנדער איליטש, ווי יעדער איבערצײַגטער רעוואָליוציאָנער, זיכ געסטארעט אויסנוצנ יעדער געריכט, קעדיי צו דערקלערנ זײַנע אָנשויונגענ, די מאָטיוונ פונ זײַנע האנדלונגענ. ניט געקוקט דערופ, וואָס דער געריכט האָט זיכ געפירט אונטער פארמאכטע טירנ, אונ ניט נאָר פאָרשטייער פונ דער פרעסע, נאָר קיינ איינ מענטש פונ דער אָרנטלעכער געזעלשאפט, כוצ זשאנדארמענ אונ די סאמע פארקויפטע טשינאָווניקעס מיט די סאמע געטרײַסטע קנעכט פונעמ צאריזמ, האָט מענ אהינ ניט צוגעלאָזט, פונדעסטוועגנ,—האָפנדיק, אז כאָטש וואָסערע ס'ניט איז ברעקלעכ וועלנ פאָרט דערגיינ צו דער געזעלשאפט, צומ פאָלק,—האָבנ איבערצײַגטע מענטשנ ניט מוירע געהאט זיכ נאָכ מער פארשווערנ זייער לאגע מיט דעמ, וואָס זיי דעקנ אופ זייערע אָנשויונגענ, אונ האָבנ געטאָנ אזוי, ווי זיי האָבנ געפונענ צומ בעסטנ פאר דער אלגעמיינער זאכ, פאר דער פארשפרייטונג פונ זייערע אידייענ, פאר דעמ ניצאָכנ אינ דער צוקונפט.

אונ ווירקלעכ, עפעס וואָס פונ אלעקסאנדער איליטשס רעדע, פונ זײַנ אופירנ זיכ אונ ארויסטרעטונגענ אפנ געריכט, האָט זיכ דורכגעשלאָגנ אינ אויסנ נאָכ דעמאָלט אונ האָט ארומגענומענ זײַנ פערזענלעכקײַט מיט אנ אָרעאָל, איבערגעבנדיק זיכ פונ מויל צו מויל אונ דינענדיק אלס בײַשפיל פאר דער יוגנט. אונ איצט, נאָכ דעמ ניצאָכנ פונ דער רעוואָליוציע, באקומענדיק אינ אונדזער רעשוס אלע דאָקומענטנ

פון דער צארישער עפּאָכע, קאָנען מיר אדאנק די פּרינציפּיעלע רעדעס פון די באשולדיקטע אופשטעלן פאר זיך די גאנצע געשיכטע פון די רעוואָליוציאָנערע באוועגונגען אין יענער צייט און זייער עוואָליוציע.

דער „פּראָצעס" האָט געדויערט אינגאנצן עטלעכע טעג און האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס מע האָט פארמישפּעט אלע פופצן באשולדיקטע צום טויט דורך טליע.

ניט נאָר אלע דירעקטע אָנטיילנעמער אין דער פארשווערונג, נאָר אפילע די, וואָס האָבן נאָר מיט עפּעס וואָס מיטגעהאָלפן, זיינען געווען פארמישפּעט צו דערדאָזיקער שטראָף. די שטראָף איז געווען באשטימט אפילע פאר דער קאלע פון איינעם פון די באשולדיקטע, דערפאר, וואָס דערוויסנדיק זיך פון א בריוו, אז ס'גרייט זיך אזא זאך, האָט זי ניט דערלאנגט אף איר אייגענעם כאָסן. אָט אזוי האָבן די אמאָליקע טשינאָוונע לייט געציטערט, טאָמער וועלן זיי מיט עפּעס וואָס ארויסווייזן, אז זיי זיינען ניט גענוג אופמערקזאם, ווען ס'גייט אין דעם, מע זאָל פארהיטן די הויכגעשעצטע פּערזענלעכקייט פונעם צאר.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז די שטראָף איז געווען צוגעגרייט נאָך פון פריער. ערשט שפּעטער האָט מען די שטראָף בענעגייע צו אייניקע אביסל פארגרינגערט: צום אלעם ערשטן האָט מען פארווייכערט די לאגע פון די דריי סיגנאליסטן פאר זייערע „אָפנהערציקע דערקלערונגען", פארשיקנדיק זיי אף קאטאָרגע אף דעם אינדזל סאכאלין. קאנטשער איז ניט געווען אימשטאנד איבערצוטראָגן דעם געדאנק, אז ער האָט פאראטן זיינע כאווירים און דאָס, וואָס אלע פארשיקטע האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט, און ער האָט דאָרט אין עטלעכע יאָר ארום געענדיקט מיט זעלבסטמאָרד. די מיטהעלפער אין דער פארשווערונג האָט מען פארמישפּעט צו פארשיידענע טערמינען אף קאטאָרגע און אף פארשיקונג. און פון די דירעקטע אָנטיילנעמער האָט מען לוקאשעוויטשן און נאָוואָרוסקין ארייַנגעוואָרפן אף גאנצן לעבן אין שליסעלבורגער פעסטונג. אזוי ארום איז די טויט־שטראָף געווען אויסגעפילט איבער פינף באשולדיקטע: איבער אָסיפּאנאָוון, אנדריושקינען, גענעראלאָוון — די באָמבע־וואָרפערס, און איבער אוליאנאָוון און שעווירעוון — די אָנפירער. זיי אלע האָט מען אָפּגעפירט אין שליסעלבורג און געקעפּט קאיאָר דעם 8־טן מיי אף אן אָפּגעזונדערטן הויף אונטער דער וואנט

פון אלטן קאָרפּוס. די קעפּונג איז געווען ארומגעשטעלט מיט אזא געהיימקייט און סאָד, ארום און ארום דעם אָרט איז אלצדינג געווען אופגעראמט און באשאָטן מיט זאמד מיט אזא פלייס, אז אפ מאָרגן, ווען מע האָט דורכ דעמזעלבן הויפ דורכגעפירט די ארעסטאנטן אפן שפּאציר, ווי ס'דערציילט וועגן דעם נאָוואָרוסקי, האָבן זיי קיין שום שפּורן פון דעם, וואָס איז דאָ נעכטן געשען, ניט באמערקט. ערשט א־ן עטלעכע יאָר ארום האָט מען זיך דערוווּסט וועגן דעם פון אייניקע זשאנדארמען, וואָס זיינען אליין ביי געווען באם אופהענגען.

— „ניטאָ מער אלעקסאנדער איליטש", — זאָגט אין זיינע זיכרוינעס דער כ' נאָוואָרוסקי. — „זיינע אייגענע און פריינט האָבן געטרויערט. נאָר אין דעם פאל, ווי אין אסאך אזעלכע פאלן, זעצן די טויטע פאָר זייער ארבעט ווייטער, און אפ זייערע קוואָרים וואקסן אויס און ס'ווערן צייטיק די קערנדלעך, וואָס זיי האָבן פארזייט, נאָר „אופציִען" זיי האָבן זיי ניט באוויזן".

„אפן אָרט פון דעם ברודער־קייווער פון אלע פארפייניקטע אפ טויט פאר דער צייט צווישן 1888—1905, אין די יאָרן מיט די ערשטע שפּור־שאָטנס פון באגינען", — זאָגט ווייטער נאָוואָרוסקי, — „ווען די רעוואָליוציע האָט אופגעפלאקערט, ווי שטילע ווייטע בליצן, צוזאָגנדיק אן עמעסן שטורעמדיקן שלאקס־רעגן, — האָט מען אין 1919 יאָר געשטעלט א דענקמאָל מיט די נעמען פון אלע די, וואָס האָבן דאָרט אוועקגעלייגט זייערע קעפּ".

דער דענקמאָל איז אוועקגעשטעלט דורכ די באמיִונגען פונעם כ' נאָוואָרוסקי, — איצט שוין אויכ א פארשטאָרבענער, — וועלכער האָט זיך געסטארעט אין די געציילטע יאָרן, וואָס איז אים געווען פארבליבן, פארייביקן דעם אָנדענק פון זיינע כאווירים, וואָס זיינען אומגעקומען סיי פון איין פּראָצעס מיט אים צוזאמען, סיי לויט דעם אָרט, אין וועלכן ער האָט פארבראכט העכער 18 יאָר.

דערינערונגען וועגן אלעקסאנדער
איליטש אוליאנאָוו

מיט א קאָמפּליצירטן געפיל נעם איך פאַרעפנטלעכן מײַנע זכרונות וועגן מײַן ברודער אלעקסאנדער איליטש.

פון איין זײַט אנערקען איך, אז אַף מיר, ווי אַף א מענטשן, וואָס איז געוואקסן מיט אים פון קינדווײַז אָן, פאַרבראַכט מיט אים אינאיינעם די סטודענטישע יאָרן און געווען צוגעצויגן צו ארעסט לויט איין איניען מיט אים, ליגט דער כויוו צו פאַרצייכענען אלץ, וואָס איך ווייס וועגן אים, און וואָס עמעצער אנדערש קאָן דאָס ניט אופשטעלן. נאָר פון דער אנדערער זײַט, איז ניט נאָר וואָס ס׳באַפרידיקט מיך ניט, אפילע אין דער מינדסטער מאָס, דאָס, וואָס איך האָב אָנגעשריבן נאָר איך פיל, אז איך בין גאָר ניט אימשטאנד צו געבן באַפרידיקנדיק די ביאָגראפיע פון מײַן ברודער. און דאָס נעמט זיך פון א גאַנצער ריי סיבעס.

פריער פון אלץ קאָן איך ניט באַלײַכטן מיט דער נייטיקער פולקײַט דאָס, וואָס אינטערעסירט מער פון אלץ אין דער ביאָגראפיע פון מײַן ברודער, דעם איניען זעלבסט, פאַר וועלכן ער איז אומגעקומען, די צוגרייטונג פון דעם איניען, ווײַל ניט נאָר איך בין ניט געווען אין דעם קיין אָנטיילנעמער, נאָר די גאַנצע זאַך איז פאַר מיר געווען א סאָד, און נאָר אפן סמאַך פון דעם, וואָס איך שטויס מיך אָן, וואָס איך שטעל צונויף דאָס, וואָס איז ארויסגעזאָגט געוואָרן דורך אנדערע און אויך פון פאַרשיידענע זײַטיקע איינצלהײַטן, קאָן איך קלאָר מאַכן פאַר זיך יענעם וועג, וואָס מײַן ברודער האָט דורכגעמאַכט, באַשליסנדיק זיך אָנטיילצונעמען אין א טעראָריסטישן אקט.

דעריבער איז מיר געבליבן נאָר צונויפזאמלען פאַרשיידענע שטריכער פון זײַן לעבן און פון דער קינדהײַט. נאָר דידאָזיקע שטריכעלעך, סײַ צוליב דער קורצקײַט פון זײַן לעבן, איבער וועלכן די טיר פון דער טורמע האָט זיך מיט ראש פאַרמאַכט, נאָך איידער ער איז געוואָרן א פול־דערוואקסענער מענטש, נאָך איידער עס איז אים געוואָרן פולע

21 יאָר, סײַ צוליב דער באזונדערער פארשלאָסנקײַט אונ טיפקײַט פונ זײַנ נאטור, — שרעקלעכ קארג אפ „אָפנהערציקע" שמועסערײַענ, — זײַנענ גאנצ קלײנ אינ צאָל אונ דורכלויפיקע. נאָר אזויווי אמאָל כאראקטעריזירט אָפ א קלײניקײַט דעמ מענטשנ בולעטער, ווי אנדערע „גרויסע" פאקטנ, אונ אזויווי מיר, א נאָענטנ מענטשנ, וואָס זײַנ געשטאלט האָט זיכ בא מיר אויסגעפורעמט אפנ סמאכ פונ אונדזער צוזאמענלעבנ, איז ניט מעגלעכ אָנצווײַזנ באזונדערס, וואָסערע מאָמענטנ האָבנ „געשאפנ" די־דאָזיקע געשטאלט,—האָב איכ באשלאָסנ פארצײכענענ קימאט אלצ, וואָס האָט זיכ פארהאלטנ בא מיר אינ זיקאָרנ, ווי עפעס ניט קײנ געוויינ־לעכס, אלצ, וואָס האָט אינ זײַנ צײַט איבער עפעס וואָס אָפגעשטעלט אפ זיכ דעמ געדאנק, טיפער באַרירט מײַנ געפיל. אונ מיר איז שווער צו באשליסנ, וואָס פאר א שטריכעלע פונ דעמ אלצ, וואָס איכ האָב ארופגענומענ אפנ פאפיר, איז נײטיק, וויכטיק, העלפט דעמ לײענער כאָטש ביז א געוויסנ גראד אופשטעלנ פאר זיכ זײַנ געשטאלט, אונ וועלעכס האָט זיכ אָפגעזעצט אפ דער „פאָליטשקע" אינ מײַנ זיקאָרנ צוליב רײנ־סוביעקטיווע סיבעס. אונ דורכקאָנטראָלירנ דידאָזיקע זיכ־רוינעס אינ איצטיקנ מאָמענט, בעיס ס'איז קימאט ניט געבליבנ קײנ מענטשנ, וואָס האָבנ נאָענט געקאָנט אלעקסאנדער איליטשנ, איז ניטאָ מיט וועמענ. די סאמע נאָענטסטע צו אימ מענטשנ, מײַנ ברודער דמיט־רי אונ מײַנ שוועסטער מאריע, זײַנענ ארומ יענער צײַט, ווענ ער איז אומגעקומענ, נאָכ געווענ צו יונג אונ קאָנענ דעריבער ווײניק וואָס געבנ פאר זײַנ כאראקטעריסטיק.

ווײַטער, דער פראָצעס פונ פארשרײַבנ אלײנ, אפילע דידאָזיקע אָפ־געריסענע, אָפטמאָל מיט גאָרניט צווישנ זיכ ניט פארבונדענע, דערינע־רונגענ, האָט זיכ פאר מיר פארשווערט דורכ א צווייענדיקער שטערונג: ערשטנס, האָט מײַנ ברודער אלעקסאנדער פארנומענ אינ מײַנ לעבנ אזא אויסשליסלעכ אָרט, אז אינ מעשעכ פונ יאָרנלאנג איז פאר מיר ניט געווענ מעגלעכ פארשרײַבנ דאָס, וואָס איכ האָב פארגעדענקט וועגנ אימ, ווײַל דאָס האָט באטײַט צורירנ זיכ צו א ווונד. אפילע אצינד איז מיר געווענ שווער אָנוואָרפנ אָט די בלעטעלעכ, אונ אויב פערזענלעכע איבערלעבונגענ גיבנ געווײנלעכ צו דער דערצײלונג לעבעדיקײַט אונ אָנשוילעכקײַט, איז אָבער זיכער, אז דער שארפער אָנגעווײטיקטער געפיל

בינדט דיר אָפּטמאָל דעם צונג און מאכט די דערציילונג נאָגגדיק און פײַנלעך. אין דעם האָב איך זיך איבערצײַגט אין פּראָצעס פון שרײַבן מײַנע זיכרוינעס. צווייטנס, האָב איך זיך איבערצײַגט אויך אין דעם, אז כוץ אנדערע שטערונגען האָט א גרויסע ווערט — די צײַט.

דאָס, וואָס דרײַסיק יאָר נאָכאנאנד האָט מען ניט געקאָנט פארשרײַבן אופריכטיק די זיכרוינעס וועגן ברודער, וואָרום ס׳איז געווען מיעס פונעם געדאנק אליין, אז געקויפטע מענטשן, שפּיקעס פון פארשיידענע ראנגען, וועלן זיך פּאָרקען אין זיי, — פון דעם איז, פארשטייט זיך, זיי קיין געזונט ניט צוגעקומען: די דאָזיקע יאָרן, באזונדערס די לעצטע, די רעוואָליוציאָנערע, צווישן וועלכע אייניקע — לויט דער מאָס פונעם איבערגעלעבטן — קאָנען פארעכנט ווערן איין יאָר פאר צען, האָבן אסאך אויסגעמעקט פונעם זיקאָרן, אזוי אז איינער פון די כאוויירים, וואָס איז געווען מיט אלעקסאנדער איליטשן פון די סאמע נאָענטסטע, ס. א. ניקאָנאָוו, זאָגט: „ס׳האָבן זיך אָפּגעמעקט קימאט אלע קאָנקרעטע שטריכן, וואָס זיי כאראקטעריזירן אמבעסטן דעם מענטשן, און ס׳איז געבליבן נאָר דער אלגעמיינער אײַנדרוק פון א ליכטיק געשטאלט”. הערנדיק דאָסזעלבע פון אסאך אנדערע, באמערקנדיק אליין דעמזעלבן פאקט אין די זיכרוינעס, וואָס זײַנען אָנגעקומען צו מיר אין די הענט, האָב איך געפּרוּווט אָנהייבן פארצייכענען די אלע קאָנקרעטע שטריכעלעך, וואָס האָבן זיך פארהאלטן גאנצערהייט אין מײַן זיקאָרן, אפילע די מינימאלסטע. איך האָב ארויפגעשריבן פון מײַנע שווארצע נאָטיצן, אָנגעוואָרפן אין 1906 יאָר, בעיים איך האָב צונויפגעשטעלט די ביאָגראַפיע פונעם ברודער פאר דער „גאלעריי פון די שליסעלבורגער ארעסטאנטן”, אזעלכע קלייניקייטן, צום בײַשפּיל, ווי די טאָגטעגלעכע נאָטיצן וועגן די לעצטע טעג פאר דעם 1־טן מארט, וואָס האָבן זיך שוין מער אָדער ווייניקער אויסגעמעקט פונעם זיקאָרן פאר די יאָרן, וואָס זײַנען פון דער צײַט פאָריבער.

דאָס אלץ איניינעם גענומען: פערציק יאָר צײַט זינט דער ברודער איז אומגעקומען; די זעלטענע טיפקײַט און אָפּגעשלאָסקײַט פון זײַן נאטור; דאָס, וואָס דער איניען, פאר וועלכן ער האָט אוועקגעגעבן זײַן לעבן, איז פאר מיר געווען א סאָד; די אומעגלעכקײַט צוליב אויסערלעכע סיבעס פארפיקסירן דידאָזיקע דערינערונגען, קאָלזמאן זיי האָבן

זיך נאָך געהאַלטן געוווּנט בוילעט און לעבעדיק אין זיקאָרן; און די שווערקייט צוליב אינערלעכע סיבעס צו אָפּט און טיף זיי צערודערן,— דאָס אינסטינקטיווע סטאַרען זיך, אויס געפיל פון זעלבסטפאַרהיטונג, אויסמיידן דאָס — דאָס אַלץ איינינעם ברענגט מיט, וואָס מיינע פראַגמענטאַרע, אָפטמאָל דריבנע דערינערונגען קאָנען ניט אויפשטעלן מער וויניקער פול דאָס אינטעלעקטועלע און גייסטיקע פּאָנעם פון מיין ברודער.

*

לויט די יאָרן זיינען מיינע פאַרצייכענונגען איינגעטיילט אין דריי טיילן: „די קינדער־און שול־יאָרן", „די סטודענטישע יאָרן" און „דאָס לעצטע יאָר לעבן פון אלעקסאַנדער איליטשן".

I. אלעקסאנדער איליטשס קינדערשע און שילערישע יאָרן

אלעקסאנדער איליטש אוליאנאָוו איז געבוירן געוואָרן אין ניזשני־נאָווגאָראָד דעם 31־טן מארט 1866 יאָר. ער איז געווען דאָס צווייטע קינד אין דער פאמיליע בא דעם לערער פון מאטעמאטיק און פיזיק פון דער ניזשעגאָראָדער גימנאזיע, איליא ניקאָלײַעוויטש אוליאנאָוו.

אלעקסאנדער איליטשס פאָטער קומט ארויס פון אסטראכאנער מעש־טשאנעס, פון א געמיינער פאמיליע, און איז אין עלטער פון זיבן יאָר געבליבן א יאָסעם. פאר זײַן בילדונג האָט ער צו פארדאנקען זײַן עלטערן ברודער וואסילי ניקאָלײַעוויטש, וועלכן ס׳איז אויסגעקומען אוועקצוווארפן די אייגענע הייסע טרוימען וועגן לערנען און אָנקומען אפ א שטעלע, קעדיי אויסהאלטן די פאמיליע. דערפאר האָט ער זיך שוין געסטארעט געבן דעם ברודער דאָס, וואָס אים אליין האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו דערגרייכן: ער האָט אים ארײַנגעגעבן אין גימנא־זיע און שפעטער אים אויך באהילפיק געווען אין קאזאנער אוניווער־סיטעט, ביזוואנען איליא ניקאָלײַעוויטש, פון קינדווײַז אָן א צוגעוווינ־טער צו ארבעט, האָט זיך שוין געקאָנט אליין אויסהאלטן מיט פריוואַ־טע לעקציעס. מיט א געפיל פון גרויסער דאנקבארקייַט האָט איליא ניקאָלײַעוויטש נאָכדעם שטענדיק דערמאָנט דעם ברודער, וואָס האָט אים פארביטן דעם פאָטער, און די קינדער פלעגט ער אויך דערציילן, אז ער האָט אים זייער אסאך צו פארדאנקען. געענדיקט דעם אוניווער־סיטעט אין 1855 יאָר, פארנעמט איליא ניקאָלײַעוויטש דאָס אָרט פון א לערער אפ מאטעמאטיק און פיזיק אין פענזער דוואָריאנסקי אינסטי־טוט. פון דאָרטן פירט מען אים איבער אין 1863 יאָר פאר א לערער פון די זעלבע געגנשטאנדן אין דער ניזשעגאָראָדער גימנאזיע,און אין דוואָ־ריאנסקי אינסטיטוט. אונדזער פאָטער האָט ליב געהאט זײַן ספעציאַלי־

טעט, און כוצדעם, איז ער טאקע אין דער נעשאָמע געווען א פעדאגאָג, און זײַנע קענטעניש פלעגט ער איבערגעבן מיט טאלאנט און זייער פארשטענדלעך.

אלס באליבטן לערער האָבן אים אָפט דערמאָנט מיט אכטונג דער דאָקטער זשבאנקאָוו און אפילע אזעלכע מענטשן, ווי דער סענאטער טאגאנצעוו און דער פראָקוראָר נעקליודאָוו [1], וואָס האָבן זיך דערשלאָגן באם אלטן רעזשים צו גאָר הויכע פאָסטנס. ער איז געווען נאָכגיביק און געדולדיק צו די שילער, און מיט די מער אָפגעשטאנענע אָדער אזעלכע, וואָס האָבן זיך ניט געקאָנט נעמען קיין רעפעטיטער אהיים, פלעגט ער אין די פרײַע שאָען און אין די זונטיק־טעג אליין רעפעטירן.

נאָר ניט געקוקט אפ דער ליבע צו זײַן לימעד, האָט איליא ניקאָלײַעוויטש ניט פארטראכט זיך און פארביטן דאָס מער רויִקע און ביז א געוויסן גראד אײַנגעזעסנע אָרט פון א פעדאגאָג — ער איז אָפגעווען לערער דרײַצן יאָר — אפ דעם אמט פון אינספעקטער איבער די פאָלקס־שולן, אן אמט, וואָס האָט זיך דעמאָלט צום ערשטן מאָל באוויזן. ער איז איבערגעפאָרן פון ניזשני־נאָווגאָראָד קיין פערם, וואָס האָט זיך צו יענער צײַט גערעכנט פאר א טויבן העק, און זיך גענומען מיט ברען פאר דער אָרגאניזירונג פון דער נײַער שווערער זאך. קיין שולן איז אין דער גובערניע ניט געווען, און די, וואָס זײַנען יאָ געווען, זײַנען געווען נישטיקע. די לערער זײַנען לאכלוטן ניט געווען צוגעפאסט צו זייער זאך. איליא ניקאָלײַעוויטשן איז אויסגעקומען אסאך ארומפאָרן איבער דער גובערניע, דאָרט ווו ס'איז אינגאנצן ניט געווען — עפענען נײַע שולן, די אלטע—רעפאָרמירן אפדאָסנײַ, און אנדערע—רעווידירן.

דאָס איז געוואָרן די זאך פון זײַן לעבן. ער האָט אין איר ארײַנגעלייגט אלע זײַנע קויכעס און זײַן גאנצע ענערגיע, אלץ געטאָן מיט ליבע און מיט דער טיפישער פאר אים אײַנגעשפארטקײַט אין הינזיכט פון דערשלאָגן זיך א רעזולטאט.

בא אזא ארבעט האָט ער זייער ווייניק געקאָנט אָפגעבן צײַט פאר זײַנע אייגענע קינדער. נאָר זײַן אייגענער פערזענלעכער בײַשפיל איז

---

1) דער באשולדיקער אפן פראָצעס פון אלעקסאנדער איליטש און זײַנע כאווײרים לויט דעם איניען פון 1 מארט 1887 יאָר.

געווענ אָט דאָס גרויסע, וואָס די קינדער האָבנ פונ אימ באַקומענ אונ וואָס ס'איז ניט אָפּצומעסטנ לויט דער דערציִערישער ווערט. אונ אפילע זײַנע מינימאַלסטע פרײַע שעה, וואָס ער פלעגט זייער גערנ פארברענגענ אינדערהיימ מיט דער פאמיליע, האָבנ זייער אסאַכ געגעבנ די קינדער. אונ ווײַטער—האָט ער דירעקט אויכ אָנגעפירט מיט די לימודימ פונ די קינדער, מער פונ אַלצ מיט די צוויי עלטערע זינ, באַזונדערס בא זייערע ערשטע שול־יאָרנ, געזעסנ זיי צוגעווינענ זײַנ פינקטלעכ באַמ גרייטנ די לימודימ. זײַנ אווטאָריטעט אינ דער פאמיליע אונ די ליבע פונ די קינדער צו אימ איז געווענ זייער גרויס.

א גרויסע ווערט אינ דער דערציִונג פונ די קינדער האָט אויכ געהאט אלעקסאנדער איליטשס מוטער, מאריע אלעקסאנדראָוונע, לויט איר פאָטער־פאמיליע — בלאנק. דאָס איז געווענ א זעלטנ הארמאָנישע אונ גאַנצע נאטור. איר זעלטענע שטײַפקײַט אונ פעסטקײַט פונ כאראקטער, וואָס האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ אינ זייער גאנצער גרייס באַזונדערס אינ דער צײַט, בעת איר איז אויסגעקומענ איבערצוטראָגנ אפ זיכ אזוי פיל שווערס, האָט פאריייניקט אינ זיכ אניוועס אונ פילבארקײַט, אונ מיט דער טיפקײַט פונ נעשאָמע־איבערלעבונגענ האָט זיכ בא איר פאריייניקט א גראָדער ליבער כאראקטער אונ א פריילעכע נאטור, וואָס פלעגט באַצווינגענ איטלעכנ, וועמענ עס איז אויסגעקומענ זיכ מיט איר טרעפנ. נאָכ שטארקער האָט זי געווירקט מיט איר צויבער־קראַפט אפ אירע קינדער, וואָס זיי האָט זי אָפּגעגעבנ אלע אירע קויכעס, זיי ארומגערינגלט מיט געטרײַער ליבע אָנ פוסטנ נאָכגעבנ אונ פעסטעניש, אופמערקזאמ אונ פילבאר אכטונג געגעבנ אפ זיי, נאָר ניט איבעריק געשטערט זייער פרײַקײַט.

אליינ אנ אופגעצויגענע אינ דאָרפ דורכ איר פאָטער א דאָקטער, לויט יענער צײַט א פאָרשריטלעכנ מענטשנ, אינ באַדינגענ פונ פארשטײַפטער פיזישער דערציִונג אונ ארבעט, האָט זי אינ אירע יוגנטלעכע יאָרנ, לויט אירע ווערטער, ניט געוווּסט פונ קיינ שומ נערוועזקײַט. מיט אינטעלעקטועלער דערציִונג האָט געהאלטנ אביסל ערגער. איר פאָטער איז ניט געווענ בעקויעכ אראָפּברענגענ די נייטיקע לערער צו די יִנגערע קינדער, אזויווי ער האָט אמאָל געטאָנ מיט די עלטערע, בא אנדערע באַדינגענ. אונ פונ דער דערציִונג אינ די דעמאָלטיקע

פארמאכטע מיידלשע אינסטיטוטנ האָט ער ניט געהאלטנ. דעריבער האָט מאריע אלעקסאנדראָוונע נאָר באקומענ א געוויינלעכע הויז־בילדונג — האָט זיכ געלערנט אונטער דער אָנפירונג פונ א דײַטשקע, איר מומע, שפראכנ אונ מוזיק, אונ האָט אסאכ געלייענט. זי האָט לײַדנשאפטלעכ געגארט צו לערנענ ווײַטער אונ דאָס גאנצע לעבנ נאָכדעמ באדויערט, וואָס די באדינגענ אינ דאָרפ האָבנ דאָס ניט דערלויבט. געווענ א שטארקע שטוב־זיצערנ אונ האָט זיכ ניט אינטערעסירט מיט דעמ, ווי ס'פלעגט דעמאָלט פארברענגענ די פרײַע צײַט די פרויענ־געזעלשאפט.

איר באליבטסטער אָפרו איז געווענ מוזיק, וועלכע זי האָט לײַדנשאפטלעכ ליב געהאט אונ פלעגט זייער באגײַסטערט איבערגעבנ. נאָר פרײַע צײַט פאר דעמ פלעגט זיכ בא אונדז מאכנ נאָר דעמאָלט, ווענ די קינדער פלעגנ זיכ אוועקלייגנ שלאָפנ, אונ זיי פלעגנ ליב האָבנ אײַנשלאָפנ אונטער איר מוזיק,—אונ אז זיי זײַנענ אונטערגעוואקסנ, האָבנ זיי ליב געהאט טאָנ עפּעס אנ ארבעט אונטער איר מוזיק.

אויב נאָכ צוגעבנ צו דעמ אלעמענ, אז די פאמיליע אונדזערע האָט געלעבט זייער באשיידנ, נאָר פונעמ טאטנס געהאלט, אונ נאָר אדאנק דער גרויסער עקאָנאָמיע פונ דער מאמענ האָט זיכ אײַנגעגעבנ אזוי פירנ די שטוב, אז פונדעסטוועגנ זאָלנ די קינדער זיכ ניט נייטיקנ אינ דעמ, וואָס מע דארפ, דאנ דארפ מענ אנערקענענ, אז די פאמיליע־אומשטענדנ אונ די דערציִונג־באדינגענ זײַנענ געווענ זייער צוגעפאסט אונ פרוכטבאר פאר דער אנטוויקלונג פונ דעמ אינטעלעקט אונ כאראקטער בא די קינדער.

* * *

אלעקסאנדער איליטש איז, סײַ מיטנ פּאָנעמ, סײַ מיטנ כאראקטער, געווענ מער געראָטנ אינ דער מוטער, באזונדערס אינ דער קינדהײַט. שפעטער האָט די פאָרמ פונ די ליפּנ אונ פונ די ברעמענ אָנגעהויבנ כאפנ דעמ אָנבליק פונעמ פאָטער. נאָר אינ אלגעמיינ האָט מענ געקאָנט זאָגנ, אז ער איז געראָטנ אינ דער מוטער. דיזעלביקע זעלטענע פארייניקונג פונ אויסערסט פעסטנ אונ גראָדנ כאראקטער מיט א זעלטענער פילבארקײַט, צארטקײַט אונ אָרנטלעכקײַט. נאָר מער שטרענג אונ קאָנצענטרירט אונ נאָכ מער—מענער־ווילנ אינ כאראקטער.

פונ קינדווײַז זיכ דערצויגנ א רויִקער, א געזונטער, פונקט אזויווי די מוטער אינ איר קינדהײַט. זײַנ בלאָנד קעפּל מיט קוטשערנ, מיט די שוואַרצע ברעמענ אונ גרויסע שוואַרצע אויגנ, האָט אויסגעזענ זייער שיינ. באַזונדערס אינטערעסאַנט זײַנענ בא אימ אויסגעקומענ די אויגנ אונ זייער אויסדרוק, וואָס פלעגנ געוויינלעכ צוציִענ אלע הערצער. זיי האָבנ איבעראַשט מיט זייער ניט־קינדערשער טיפקײַט. ער האָט זיכ אויסגעצייכנט פונ אלע אונדז מיט זײַנ אַניוועסדיקנ גראַדנ כאַראַקטער אונ מיט עפּעס א באַזונדערער נעשאָמע־ריינקײַט. כאַראַקטעריסטיש, וואָס איכ — אנ עקספּאַנסיווע, אונ איבער דעמ שטענדיקנ אונטערקרענקענ אינ דער קינדהײַט — א גענוג קאַפּריזע, — געדענק ניט, מיר זאָלנ זיכ כאָטש איינ מאָל אפילע קריגנ. איכ געדענק אויכ ניט פונ קיינ אנדערע קריגנ זײַנע מיט די איבעריקע שוועסטער אונ ברידער אָדער מיט די כאַוויירימ. ער אונ א קריג, א צוזאַמענשטויס — דאָס האָט זיכ עפּעס ניט געבונדנ איינס מיטנ אנדערנ. עפּעס גאָר א באַזונדערע אויפמערקזאַמקײַט אונ פילבאַרקײַט צו דער פערזענלעכקײַט פונ צווייטנ איז בא אימ געווענ פונ דער קינדהײַט אָנ.

לעהייפּעכ צו מיר האָט סאַשע געקרענקט ווייניק. איכ געדענק נאָר איינ געפערלעכע קרענק, א מאָגנ־אָנצינדונג, ווענ ער איז אלט געווענ א יאָר פיר. איכ געדענק, אז מע האָט אימ געבראַכט צו פירנ עפּעס שטאַרק שיינע שפּילעכלעכ. ניט פאַרשטייענדיק אקוראַט, וואָס אונ ווענ, האָב איכ זיכ אויכ אָנגעהויבנ צו זיי ציִענ, אונ ער האָט מיט גרויס גוטמוטיקײַט מיר זיי אָפּגעטראָטנ. איכ געדענק דאָס לויכטנדיקע פּאָנעמ בא דער מאַמענ, ווענ זי האָט אימ אומגעפירט פאַר די הענט אונ אונטערגעהאַלטנ אימ, בעת ער האָט שוינ אָנגעהויבנ זיכ פאַרריכטנ. ס׳איז אויסגעקומענ אימ נאָכאַמאָל לערנענ גיינ.

דאָס איז פאָרגעקומענ אינ סימבירסק. די דערינערונגענ פונ דער גאָר פריִער קינדהײַט אינ ניזשני ביז האַרבסט 1869 יאָר, וואָס האָבנ א שײַכעס צו סאַשענ, זײַנענ בא מיר זייער קורצינקע אינ סאַמע ברעקלעכ. איכ געדענק אונדזער „קאַזיאָנע קוואַרטיר" אינ קאָרידאָר פונ דער גימנאַזיע־געבײַ פונ פיר צימערנ אינ דער ריי איינס נאָכנ אנדערנ, דערבײַ איז דער בעסטער געווענ אונדזער צימער. איכ געדענק דעמ טאַטנס קאַבינעט מיט מאַכשירימ פאַר פיזיק, אויכ דאָס, וואָס איינס פונ די

2—643

קעלע טריוואקס, אנ אָנגעריבנס מיט א געוואנט, וואָס מיר פלעגנ מיט דעמ אופהייבנ שטיקלעכ פאפיר. איכ געדענק דעמ פלאצ פאר דעמ הויז פונ דער גימנאזיע מיט א באסיינ אינדעווּמיט: איבער אימ שווינדלענ אלעמאָל דורכ די הילצערנע טשערפאקעס מיט לאנגע הענטלעכ, אונ ארומ אימ שטייענ די פעסלעכ פונ די וואסערפירערס.

איכ געדענק דעמ ניזשעגאָראָדער בארג־סקווער — די געפלאנצטע אלייענ אפנ בארג־אראָפ צו דער וואָלגע צו. סאשע האָט זיכ דאָרטנ איינמאָל אויסגעגליטשט אונ זיכ אָנגעהויבנ קײַקלענ אראָפ פונ דער הייכ, אונ די מאמע האָט זיכ שטארק דערשראָקנ. זייער קלאָר שטייט מיר פאר די אויגנ דאָס בילד: די מאמע, וואָס האָט זיכ פונ שרעק פארשטעלט די אויגנ מיט דער האנט; גיכ קײַקלט זיכ בארג אראָפ מיט דער גרינער, שטארק מעשופעדיקער זײַט עפעס א קליינ לעבעדיק קלימעקל, אונ דאָרטנ, אפ דעמ סטעזשקעלע, אינ דער נידעריק, עפעס איינער א גוטער מאנ כאפט דעמ ברודער אונ שטעלט אימ אוועק, אזוי ארומ אימ פארהאלטנ — אונ ניט געלאָזט ער זאָל, קײַקלענדיק זיכ, מאכנ נאָכ א רייס אָדער אפילע גאנצע צוויי, ביז ער וועט זיכ צוקײַקלענ צו די אונטערשטע שמאָלע סטעזשקעס...

איכ געדענק די ווינטערדיקע פארנאכטנ, דער מאמעס שפילנ אפ דער פאָרטעפיאנע, וואָס איכ האָב ליב געהאט הערנ, זיצנדיק אפנ דיל לעבנ איר קליידל, אונ איר שטענדיק פארברענגענ מיט אונדז, איר אָנטיילנעמענ אינ אונדזערע שפילנ, אינ די שפאצירנ, אינעמ גאנצנ לעבנ אונדזערנ. פונ דער צײַט, פונזינט איכ הייב זיכ אָנ אליינ צו געדענקענ, איז בא אונדז געווענ איינ דינסט, וואָס פלעגט זײַנ צו־מיינסטנ אינ קיכ, אונ מיר זײַנענ געווענ ארומ דער מאמענ. קיינ ניאניעס בא אונדז ביידנ, די צוויי עלטערע, געדענק איכ ניט. באזונ־דערס בוילעט האָט זיכ פארקריצט אינ זיקאָרנ, וויאזוי די מאמע שפילט זיכ מיט אונדז אינ אונדזער קליינ זאלעכל, וואָס איז בא אונדז געווענ אויכ דער עסצימער, אינ א שפיל, וואָס שטעלט פאָר א שליטנ, געשפאנט מיט דרײַ פערד אינדערבייט: דער ברודער זיצט אפ דער קעלניע, ער איז דער פורמאנ, ער פאָכט הייס מיטנ בײַטשל; איכ מיט דער מאמענ זיצנ פונהינטנ „אינ שליטנ”, אונ זי מאָלט פאר אונדז

מיט קורצע פאַרשטענדלעכע ווערטער א ווינטערדיקן שליאַך, א וואַלד, וועג־באַגעגענישן און וועג־פּאַסירונגען.

מיר ביידע — איך מיט סאשען — זײַנען געווען אַנטציקט. פאַר די אויגן זײַנען געשטאַנען, ווי לעבעדיקע, די אויסגעמאָלטע סצענעס. מײַן קינדערש הערצל איז געווען איבערגעפילט מיט דאַנקבאַרקײַט צו דער מאַמען פאַר אַזאַ זעלטן־טײַערער שפּיל, וואָס זי האָט אונדז צוגעטראַכט, און מיט א געפיל פון שטאָלץ און אַנטציקונג פאַר איר אַליין. איך קאָן מיט זיכערקײַט זאָגן, אַז קיין איין אַרטיסט האָט מיט זײַן קונסט אין די שפּעטערדיקע יאָרן קיינמאָל ניט אויפגעוועקט בא מיר אין דער נעשאָמע אַזאַ געפיל פון אַנטציקונג און מיר ניט פאַרשאַפט אַזויפיל גליקלעכע פּאָעטישע מינוטן, ווי אָט די נאַיִווע שפּיל, וואָס די מאַמע האָט מיט אונדז פאַרפירט. אַזאַ אײַנדרוק איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס כוצן קאָנען זייער לעבעדיק פאָרשטעלן די זאַך, וואָס דאָס איז געווען א טיפּישער שטריך בא איר, האָט די מאַמע אָן שום צווייפל געווירקט נאָך דערמיט, וואָס זי האָט זיך אויפריכטיק אַרײַנגעטאָן אין אונדזער שפּיל, אין אונדזערע אינטערעסן, און צוליב דעם, קעדיי צו פאַרשאַפן אונדז פרייד, האָט זי געקאָנט אַליין אויך ווערן באַגײַסטערט, — ניט וואָס זי האָט זיך, ווי א דערוואַקסענע, „אַראָפּגעלאָזט” צו א קינדער־שפּיל.

ניט געקוקט דערויף, וואָס אין דערזעלבער גימנאַזיע־געבײַדע, ווו מיר האָבן געוווינט, האָבן געוווינט נאָך אַנדערע לערער מיט פאַמיליעס, איז אין זיכּאָרן מיר פאַרבליבן נאָר די נעמען פון אייניקע קינדער, און ניט די קינדער אַליין, אויך ניט אונדזערע שפּילן מיט זיי. ווײַזט אויס, אַז מיר פלעגן זיך מיט זיי באַגעגענען זייער זעלטן און צומיינסטן זיך געשפּילט אינצווייען מיט סאשען, מיט וועלכן מיר פלעגן זיך קיינמאָל ניט צעשיידן.

לייענען האָבן מיר זיך געלערנט לויטן מעטאָד פון קלאַנגען. מיך האָט די מאַמע, קלוימערשט אין א שפּיל, אָנגעהויבן לערנען פון פינף יאָר אָן. איך געדענק, אַז אַף א קאַרטאָנדל זײַנען געווען אַרויפגעקלעפּט אויסיעס, און איך האָב פון די אויסיעס צונויפגעשטעלט ווערטער. דער ברודער האָט זיך שוין לעבן מיר אויסגעלערנט, נאָר זעלבשטענדיק, און דער טאַטע האָט נאָכדעם דערציילט, וויאַזוי סאשע, פיר יאָר

אלט, פלעגט צעשפּרייטנ אפנ דיל די צײַטונג און, ליגנדיק אָפּ דער צײַטונג, לייענענ.

איכ געדענק א רײַזע מיט דער שיפ פונ אונדז ביידנ, די עלטערע, מיט דער מאמענ פונ ניזשני קיינ אסטראכאנ צומ טאטנס קרויווימ. דאָס איז געווענ אָנהייב פרילינג מיט די ערשטע שיפנ. מיר זײַנענ דע-מאָלט אלט געווענ צו דרײַ־פיר יאָר. עפּעס קאמ־קאמ געדענקט זיכ מיר א קליינ שטיבעלע, אנ אלטינקע באָבע און פעטער. ס׳דערמאָנט זיכ מיר, אז מע האָט אונדז דאָרט אופגענומענ ווי געווונשענע געסט, ארומגע־טאנצט ארומ אונדז, און אז די מאמע האָט געטײַנעט, אז מע צעלאָזט אונדז שוינ איבער דער מאָס. צו דידאָזיקע קרויווימ זײַנענ מיר געפאָרנ נאָר דאָס איינע מאָל. אסאכ מער פארבינדונגענ האָבנ מיר געהאלטנ מיט דער מאמעס קרויווימ, צו וועלכע מיר פלעגנ פאָרנ אינ קאזאנער גובערניע יעדער יאָר אפ דעמ גאנצנ זומער.

סענטיאבער 1869 יאָר זײַנענ מיר איבערגעפאָרנ קיינ טימבירסק, ווײַל אהינצו האָט מענ באשטימט דעמ טאטנ פאר אנ אינספעקטער איבער די פאָלק־שולנ, און מיר האָבנ זיכ באזעצט אינ הויפ, אינ פליגל בא פריבעלאָווסקינ אינ הויז, וואָס אפ דער סטרעלעצקע גאס. אינ דער דירע איז דעמ 10־טנ אפרעל 1870 יאָר געבאָרנ געוואָרנ דער ברודער וולאדימיר. הארבסט 1870 יאָר האָט זיכ אונדזער פאמי־ליע אריבערגעצויגנ אינעמ אויבערשטנ עטאזש פונ דעמזעלבנ הויז און דעמזעלבנ באלעבאָס, נאָר צו דער גאס,—ווו מיר האָבנ אָפּגעוווינט ביז דעמ 1875 יאָר.

דעמאָלט איז דאָס הויז געווענ דאָס לעצטע אינ דער סטרעלעצקער גאס, וואָס האָט זיכ „אָנגעשפּארט” אינעמ פלאצ מיט דער טורמע, און דער הויפּט־פאסאד פונ דער טורמע איז אויסגעקומענ אקעגנ דער אזוי־גערופענער „אלטער קרוינ” — א הויכער ברעג פונ דער וואָלגע, באזעצט מיט סעדער ביז צומ טײַכ אראָפּ. לעהייפעכ צו דער „נײַער קרוינ” — דעמ בארג־טייל פונ דער ברעג־זײַט אינ צענטער פונ שטאָט, מיטנ בול־וואר פונ אומפארמײַדלעכע אקאציעס, מיט א גאָרטנ־שטיבעלע פונ ברעטלעכ אינדערמיט, מיט מוזיק, וואָס יאָנטעוו־צײַט האָט זי געדינט פאר אנ אָרט פונ שפּאציר און פארווײַלונג פאר דעמ „ריינעמ” שטאָט־עולעמ, — איז די „אלטע קרוינ” געווענ אינגאנצנ א פּוסטע ווילדע

פֿאָרשטאָט. עפּעס א פּאָר בענק זײַנען דאָ געשטאַנען אפֿנ הויכ־פּאָרי־סענעם ברעג, וואָס איבער דער וואָלגע. אונטער א יאָנטעוו האָט זיכ דאָ געהערט שפּילנ א האַרמאָשקע, די ערד איז געווענ אומעטום באַדעקט מיט שאָלעכצ פֿונ יאָדערנ אונ קערלעכ פֿונ באָקסערנ, וואָס איז דעמאָלט געווענ א באַליבטע נאַשערײַ, אונ גאָרניט ווייניק קעפּלעכ אונ ווײַדעלעכ פֿונ וואָבלע—דאָס הויפּט־עסנ באַ די וואָלגע־אײַנוווינער. פֿײַ־סעכ־צײַט פֿלעגט מענ קומענ אַהער שפּילנ אינ אײַער, אונ דער „אַלטער קרוינ״־פּלאַצ האָט זיכ געמינעט פֿונ די פֿאַרשיידנפֿאַרביקע פֿרויענ־קליידער אונ רויטע מענערישע העמדער פֿונ די אָרטיקע מעשטשאַנעס. מע האָט אוועקגעשטעלט א קאַרוסעל, די האַרמאָניעס האָבנ געריפּעט, איבערשרײַענדיק איינס דאָס אַנדערע, טענדלער האָבנ זיכ אומגעטראָגנ צווישנ אוילעמ מיט באָקסערנ, יאָדערנ, מאַנדלענ א. אנד. דער אוילעמ האָט זיכ פֿאַרווײַלט קימאַט גלײַכ פֿאַר די אַרעסטאַנטנ אינ די אויגנ, וואָס זײַנענ געווענ פֿול מיט קינע. בלייכע, באַוואָקסענע, עפּעס נאָר אַזויוי ווילדע פּענעמער—האָבנ אַרויסגעקוקט אַהער פֿונ הינטער די טורמע־גראַטעס, אונ ס'האָט זיכ געהערט, ווי די קייטנ קלינגענ אפֿ זיי. נאָר אינ א יאָנטעוו־טאָג, אויב מיר פֿלעגנ זיכ אַמאָל אַהער אַראָפּכאַפּנ, פֿלעגט מיט אונדז גיינ עמעצער פֿונ די עלטערע. איינע אַליינ האָט אונדז די מאַמע אַהער ניט אָפּגעלאָזט. באַלד, ווו ס'איז צוגעפֿאַלנ די נאַכט, פֿלעגנ זיכ פֿונ דאָרטנ שוינ הערנ שיקערע לידער, ס'פֿלעגט זיכ אָנהייבנ געשלעגנ, ווײַל אָנ דעמ זײַנענ אינ יענע צײַטנ קיינע שומ פֿאָלקס־פֿאַרווײַלונגענ ניט מעגלעכ געווענ.

דערפֿאַר אינדערוואָכנ איז דער פּלאַצ געווענ אונדזער געווײנלעכ פֿאַרווײַלונג־אָרט. אַרומ אונדזער שטוב איז קיינ שומ גערטנדל ניט געווענ, גיינ ערגעצ ווײַטער מיט אונדז האָט די מאַמע צומיינסטנ קיינ צײַט ניט געהאַט. אינ 1871 יאָר איז געשטאָרבנ געוואָרנ אונדזער שוועסטער אָלגע, אינ 1873 יאָר איז געבוירנ געוואָרנ אונ אינ עטלעכע טעג אַרומ געשטאָרבנ א ברודערל ניקאָלײַ, אונ אינ 1874 יאָר — אונדזער ברודער דמיטרי. די ניאַניע, וואָס מע האָט צוגענומענ צו וואָלאָדיען, איז געווענ שטענדיק פֿאַרנומענ באַ די קלענערע קינדער. „די קרוינ״ איז געווענ פֿונ אונדז א טראָט־גאַנג, אונ מיר, די עלטערע, פֿלעגנ איינע אַליינ איבערלויפֿנ דעמ וועג. מיר האָבנ זיכ דאָרט גע־

פֿאַרקערט אינעם „זאמד“, ד. ה. ריכטיקער אינעם שטויב. מיר פֿלעגן דאָרט געפֿינען פֿארשיידענע שטיינדעלעך, פּאַיאַנסענע שערבעלעך פֿון געפֿעס און אנדערע גוטע זאכן און פֿלעגן דאָס אלץ ברענגען צו טראָגן אהיים. די מאמע האָט מיט א שווער הארץ אונדז אָפּגעלאָזן אהין, צו דער טורמע, מאכמעס וועגן דידאָזיקע „איינוווינער“ האָבן זיך אומגעטראָגן שרעקלעכע מײַסעס, נאָר גיין ערגעץ אנדערש ווו איז ניט געווען, און ס'איז אויסגעקומען אײַנגיין אָפּ דעם.

איך געדענק, וויאזוי אָט דאָס טריבע מאָרעשכוירעדיקע טורמע־געבײַ, מיט זײַנע טריב־מאָרעשכוירעדיקע אײַנוווינער, האָבן פּײַנלעך־שווער גע־דריקט אָפּ אונדזערע קינדערשע געמיטער. אָט ווערסטו אזוי שטארק פֿארכאפּט פֿון דעם זעלטן־שיינעם וואָלגע־אויסזען, פֿונעם פֿויגלשן גע־זאנג, פֿונעם בארג־אראָפּ צום טײַך מיט די פֿרוכט־סעדער, אָדער דו האָסט זיך פֿארנומען מיטן אָפּזוכן אין זאמד פֿארשיידענע „אוצרעס“, — פּלוצ־לינג גיסטו א ציטער מיטן גאנצן לײַב און קוקסט זיך ארום: דאָס האָט מען א קלונג געטאָן מיט די קייטן אָדער זיך גראָב אויסגעזידלט און זיך צעשריִען אָפּן טורמע־הויף.

צוזאמען מיט שרעק פֿלעג אונדזערע קינדערשע נעשאָמעלעך ארומ־כאפּן אויך א געפֿיל פֿון טיפֿן ראכמאָנעס צו אָט די אומגליקלעכע מענטשן. איך געדענק די שרעק, וואָס האָט זיך אָפּגעדרוקט אין סאַ־שעס טיפֿע אויגן. ביז איצט שטייט נאָך פֿאר מײַנע אויגן א צארט איידל פּנעם מיט שווארצע אויגן, וואָס האָט זיך דאָרשטיק צוגעטו־ליעט צום פֿענצטער מיט די אײַזערנע גראטעס.

נאָר אפֿילע ערגעץ גיין מיט א דערוואָקסענעם איז פֿאר קינדער אין דעמאָלטיקן סימבירסק ניט געווען ווו. דאָס איינציקע שטאָטישע סעדל איז געווען דאָס קאראמזין־סעדל, וואָס ארום קאראמזינס דענק־מאָל. דאָס איז געווען א טיפּיש קאזיאָנע סעדל פֿון יענער צײַט, מיט די אומפֿארמײַדלעכע פּראָווינציעלע אלייקעלעך פֿון אקאציע־ביימלעך און בעז און א פּאָר קווייטן־קלומבעס. דאָרט האָט מען געדארפֿט זיך אופֿהאלטן „לײַטיש“. די קינדער האָבן זיך געפֿילט געבונדן — קיין פֿרײַער ריר אָדער קער. און אויסער די יאָנטעוו־טעג, ווען איבער די אלייען פֿלעגט מען פֿירן דורכשפּאצירן עטלעכע אויסגעפּוצטע קינדער, וואָס האָבן זיך אויך געלאנגווײַליקט, האָט דאָס סעדל שטענדיק געפּוסטע־

וועט, דער בױם אַף די אונטערגעשווירענע ביימלעך איז געווען באַדעקט
מיט שטויב און מיט שפּאַנישע פליגעלעך. דאָס קאַזיאָנע סעדל איז גע־
ווען פּונקט אָנגעמאָסטן פאַר די קאַזיאָנע געבײַען. אַף אַלע אַנשטאַלטן
מיט א געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער האָט זיך געפילט דיזעלבע אַלץ
אַפּטורויטנדיקע האַנט... און נאָך איין סעדל געדענק איך, דאָס ניקאָלײַ־
עווסקע, אויך אין סאַמע צענטער, נאָר שוין אינגאַנצן אין אָפּגעלאָזנס.
בערגלעך מיט ווילדגראָז, פאַרבערודיקט, דער פּאַרקן צעבראָכן. אַז די
טשערעדע איז געגאַנגען צוריק פונעם פעלד, פלעגן די בעהיימעס דורכ־
קריכן דורך די לעכער אין פּאַרקן און פאַרגיין אין סעדל אַרײַן. נאָר
ווי ס'ניט איז, — גרינג איז דאָרט געווען, און מיר, די צוויי עלטערע
קינדער, פלעגן איין צײַט גיין אַהינצו גאַנץ אָפט מיט א מיידעלע פון
א יאָר 14, יעלענע, אונדזער קעכנעס טאָכטער. קיין שום סטרוזשן און
פאַרבאָטענישן איז ניט געווען, פלעגן מיר דאָרט גערן אומלויפן. איינ־
מאָל האָט יעלענע געזען, ווי מיר שטייען איבערגעבויגן איבער דעם
ברונעם און קוקן אַראָפּ אין דער טונקל־גרינער טיף פונעם וואַסער,
און דער ברונעם איז מיט גראָניט אַרומגעצאַמט. א שטאַרק דערשראָ־
קענע האָט יעלענע אונדז קאַם אָפּגעשלעפּט פון דאָרטן, באָטש ניט אָן
קיין ווידערשטאַנד פון אונדזער זײַט, ווײַל די געהיימפולע טיף האָט
געצויגן צו זיך. פון דעמאָלט אָן איז דאָסדאָזיקע סעדל געוואָרן פאַר
אונדז א פאַרבאָטענע זאַך, און אַף דורכגיין זיך איז כוץ דער גאַס, וואָס
פאַר אונדזער שטוב, געבליבן פון אונדזערטוועגן נאָר די „אַלטע קרוינ״.
עמעס, געהאַנדלט האָט זיך דעריקער וועגן פרילינג און האַרבסט, מאָכ־
מעס אַף צוויי, צוויי מיט א האַלבן כוידעש פלעגן מיר יעדער זומער
אָוועקפאָרן אין דעם דאָרף קאָקושקינאָ.

לייענען און שרײַבן, דאָס גלײַכן דעם סאַמע אָנהייב פון נײַע
שפּראַכן, האָט מיט אונדז געלערנט די מאַמע. נאָר אַזויווי אונדזער
געזינדל האָט זיך אַלץ פאַרמערט, די זאָרג וועגן דעם קליינוואַרג און
דער באַלעבאַטישקײַט האָט איר איבערגעלאָזט אַלץ ווייניקער און ווייני־
קער צײַט אַף דעם, האָבן זיך די לימודים געפירט, פאַרשטייט זיך, ניט
רעגולער. אַזוי אַרום האָט דער טאַטע האַרבסט 1873 יאָר גענומען פון
אונדזערטוועגן א לערער פון דער קירכישער געמיינדישער שול, איינעם
וואַסילי אַנדרייעוויטש קאַלאַשניקאָוו. דאָס איז נאָך גאָר געווען א יונגער־

מאגנטשיק, וואָס האָט נאָר וואָס געענדיקט די פּעדאגאָגישע קורסנ,
וואָס אונדזער פּאָטער האָט אָרגאניזירט אינ סימבּירסק. קיינ דערפאַ־
רונג האָט ער, נאטירלעכ, ניט געהאט גאָרניט, דערצו האָט ער זיכ נאָכ
עטוואָס אונטערגעשעמט אויכ בּא זײַנ דירעקטער אינ שטוב. איכ, א
שנעקל, האָבּ דאָס דעמאָלט בּאלד בּאמערקט אונ דאָס אויסגענוצט,
כאָטש מעגלעכ, אז בּא אים אינ זיקאָרנ האָט זיכ דאָס אָפּגעמעקט,
ווײַל אינ זײַנע זיכרוינעס האלט ער אונדז אינ איינ לויבּנ אלס שטארקע
„וועלערס". מעגלעכ איז אויכ דאָס, אז ער האָט אינזינענ דעריקער
סאשענ, וואָס האָט זיכ פונ קינדווײַז אָנ בּאצויגנ זייער געווויסנהאפט
אונ ערנסט צו זײַנע פליכטנ. סאשע איז דעמאָלט אלט געווענ זיבּנ
מיט א האלבּנ יאָר.

וואסילי אנדרייעוויטש פלעגט צו אונדז ארײַנקומענ נאָר אפ א שאָ
צײַט, אונ נאָכדעמ פלעגט ער אונדז פארגעבּנ ארבּעט אפ מאָרגנ. כוץ
דעמ, האָט די מאמע מיט אונדז געלערנט שפּראכנ, אונ מיר פלעגנ
אסאכ לייענענ. דער טאטע פלעגט בּאקומענ די גאנצע נײַע קינדער־
ליטעראטור, וועלכע האָט דעמאָלט איבּערגעלעבּט בּיז א געוויסנ גראד
א בּליִענדיקע צײַט: די זשורנאלנ „לייענשטאָפ פאר קינדער", „די פא־
מיליע אונ די שול" אונ אנד. גענומענ האָט מענ פונ אונדזערטוועגנ
אינ קאראמזינס בּיבּליאָטעק פארשיידענע קינדערשע בּיכלעכ אונ שול־
כרעסטאָמאטיעס. איכ געדענק, אשטייגער, גערבּעלס זאמלונג „רוסישע
פּאָעטנ", וועלכע מיר האָבּנ געלייענט אונ איבּערגעלייענט אונ אסאכ
פראגמענטנ אויסגעכאזערט אפ אויסנווייניק. בּא אונדז איז געווענ איינ־
געפירט צו א געבּורט־טאָג אונ אפ א יאָנטעוו צוגרייטנ עפּעס א סיור־
פריז פאר דעמ טאטנ מיט דער מאמענ. אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ
פלעגט דאָס זײַנ עפּעס אנ אויסגעמײַסטערט שטיקל ארבּעט: סאשע
פלעגט אויסזעגנ מיט א זעגעלע אייניקע שיינע זאכנ. נאָר אינ דער
גאָר פריִער קינדהײַט האָבּנ מיר נאָר געקאָנט זעלבּשטענדיק אויסכאזערנ
אפ אויסנווייניק אייניקע לידער פונ בּיכל אונ עפּשער נאָכ זיי איבּער־
שרײַבּנ מיט א שיינ קסאוו אונ אונטערטראָגנ אינ א קאָנווערט.

אונ אָט געדענק איכ, אז צו אזא מינ פאל האָט סאשע, לויט
זײַנ אייגענעמ אויסוואל, אויסגעכאזערט אפ אויסנווייניק ריליִעװס „אי־
וואנ סוסאנינ", אונ, ווייניק ליבּ האָבּנדיק דעקלאמאציע, האָט ער פאָר־

געלייענט מיט א שטארקנ אויסדרוק־געפיל די אָפּפער־ווערטער פונ יענער צײַט, געווידמעט דעמ פּאָטערלאַנד, וועדליק ער האָט עס דעמאָלט באַנומענ:

„נו, הארגעט! פארמוטשעט! אָט דאָ איז מײַנ קיווער!..
נאָר ווייסט אונ צעזעצט ווערט: איכ האָב געראטעוועט מיכאילן!
א פארעטער, געמיינט האָט איר, געפינענ איז מיר:
ניטאָ אונ ניט זײַנ וועלנ אזעלכע אפ דער רוסישער ערד!
דאָ האָט יעדער פונ קינדווײַז דאָס פּאָטערלאַנד ליב
אונ מיט פאראט די נעשאָמע וועט ניט אומברענגענ קיינער,
— באַנדיט! — זיכ צעשריִענ האָבנ די סאָנימ מיט קאַס: —
דײַנ טויט אפנ אָרט באקומ פונ דער שווערד.
— אײַער קאַס איז ניט שרעקלעכ!.. ווער ס׳איז א רוס מיטנ הארצנ,
דער וועט מוטיק אונ דרייסט
פאלנ מיט פרייד פאר דער זאכ פונ גערעכט...
אויכ איכ האָב ניט מוירע פאר טויט אונ פאר קעפּונג,
אָנ א ציטער וועל שטארבנ פארנ קייסער אונ ראסיי.

א יאָר אכט ניט מער איז דעמאָלט סאשע אלט געווענ, ס׳איז נאָכ געווענ פאר זײַנ ארײַנטרעטנ אינ גימנאזיע, אונ ס׳איז זייער כאראקטעריסטיש, מיט וואָס פאר א ווײַט ניט קינדערשנ ערנסט ער האָט געלייענט אָט דאָס ווײַט ניט קינדערשע געדיכט. איכ געדענק אויכ, אז אינ גערבעלס זאמלונג האָבנ מיר געלייענט מיט פארכאפונג אויכ מײַקאָווס „נארעלע“, מיר האָבנ געלייענט וואלטער־סקאָטס „אײַווענגאָ“ (לויט דעמאָלטיקער איבערזעצונג — „איוואנגאָיע“), אונ מיר זײַנענ זייער געווענ פארכאפּט. דערפאר אָבער האָבנ סאשענ לאכלוטנ ניט פארכאפּט אזעלכע ביכער, ווי מײַנ־ריד אונ פענימאָר קופּער.

ליב געהאט האָט סאשע פארשיידנערליי קאָלעקציאָנירונגענ, דערבײַ פלעגט ער זיכ אינ פארשיידענע פעריאָדנ אינגאנצנ אָפּגעבנ מיט זײַנ שטענדיקער שטילער לײַדנשאפט—דער אָדער יענער זאכ. אשטייגער, אינ עלטער פונ זעקס—זיבנ יאָר האָט ער איינ צײַט גענומענ זאמלענ אלע טעאטראלע אפישעס אונ פלעג זיי צײַטנווײַז צעלייגנ אפנ דיל. וועגנ דעמ האָט זיכ מיר פארגעדענקט, וויִאזוי וואָלאָדיע, שטענדיק א פארשײַטער, א פריילעכער, ניט געקוקט אפ דעמ פארבאָט, איז ארופ אפ דעמ

„טעפיכ“ אונ אָנגעהויבנ טרעטנ די אפישעס מיט די פיס, עטלעכע צעריסנ אונ צעקנייטשט, ביזוואנענ ס'איז ניט געקומענ די מאמע אונ האָט אימ צוגענומענ. סאשע איז געווענ שטארק אופגעבראכט אונ גענומענ אינדערגיכ צונויפפאקנ זײַנ אויצער: איכ, נאטירלעכ, האָב געטיילט איניינעמ מיט אימ זײַנ פארדראָס אפ וואָלאָדיענ.

איכ פארצייכנ דעמדאָזיקנ קליינעמ פאל, ווײַל אינ דעמ האָבנ זיכ אנטפלעקט באזונדערס בוילעט סאשעס אייגנטימלעכע כאראקטער־שטריכנ שוינ אינ דער פריִער קינדהײַט. ער איז געווענ אופגעבראכט, וואָס מע האָט גראָב אָנגערירט זײַנע רעכט, נאָר ער האָט זיכ ניט צעוויינט. איכ געדענק אינגאנצנ ניט, ער זאָל ווענ ניט איז קינדווײַז וויינענ. איכ געדענק אימ נאָר איינמאָל א פארוויינטנ, בעת די מאמע איז געווענ געפערלעכ קראנק. ער האָט אויכ ניט אָנגעווענדעט קיינ „גוואלד־מיטלענ“ קעגנ א ייִנגערנ פונ זיכ — אזעלכע פאלנ האָבנ מיט אימ קיינמאָל ניט געטראָפנ. ער האָט אימ אויכ ניט אָפגעזידלט — אזעלעכס האָבנ מיר אויכ קיינמאָל ניט געהערט פונ אימ. ער האָט נאָר א געשריי געטאָנ פונ אופגעבראכטקײַט, אונ זײַנע שווארצע אויגנ זײַנענ געוואָרנ נאָכ שווארצער, ווי זיי זײַנענ שטענדיק געווענ.

אָט אזוי — נאָר שוינ אָנ שומ אויסגעשריי, אינגאנצנ מיט שווײַגנ — פלעג ער רעאגירנ שפעטער אפ יעדער זאכ, וואָס ער איז געווענ קעגנ איר.

אונ די קראפט פונ שווײַגנדיקערהייט אויסדריקנ זײַנ פראָטעסט האָט אימפאָנירט אינ אימ שוינ פונ קינדווײַז אָנ. אפילע אזא זיכער, פרייִלעכ אונ פארשײַט ייִנגל, ווי וואָלאָדיע, פלעג נאָר אינ דער גאָר פריִער קינדהײַט ארויסווארפנ קעגנ סאשענ אזעלכע שטיקלעכ, ווי דאָס אויבנדערמאָנטע. אז ער האָט אָנגעהויבנ אביסל מער פארשטיינ אנערעכ בא 5־6 יאָר, איז דער עלטערער ברודער געוואָרנ בא אימ דער גרעסטער אווטאָריטעט, ער האָט אימ שטארק ליב געקריגנ אונ פלעגט אימ שוינ אלצדינג נאָכטאָנ. אינ יענע יאָרנ, ווענ וואָס מע האָט אימ ניט געפרעגט, פלעג ער ענטפערנ איינס: „אזויווי סאשע“.

איכ געדענק, ווי מיר פלעגנ לאכנ פונ אימ, ווי מיר פלעגנ אָפט אימ אומיסטנ אוועקשטעלנ אינ אנ אומבאקוועמער לאגע — ס'האָט גאָרניט ניט געהאָלפנ. אונ אויב אינ די שפעטערדיקע יאָרנ האָט דאָס נאָכמאכנ דעמ עלטערנ ברודער אָנגעוואָרנ די לעכערלעכע זײַט, איז

אין סאמע גרונטלעכן, וויפל וואָלאָדיע האָט נאָר געקאָנט, פונקט אזוי־ווי מיר אלע, האָט ער זיך געסטארעט „זיין אין אלץ, אזויווי סאשע". סאשעס ביישפּיל און ווירקונג אין אונדזער פאמיליע איז ניט מעגלעך איבערצושאצן.

איך דערמאָן מיך וועגן א געוויסן פאל, וואָס געהערט צו א מער שפּעטערדיקער צייט, ווען סאשע איז שוין אלט געווען א יאָר צען אָדער עלף. איינמאָל האָט דער טאטע זיך אויסגעקליבן ערגעץ גיין מיט דער מאמען, און איך געדענק שוין איצט ניט פארוואָס, פארן אוועקגיין האָט ער זיך אָנגעבייזערט אף מיר. איך, א היציקע און ניט קיין איינגעהאלטענע, ווי נאָר די טיר האָט זיך הינטער אים פארמאכט, האָב איך מיט פארדראָס א געשריי געטאָן: — א שלעכטער טאטע! — „ווי מעג מען עס אזוי זאָגן, אניע?" האָט מיר סאשע פירגעהאלטן. און איך געדענק, אז זיין ערנסט באַדויערן, וואָס האָט זיך געפילט אין זיינע ווערטער, האָט אף מיר געמאכט אסאך מער שטארקערן איינדרוק, ווי ס'וואָלט געמאכט אף מיר אפילע דער שטרענגסטער אויסרייד פונעם טאטן, אָדער פון דער מאמען, אָדער פון וועמען ס'ניט איז אנדערען. מיין גאנצער פארדראָס איז זיך צעפלויגן מיטאמאָל, ווי דער רויך אפן ווינט, — איך בין געווען באַשעפטיקט נאָר מיט איין זאך: צוריק אופשטעלן מיין רוע אין מיין ברודערס אויגן. — „איך האָב דאָך נאָר אזוי זיך, איך טראכט דאָך ניט אזוי אינדערעמעסן", — האָב איך געהאלטן אין איין טיינען און פארענטפערן זיך, פארקוקנדיק צו אים אין די אויגן, מוירע האָבנדיק מער פון אלץ אין דער וועלט, אז איך קאָן פארלירן עפּעס וואָס פון זיין מיינונג וועגן מיר. און נאָך וויכטיק איז, וואָס סאשע איז געווען יינגער פון מיר מיט אנדערהאלבן יאָר!

און נאָך איז מיר פארבליבן אין זיקאָרן אזא מאָמענט. אף עמעצנס א פראגע — אנערעך אין דיזעלבע יאָרן! — „וואָסערע פעלערן זיינען די ערגסטע"? — האָט סאשע געענטפערט: „ליגן און פאכדאָנעס".

אין אונדזער פאמיליע האָבן מיר זיך דערצויגן לויט דער עלטער, צו צוויי אין א גרופּע, און איך מיט סאשען פלעגן שטענדיק זיין אינאיינעם.

אונדזער פאמיליע האָט געפירט זייער אן אָפּגעשלאָסן לעבן. אין ניזשני־נאָווגאָראָד, ווו אונדזערע עלטערן האָבן פארבראכט זעקס יאָר,

האָט זיכ בא זיי אויסגעבילדעט א קרייַזל מיט באַקאַנטע פונעמ פעדאַגאָגישנ פערסאָנאַל בא דער גימנאַזיע, מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ געפּאַסט לויט זייער סאָציאַלער לאַגע און אַנטוויקלונג, דערצו איז מענ נאָכ געווענ פאַרבונדנ צווישנ זיכ צוליב דעמ אַלגעמיינעמ קאָרידאָר אינ גימנאַזיע, ווו די מערהייַט לערער האָבנ אויכ געוווינט מיט זייערע פאַמיליעס. בא מייַנ מאַמענ, וואָס איז פונ דער נאַטור געווענ אַזאַ, וואָס האָט ליב זיכ טרעפנ מיט מענטשנ און א לעבנסלוסטיקע, איז צווישנ די שכייִנעטעס געווענ גוטע פרייַנט. מע האָט געקאָנט נאָכדעמ, ווי מע האָט שוינ באַלייגט די קינדער שלאָפנ, זיכ פאַרקלייַבנ אינאיינעמ עפּעס לייענענ, אָדער שמועסנ, אָדער מוזיצירנ. אַלע נייַע זשורנאַלנ האָבנ זיכ דאָרט באַקומענ. מייַנ פאָטער פלעגט דאָרט אַמאָל אָפּדערנאַכט פאָרלעזנ אינדערהייכ פאַר אַלעמענ; צווישנ אַנדערע געדענק איכ טאָלסטויס „מילכאָמע און שאָלעמ”, וואָס האָט זיכ געדרוקט טיילווייַז. פאַר אונדז, קינדער, איז דאָרט געווענ א קינדער־געזעלשאַפט אויכ. דאָס אַריבערפאָרנ קיינ סימבירסק האָט דאָס אַלצ צונישט געמאַכט. אנ אָפּגעפרעמדטער, טויבלעכער און פראָווינציעלער העק אינ פאַרגלייַכ מיט דעמ באַליבטנ ניזשני־נאָווגאָראָד, א ווייניקער קולטורעלע וווינונג און אַנדערע באַדינגונגענ, און דעריקער — די שטאַרקע איינזאַמקייַט, באַזונדערס צוליב די אָפטע רייַזעס, וואָס דעמ טאַטנ פלעג אויסקומענ מאַכנ איבער דער גובערניע — דאָס אַלצ האָט זיכ שטאַרק געלאָזט פילנ, און די מאַמע פלעג אינ די שפּעטעריקע יאָרנ דערציילנ, אַז די ערשטע צייַט האָט זי אינ סימבירסק זייער שטאַרק געבענקט. קימאַט די איינונייַנציקע באַקאַנטע, וואָס זי האָט געהאַט, איז געווענ די אַקושאָרקע איליִנאַ, וואָס האָט געוווינט אינ דעמזעלבנ הויז און איז אויכ געווענ איר אַקושאָרקע בא די קלענערע קינדער.

איכ געדענק, ווי שטאַרק די מאַמע פלעג זיכ דערפרייענ, ווענ ס׳פלעג זיכ אַראָפּכאַפּנ צו אונדז פונעמ דאָרף עפּעס איינע א לערערנ, א יונג מיידל, פונ דער מאַמעס א באַקאַנטער פאַמיליע. די באַקאַנטע פונ סימבירסק זייַנענ געווענ ווייניק וואָס אינטערעסאַנט, און מע פלעג אָפּקומענ מיט א וויזיט נאָר פונ יאָנטעוו צו יאָנטעוו. די סימבירסקער געזעלשאַפט האָט זיכ דעמאָלט אייַנגעטיילט אַפ צוויי, איינער פונ דעמ

אנדערנ אָפּגעזונדערטע טיילנ אײַנער — די זוואָריאַנסטווע, וואָס האָט געלעבט צוזאַמענסטנ בא זיכ אינ די גיטער אונ האָט געפירט קענטשאַפט צוזאַמענסטנ אינ אנ אייגענער סוויווע (טימבירסק האָט זיכ גערעכנט איינס פונ די דעמאָלטיקע דוואָריאַנישע נעסטנ), אונ דער צווייטער — טשינאָווניקעס, וואָס האָבנ געפירט קענטשאַפט לויט די אמט־געביטנ אונ האָבנ זיכ שטרעבנ געהאַלטנ באַם טאַבעל, ווער צו וואָס פאַר א ראַנג געהערט.

קיינ אמט־כאַווײרים האָט דער טאַטע אינ די ערשטע יאָרנ ניט געהאַט, — אַזעלכע האָבנ זיכ בא אימ באַוויזנ ערשט אינ 1874 יאָר, בעת ער איז געוועזנ באַשטימט פאַר דירעקטער, אונ צוהילפ האָט מענ אימ געגעבנ אינספּעקטערס. מיט די אינספּעקטערס, זײַנע געהילפנ, האָבנ זיכ שפּעטער געשאַפנ נאָענטע פאַמיליע־קענטשאַפטנ, אונ אונדזערע קלענערע קינדער האָבנ צווישנ זייערע קינדער געהאַט כאַווײרים. וואָס איז שײַעכ דער קינדהײַט פונ אונדז ביידנ, די עלטערע, איז זי בא אונדז דורכגעגאַנ שטאַרק אָפּגעזונדערט פונ אנדערע, אונ דאָס האָט אַרופגעלייגט א געוויסנ שטעמפּל אפ אונדז ביידע, געמאַכט אונדז מער „ווילדע", ווי אנדערע, אונ אינ א געוויסער מאָס נאָכ מער פאַרשטאַרקט בא סאַשענ די געבאָרענע אָפּגעשלאָסנקײַט אונ קאָנצענטרירטקײַט אינ זיכ. צוליב די אָפטע רײַזעס פונעם טאַטנ פלעגנ מיר פאַרברענגענ די צײַט צוזאַמענסטנ מיט דער מאַמענ, געלייענט, געגרייט די לימודים, געמײַסטרעוועט עפּעס פונ קאַרטאָנ אונ פאַפּיר צו דער יאָלקע.

אַזוי־ווי קימאַט אלע אונדזערע באַציר זאַכנ זײַנענ געוועזנ פונ אונדזער אַרבעט אונטער דער מאַמעס אָנפירונג, פלעגנ מיר זיכ אָנהייבנ גרייטנ צו דער יאָלקע שוינ מיט א צײַט פריִער, אונ די דאָזיקע אַרבעט האָט פאַרפולט מיט אינהאַלט אונדזערע ווינטערדיקע אָוונטנ. אַזוי אַרומ איז די יאָלקע פאַר אונדז געוועזנ ניט עפּעס א פרעמדער בוימ, וואָס מע האָט אַרומגעהאַנגענ מיט געקויפטע שמאָכטעס, נאָר אונדזער אייגענע קאָלעקטיווע שאַפונג. אונ אפילע שפּעטער, שוינ זײַענדיק אינ שול, וואָס האָט אינ יענער צײַט נאָכ ניט געוווסט פונ קיינ שומ האַנט־אַרבעטנ פלעגנ מיר זײַנ זייער אַרײַנגעטאָנ אינ אָט דער פרימיטיווער שאַפונגטעטיקײַט. אפנ אַלגעמיינעמ פאָנ פונ דער אַרבעט־אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט בא אונדז אינ שטוב, פלעג די אַרבעט אַרומ דער יאָלקע

[illegible] טעטיקײַט, וואָס אין דער איצטיקער דערציִונג גיט מען איר צו אַזאַ גרויסן באַטײַט.

אונדזער באָבע פֿון דער מאַמעס צד איז געווען אַ דײַטשקע, און די מאַמע האָט זיך דערצויגן אין אַ געוויסער מאָס לויט די דײַטשישע טראַדיציעס, בײַ וועלכע די יאָלקע איז געווען איינע פֿון די וויכטיקסטע. אַ יאָלקע איז געווען אַ זאַך, וואָס האָט אומבאַדינגט געמוזט זײַן אינעם געהעריקן יאָנטעוו, אין יעדער מער־ווייניקער פֿאַרמעגלעכער דײַטשישער פֿאַמיליע,—אַפֿילע ווען די פֿאַמיליע איז באַשטאַנען פֿון סאַמע דערוואַקסענע. אין רוסלאַנד איז זי אַריבערגעטראָגן געוואָרן, ווי אַ פֿאַרווײַלונג פֿאַר קינדער, נאָר אין די גערמאַנישע לענדער איז די יאָלקע געווען אַן אַטריבוט פֿון קולט, און מע פֿלעג זי געוויינלעך אָנצינדן ערעוו יאָנטעוו אָפּדערנאַכט. אַזוי איז דאָס געווען אײַנגעפֿירט בײַ אונדז אויך. מיט דער יאָלקע האָט מען באַגעגנט דעם יאָנטעוו,—די קינדער האָבן באַקומען מתּנות, און די קינדער פֿון זייער זײַט האָבן אונטערגעטראָגן די עלטערן די זאַכן, וואָס זיי אַליין האָבן אויסגעמײַסטערט, אָדער זיי האָבן פֿאָרגעלייענט אָפּ אויסנווייניק די ספּעציעל פֿאַרגרייטע לידער. אַזוי ווי דער טאַטע איז געווען אַ רעליגיעזער, פֿלעג ער געוויינלעך דעם אָוונט גיין אין קלויסטער צו דער נאַכט־דינסט; אין די שפּעטערדיקע יאָרן פֿלעג ער אונדז, די עלטערע, אויך מיטנעמען, און די יאָלקע פֿלעג מען דעמאָלט אָנצינדן שוין, אַז מע איז געקומען פֿונעם קלויסטער. אין אונדזערע פֿריִע קינדער־יאָרן פֿלעג מען זי, ווי ס'ווײַזט אויס, אָנצינדן פֿריִער פֿאַר דער גאָטס־דינסט. אַזוי אַרום האָבן זיך אין אונדזער לעבן צונויפֿגעשטויסן צוויי קולטן, איינער מיטן אַנדערן, כאָטש דער יאָלקע־קולט האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעוועפּט און איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָעטישער פֿאָרם פֿון באַגעגענען דעם יאָנטעוו בײַ זיך אין פֿאַמיליע. מײַן מוטער, ווי אַלע די, וואָס האָבן זיך אויפֿגעצויגן אין ניט קיין ריין־נאַציאָנאַלער פֿאַמיליע, איז ניט געווען קיין גאָטספּאָרכטיקע און פֿלעג אַלציינס קנאַפּלעך גיין אין רוסישן קלויסטער, ווי אין דער דײַטשישער קירכע, וואָס איז אויך געווען אין סימבירסק. און אויך בײַ איר איז די יאָלקע שוין געווען אַ טראַדיציע פֿון דער קינדהייט, ניט מער.

דערפֿאַר איז בײַ אונדז די יאָלקע געווען אין די ווינטערדיקע טעג אַן עמעסע פֿרייד.

באַזונדערס האָט זיך פאַרקריצט אינ זיקאָרנ שטאַרק בוילעט אײנ־יאָלקע אינ יענער צײַט, בעיס די קלענסטע צווישנ אונדז איז געווענ א יאָר זעקס־זיבנ. עפּעס א באַזונדער אויסטערלישנ געפיל פונ א פאַרקניפּלטנ צווישנ זיך פרידלעכנ פאַמיליע־לעבנ, היימלעכקײַט אונ קינדער־גליק, אָנ א מינדסט וואָלקנדל,—האָט דער יאָנטעוו איבערגעלאָזט נאָכ זיך. איכ דענק, אז אזעלכע קינדערשע איבערלעבונגענ גיבנ זייער פיל ענערגיע, לעבנסלוסטיקײַט אונ אנ ענגע פאַמיליע־צוזאַמענגעבונדקײַט אפ דעמ גאַנצנ ווײַטערדיקנ לעבנ.

אפ זומער פלעגנ מיר אוועקפאָרנ אינ דאָרפ קאָקושקינאָ, קאַזאַנער גובערניע, אינ זיידנס גוט פונ דער מאַמעס צאַד; אהינ פלעגנ פונ זומער צו זומער זיך צונויפפאָרנ זײַנע אויסגעגעבענע טעכטער מיט זייערע קינדער. ביז דעמ 1875־טנ יאָר זײַנענ די רײַזעס אהינ פאָרגעקומענ אַלע יאָר נאָכאַנאַנד, אונ זיי האָבנ אונדז פאַרשאַפט גרויס פרייד. נאָכ מיט א צײַט פריִער פלעגנ מיר שוינ טרוימענ וועגנ דעמ אונ זיך גרייטנ אינ וועג אַרײַנ. קיינ בעסערס אונ קיינ שענערס פונעמ דערפל קאָקושקינאָ, וואָס איז טאַקע אינדערעמעסנ געווענ אנ אָרט מיט א זייער שיינעמ לאַנדשאַפט, האָט פאַר אונדז גאָרניט עקזיסטירט. עמעס, כוץ די אײנציקע צוויי זייער ניט אײַנגעגעבענע רײַזעס—אינ א גוט פונ סימבירסקער גובערניע צו נאַזאַריעווס אונ קיינ סטאַוראָפּאָל מיט דער וואָלגע צו אונדזער מומע ס. א. לאַוראָװע—זײַנענ מיר אינערגעצ קיינמאָל ניט געפאָרנ. מיר דאַכט, אז אונזער ליבע צומ דאָרפ קאָקושקינאָ, די פרייד נאָכאַמאָל זענ די באַקאַנטע ערטער, האָט מיסטאָמע זיך נאָכ איבערגעגעבנ אונדז פונ דער מאַמענ, וואָס האָט דאָרט פאַרבראַכט אירע בעסטע יוגנט־יאָרנ. נאָר, פאַרשטייט זיך, די דאָרפישע פרײַקײַט מיט די דאָרפישע פאַרגעניגנס, די געזעלשאַפט פונ די שוועסטערקינדער, ייִנגלעכ אונ מיידלעכ, זײַנענ פאַר זיך געווענ זייער צוציִענדיקע, באַזונדערס אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ—נאָכ די נימעסע וועגנט פונ די קאַזיאָנע גימנאַזיעס, נאָכ די מאַטערנישנ בא די מײַ־עקזאַמענעס, האָט דער זומער אינ קאָקושקינאָ זיך אויסגעדאַכט, באַזונדער פאַרביק־רײַכ אינ פריידיק־גליקלעכ.

באַזונדערס, דאַכט מיר, האָט דאָס אָרט ליב געהאַט סאַשע, וואָס ער האָט דאָרט געפונענ פאַר זיך אזא ברייט פּלאַצ פאַר יענעמ נאַטורוויסנשאַפטלעכנ אינטערעס, וואָס האָט זיך בא אימ אַרויסבאַוויזנ זייער

פרי. דאָרט האָט ער זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענערליי קאָלעקציאָנירונגען. באַזונדערס געדענקט זיך מיר אַ זעלטן־טײַערע קאָלעקציע פון פייגלשע אייעלעך, וואָס ער האָט דאָרט צונויפגעזאַמלט און אין סימבירסק זי נאָך פאַרמערט מיט צוגעקליבענע עקזעמפּליאַרן. שפּעטער, אין די אוניווערסיטעט־יאָרן, פלעגט ער זיך דאָרט פאַרנעמען מיט פּרעפּאַרירן פרעש און מיט אַנדערע וויסנשאַפטלעכע פּרוּוון, און אַפילו בײַ דער אונטערזוכונג דעם 1־טן מאַרט 1887 אין מײַן צימער, ווו ער האָט פריִער געוווינט, האָט מען צווישן אַנדערע פאַרנומען מיט גרויס פאָרזיכט עפּעס אַ ביסל ערד, ווי עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, געוויינלעכע אומשולדיקע אינפוזאָרישע ערד, וואָס סאַשע האָט געבראַכט פון קאָקושקינאָ, אָנגעגראָבן פון עפּעס אַ באַרג, וואָס מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן—מאַגניט־באַרג.

דאָס שמאָלע אומקום־שיפעלע, וואָס ער האָט מיט דעם אַזוי קונציק אָנגעפירט און פלעג זיך אין דעם אָפּזאַמען אַפן טײַך שאָענלאַנג, דאָס־גלײַכן שפּעטער דאָס ווײַטע אומוואַנדערן מיט דער ביקס אַפן אַקסל— זײַנען געווען פון זײַנע בעסטע פאַרגעניגנס. סאַשע האָט הייס און טיף ליב געהאַט די נאַטור, און שוין פון די גאַנצע יונגע יאָרן אָן האָט ער געקאָנט צוליב דעם זיך אָפּזונדערן און אײנער אַליין פאַרברענגען.

איינמאָל זײַנען מיר אין די קינדערשע יאָרן אַוועקגעפאָרן אין־צווייען מיט סאַשען אַף דעם שמאָלן אומקום־שיפעלע. דערווײַל האָט אָנגעהויבן גיין אַ רעגן, און איך בין גראָד דעמאָלט געווען פאַרקילט. איז סאַשע, אַלעמאָל זייער אַ פילבאַרער און אופמערקזאַמער, געוואָרן אומרויִק און גענומען שטאַרק רודערן און האָט אינדערגיך צוגעקערעוועט צום ברעג פונעם שכייניש דאָרף, טאַטאַרסקע. מיר זײַנען אַרײַנגעלאָפן אין דער נאָענטסטער שטוב, צו קאַרפּייען. קאַרפּיי איז געווען אונדזערער אַ גוטער באַקאַנטער. אַ יעגער און פישער, פלעגט ער זיך אָפט אַרײַנכאַפּן צו אונדז אין קאָקושקינאָ און פאָרלייגן געפליגלטס און פיש,—דערבײַ האָט ער ליב געהאַט פאַרפירן שמועסן וועגן פאַרשיידענע זאַכן. דער טאַטע פלעג זאָגן, אַז קאַרפּיי איז אַ פּאָעט און אַ פילאָסאָף. אַפילו דער אויסזען איז בײַ אים געווען אַ פּאָעטישער — געדיכטע, געקרײַזלטע שוואַרצע האָר, שוואַרצע שיינע אויגן, פול מיט אויסדרוק, אַ שטאַלטנע שטײַפע פיגור.

דאָס איז געווען א באגאבטער, באשאָנקענער פון דער נאטור אליין פאָלקסמענטש, מיט א וואָרט אין מויל — פול וויץ און שארפזין, און מיט זייער טרעפלעכע ווערטער און פארגלייַכונגען. נאָר מער פון אלץ האָט זיך מיר פארגעדענקט אונדזער שמועס מיט אים יענץ מאָל, בעיס מיר זייַנען ארייַנגעלאָפן צו אים זיך אויסבאהאלטן פון רעגן. ער האָט אונדז דערציילט, וויאזוי צומאָל האָט מען דורכגעטריבן דורך דער קאזאנער גובערניע קיין סיביר, לויט דעם באפעל פונעם קייסער קליינע „זשידעניאטעס".

דידאָזיקע געשיכטע פון א מענטשן, וואָס איז אליין געווען דערביי, שארף און דייַטלעך אויסגעמאָלט, האָט געמאכט אף אונדז א שטארקן אייַנדרוק. שוין העט שפעטער, אין די סטודענטישע יאָרן, לייענענדיק וועגן דעם די באשרייַבונג אין גערצענס „בילאָיע אי דומי", האָבן מיר דערמאָנט אונדזער דאָרפישן פאָעט קארפיי[1]. פארטראכטע, פארזאָרגטע, האָבן מיר זיך דעמאָלט אומגעקערט צו אונדזער שיפל, און מיר דאכט, אז פאר סאשען איז דאָס געווען איינער פון די פאקטן, וואָס האָבן נאָך אין די קינדערשע יאָרן אופגעוועקט בא אים יענע פארנעפלטע אומצופרידנקייַט מיט דער עקזיסטירנדיקער פאָליטישער אָרדענונג, וועגן וועלכער ער האָט גערעדט אין זייַן רעדע אפן געריכט.

כוצן פארברענגען אין קאָקושקינאָ איז מיר מיט סאשען געווען א גאָר גרויסער פארגעניגן די רייַזע איבער דער וואָלגע. סאשע האָט שטארק ליב געהאט די וואָלגע, זייַן אייגענעם היים־טייַך. איך געדענק, וויאזוי ס'פלעג אים שטארק געפעלן די ליד „פאראן אף וואָלגע אן איינזאמער שפיציקער שטיין". פארשטייט זיך, — פאר איר רעוואָליוציאָנערן אינהאלט. ריידנדיק וועגן דעם דאָרף קוקושקינאָ, בין איך אביסל פארלאָפן אף פריער. דער ערשטער טייל פון זייַן קינדהייַט, איידער ער האָט אָנגעהויבן באזוכן די שול, האָט זיך בא סאשען געענדיקט זייער

[1] גערצען, זייַענדיק סאָף דרייַסיקסטע יאָר פון פאָריקן יאָרהונדערט אין זייַן פארשיקונג, דערציילט, וויאזוי ער האָט זיך אין וועג אָנגעשלאָגן אף א גרופע קליינע יידישע קינדער, צווישן זיי אייניקע פון אכט יאָר, וואָס מע האָט ארויסגעריסן פון זייער היים און מע האָט זיי געטריבן צופוס קיין סיביר. אסאך פון זיי זייַנען איבערן וועג געפאלן און אומגעקומען; וויאזוי ער האָט זיך פארוקט אין א ווינקל פון זייַן ביטקעלע און געוויינט, געשאָלטן ניקאָלייַ דעם ערשטן, וואָס האָט צוגעקלערט אזא גרויזאמע זאך.

פרי, אינ עלטער פונ נײַנטהאלבנ יאָר האָט מענ שוינ ארײַנגעגעבנ אינ צוגרייטונג־קלאס פונ דער סימבירסקער גימנאזיע;

דער טאטע האָט געהאלטנ, אז א קינד דארפ מענ פונ די סאַמע פרי־סטע יאָרנ ארײַנגעבנ אינ שול, באזונדערס די יינגלעכ, זיי זאָלנ זיכ צו־געווינענ צו ארבעט, צו א דיסציפלינ, דורכגייענדיק דעמ קורס פונ די ערשטע קלאסנ אָנ. אליינ א מענטש מיט א געווינשאפט שטרענג אונ פינקטלעכ אויספילנ זײַנע פליכטנ, האָט ער גערעכנט פאר וויכטיק אײַנפלאנצנ דידאָזיקע געווינשאפט אויכ אינ זײַנע קינדער. אכטונג געבנדיק אפ די לימודימ פונביידע עלטערע יינגלעכ, סײַ ביז דער גימנאזיע, סײַ נאָכדעמ, ווענ זיי האָבנ דורכגעמאכט אינ גימנאזיע די ערשטע קלאסנ, פלעג ער זיי צוגעווינענ, זיי זאָלנ אקוראט אונ שטרענג־פינקטלעכ דורכארבעטנ אלע לימודימ.

ער האָט מוירע געהאט פאר דער ווירקונג פונ דער צו ווייכער שטוב־אטמאָספער אונ געהאלטנ פאר נוצלעכ ארונטערנעמענ די יינגלעכ אונטער א מענער־ווירקונג. כוצדעמ וואָלט דער טאטע ניט געווענ בעקויעכ בא זײַנ גרויסער פאמיליע נעמענ צו אונדז פארשיידענערליי לערער. אפילע ארײַנגעבנ אונדז אלע אינ געצאָלטע שולנ וואָלט געווענ פאר אימ איבער די קויכעס. אונדזער פאמיליע איז געוואָרנ אלצ גרעסער, אונ לעבנ האָט מענ געדארפט נאָר פונ דעמ טאטנס ניט גרויסנ גע־האלט. אינ די מיניסטערישע (קאזיאָנע) גימנאזיעס אדאנק דעמ, וואָס דער טאטע איז געווענ א טשינאָווניק פונ דעמ בילדונג־מיניסטעריומ, האָט מענ זײַנע קינדער געלערנט אומזיסט. פאר די מיידלעכ, וואָס האָבנ זיכ געלערנט אינ די מארינסקע גימנאזיעס, האָט מענ שוינ געמוזט צאָלנ. ווײַטער האָט דער טאטע, וואָס איז געווענ ניט קיינ איבעריק געזונטער, אָפט צוגעקרענקט, אונ אויסדינענ ביז דער פענסיע האָט ער ניט געהאָפט, אונ די לאגע פונ דער פאמיליע האָט אימ זייער שטארק באומרויקט. אונדז, די עלטערע, פלעג ער דערקלערנ, אז ענדיקנדיק דעמ קורס אינ גימנאזיע, וועלנ מיר דארפנ זיכ נעמענ רעפעטירנ אונ אוועקשטעלנ אפ די פיס די קלענערע קינדער.

אונ אָט איז דער עלטערער זונ אזוי ארומ שוינ פונ גאָר פרי אָנ ארײַנ אינ גימנאזיע. אנ אכטיאָריק קינד האָט מענ ארײַנגעשטעלט אינ א שמאָל מונדירל לויט דעמאָלטיקנ פאסאָנ מיט א הארטנ שטייענ־

דיקנ קאָלנער, אונ ער האָט געמוזט אָפּזיצנ ביז דריי אזייגער אינ גימנאַ־זיע, אונ אהיימ האָט מענ נאָכ אויכ געמוזט פארגעבנ. איבערהויפּט נאָכ — ארייַנגעפאלנ אינ א פארדומפּענער פּראָווינציעלער שול, וואָס מיט איר האָט אָנגעפירט אנ אלטמאָדישער דירעקטער ווישנעווסקי. ערשט, ווענ דער ברודער איז שוינ געווענ אינ איינעמ פונ די העכערע קלאסנ, האָט מענ ווישנעווסקינ אראָפּגעזעצט אונ אפ זייַנ אָרט געשטעלט קערענסקינ, אונ ווישנעווסקי איז געוואָרנ דירעקטער פונ דער מארינ־סקער פרויענ־גימנאזיע. אינגיכנ איז ער דאָרט סקאנדאליעז דורכגעפאלנ בא עפּעס א געניוועע. דערוווסט האָט מענ זיכ פונ איר אפ עפּעס א פייַערלעכנ גימנאזיע־באנקעט דורכ דעמ, וואָס איינער א לערער פונ צייכענענ, וואָס ווישנעווסקי האָט אימ באקריוודעט בא א רעכענונג אונ איז נאָכ געווענ אביסל אויסגעטרונקענ אויכ, האָט זיכ אוועקגעשטעלט מיטנ באָקאל אונ אפנ אָרט פונ א טאָסט א געשריי געטאָנ: —„אונ איוואנ וואסיליעוויטש [1]) האָט גרעאבעוועט, גרעאבעוועט, גרעאבעוועט!..

אויב דערמאָנענ, אז דערדאָזיקער אייגנארטיקער טאָסט איז געווענ פארעפנטלעכט אינ דער אָנוועזנהייט פונעמ גובערנאטער אונ ארכיערײ, קאָנ מענ זיכ פאָרשטעלנ, וואָס פאר א דונער אינמיטנ העלנ טאָג דאָס איז געווענ פאר דער גאנצער „גאָטספּאָרכטיקער" פּראָווינציעלער שטאָט, אונ ווי ס'האָט אופגערודערט די אייַנגעלייגטע בלאָטע, אונ דעמ אייַנדרוק, וואָס די געשיכטע האָט געמאכט אפ דער לערנ־יוגנט.

ענדלעכ איז געווענ ענדגילטיק אראָפּגענומענ פונ זייַנ פּאָסטנ דער־דאָזיקער פארשוינ, וואָס האָט יאָרנלאנג אָנגעפירט מיט דער בילדונג פונ דער גאנצער יוגנט אינ סימבירסק דער שטאָט! בא זייַנ אָנפירונג האָט געהערשט,— אונ ס'האָט ניט געקאָנט ניט הערשנ, — גראָבקייטנ, אמעראצעס, צווייפענעמדיקייט אונ כניפע.

פעדאגאָגנ האָט מענ צוגעקליבנ, זיי זאָלנ זיכ פאסנ צומ גאנצנ רומל. ס'האָט געהערשט פאמוסאָווס [2]) פרינציפ, „אז אפ ווארעמע שטע־לעס דארפ מענ אייַנאָרדענענ דער שוועסטערס אונ דער קרוויוועס קינדערלעכ". די מער לייַטישע לערער, וואָס האָבנ זיכ ניט געקאָנט

1) ווישנעוועסקי.

2) א טיפּישער טשינאָווניק פונ די אלטע צייַטנ. דער העלד פונ גריבאָיעדאָווס „Горе от ума".

אויסצײַכענ און זיכ „דרייענ אפֿנ קאָרעק" פֿאר דעמ דירעקטער, פֿלעגמענ דערווײַטערנ. איכ געדענק, וויפֿל עקלהאפֿטיקע אונטערלעקעריש־קײַט ס'האָט זיכ געפֿילט אינ די באציִונגענ מיט אָט דעמ ריינ־גאָגאָלישנ טיפּ מיצאד דער „נאטשאלניצע" פֿונ אונדזער גימנאזיע און דעמ איבע־ריקנ פּעדאגאָגישנ פּערסאָנאל. דער בעסטער צווישנ זיי, יעדנפֿאלס זייער א ציכטיקער אלס מענטש, איז געווענ דער אלטער ס. א. טשוגונאָוו, וואָס מע האָט דערציילט, אז דאָס האָט פֿונ אימ גאָנטשאראָוו אראָפּגע־שריבנ זײַנ קאָזלאָוונ אינ „אָבריוו". אנ אידעאליסט, א מענטש, וואָס האָט זיכ אינגאנצנ אָפּגעזונדערט פֿונעמ ארומ און זיכ ארײַנגעטאָנ אינ דער וויסנשאפֿט, שטענדיק ארומגעלייגט מיט ביכער. זײַנ לימעד איז געווענ לאטייִנ אינעמ ערשטנ און געשיכטע אינעמ דריטנ קלאס. די שילער פֿלעגנ גאנצ ברייטלעכ עקספּלואטירנ זײַנ צעשטרײַטקײַט, גוט־מוטיקײַט, טויבקײַט, און פֿלעגנ אימ נארנ אפֿ די לימודימ אפֿ וואָס די וועלט שטייט. דער ברודער האָט, צומ בײַשפּיל, דערציילט, אז אפֿ א פֿראגע פֿונ לאטייִנישער גראמאטיק, וואָסער בייג־פֿאָרמע איז דאָס און דאָס וואָרט — אקוזאטיוווס צי אבלאטיוווס, האָבנ זיי זיכ אויסגע־קליגט אָפּענטפֿערנ נאָכ דעמ סאָפ וואָרט „איוווס", און טשוגונאָוו, וואָס האָט ניט אינגאנצנ פֿארטרויט זײַנ אויער, פֿלעג מיינענ, אז דאָס איז דאָס און באשטעטיקנ:

— „יאָ, יאָ, אבלאטיוווס, אָדער אקוזאטיוווס"...

א צווייטער טיפּ פֿונ יענער וועלט איז געווענ דער לערער פֿונ דײַטש, שטיינגאוזער, וואָס מײַנ פֿאָטער האָט נאָכ אמאָל בא אימ גע־לערנט. ער האָט זיכ אזוי צוגעוווינט פֿאר די אלע יאָרנ צו דער גימנאזיע, ווו די בענקלעכ זײַנענ שוינ געווענ הוילע לעכער פֿונ זײַנ זיצנ אפֿ זיי, אז אפֿילע זומער אינ די וואקאציע־כאדאָשימ איז אימ געווענ אומעטיק צו בלײַבנ אינדערהיימ. און ער פֿלעג קומענ אינ גימנאזיע און זיכ כאָטש דורכגיינ איבער די ליידיקע קלאסנ אָדער זיכ אוועקזעצנ און פֿארפֿירנ א שמועס מיטנ סטרוזש. די איבעריקע לערער פֿונ די ייִנגערע קלאסנ געדענק איכ שוינ ניט. זיי פֿלעגנ זיכ אָפֿט בײַטנ און אפֿילע פֿונ איינעמ פֿונ זיי געדענק איכ ניט, דער ברודער זאָל זיכ גוט אָפּרופֿנ.

שווער איז סאשענ אָנגעקומענ דער גימנאזיע־יאָכ. אינ מעשעכ פֿונ דעמ גאנצנ קורס האָט ער קיינ שומ פּאָזיטיווס ניט אײַנגעזוענ אינ דער

גימנאַזיע און זי נאָר באַנומען אַלס אַ בריק צום אוניווערסיטעט. וואָס איז שייַעך די ערשטע יאָרן, האָט ער זיך דאָרט פּאָשעט געפּײַניקט. קלאָר, אַז די נײַן שווערע יאָר אין גימנאַזיע האָבן נאָך מער פאַרשטײַפט זײַן פון שטענדיק שטײַפן כאַראַקטער, נאָר ס'אַרא ווייטעק צו טראַכטן, ווי פּײַנלעך די גימנאַזיע איז געווען פאַר אים די ערשטע יאָרן, פאַר אַ קינד, וואָס איז געוואָקסן אין אַ קולטורעלער פאַמיליע־סוויווע. ווייסנדיק, אַז אַט דעם יאָך מוז מען ווי ס'ניט איז טראָגן, האָט ער זיך ניט געקלאָגט און מיט אַ וואָרט אַפילע ניט דערמאָנט וועגן דעם, אַז ס'איז מעגלעך עפּעס אַנדערש וואָס. ער האָט זיך נאָך מער פאַרשלאָסן אין זיך, און זײַנע שטענדיק־אומעטיקע אויגן זײַנען געוואָרן נאָך אומעטיקער. דאָס הייסט, ער האָט, פאַרשטייט זיך, אויסגעבאַהאַלטן פאַר די שטוב־מענטשן זײַן שווער געפיל צו דער גימנאַזיע און אַז ס'געפעלט אים דאָרטן גאָרניט. דאָך האָט ער זיך פון אָנהייב אָן געהאַלטן, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ ווילנסמענטשן.

ווײַט ניט אַזוי איז געווען מײַן אויפירונג אין אַ יאָר אַרום. איך פלעג אָפטמאָל מיט ביטערע טרערן וויינען און זיך בעטן בײַ דער מאַמען, מע זאָל מיך אָפּנעמען פון דער גימנאַזיע, פאַרזיכערנדיק זי, אַז אינדערהיים וועל איך אונטער איר אויפזיכט דורכגיין אַסאַך מער, אָדער אַמאָל בעטן אַ דערלויבעניש דורכצולאָזן אַ טאָג און ניט גיין אין גימנאַזיע,—דערבײַ פלעג איך זיך אַוועקזעצן און זיך נעמען מיט אַ ברען גרייטן די לימודים. מיט ווייטעק האָב איך געפילט, אַז דער טאַטע קוקט אויף דעם ווי אויף אַ סימען פון פוילקייַט. איך האָב געפילט, אַז ער איז אומגערעכט, ניט דאָס איז דאָס, נאָר דערקלערן מיט אַ טאָלק האָב איך ניט געקאָנט און בכלל ניט געפונען קיין מוט דורכריידן זיך וועגן דעם מיטן טאַטן. די מאַמע פלעג נאָכדעם דערציילן, אַז זי האָט ניט געוווּסט, וואָס טוט מען דאָ, באַזונדערס איבער מײַנע אָפטע קאַפּרייטעקן און ניט קאָנען שלאָפן דורך די נעכט. נאָר דער טאַטע איז געווען אַנטשלאָסן קעגן דעם מינדסטן נאָכגעבן. אין צוויי וואָכן אַרום האָט מען מיך נאָר איבערגעפירט אין אַן אַנדער קלאַס, ד. ה. פונעם צווייטן אין דריטן, ווײַל איך האָב אַבסאָליוט ניט געהאַט וואָס צו טאָן, און איך פלעג זיך מאַטערן פון לאַנגווײַל. די פאַמיליע האָט אונדז געגעבן אַזאַ אַנטוויקלונג, אַז מיר האָבן ווײַט איבערגע־

יאָגט מיט קענטעניש די שילער פונ אונדזער עלטער, אונ מיר האָבנ דעריבער געענדיקט דעם קורס זייער יונג. נעמענדיק אינ אכט, אז די דעמאָלטיקע שול איז ארויסגעפאָרנ מער פונ אלצ אפ די לימודים, וואָס מע פלעג פארגעבנ אהיים, אָפטמאָל אָנ א שום טאָלק, נאָר דערפאר ניט געקארגט,—פלעג דאָס זײַנ א צו שווערע אָנלאָדונג פאר דעם קינדערשנ עלטער. א נעגאטיווע זײַט איז אויכ געווענ די עלטערע יאָרנ פונ אונדזערע קלאסנ־כאווײרים.

כאראקטעריסטיש סײַ פארנ קולטור־ניוואָ, וואָס אונדזער שטוב האָט אונדז געגעבנ אונ בא אונדז אונטערגעהאלטנ, סײַ פאר דעם, ס'ארא אויסגעפורעמטע אינ מאָראלישנ זינ פערזענלעכקײַט סאשע איז געווענ איז דאָס,—אז אפ אים האָבנ ניט געווירקט אינ דער שלעכטער זײַט, ווי ס'טרעפט שטענדיק, אינ ווי ס'האָט אײַנעמעסנ טאקע גערדארפט ווירקנ, די געזעלשאפט פונ עלטערע, ווייניקער פונ סאשענ קולטורעלע כאווײרים. קיינ שום שלעכטע פּאָסטעמקעס האָט ער פונ זיי ניט גענאשט אונ ניט ארײַנגעבראכט אינ שטוב. דאָס אלצ פלעג שוינ אינ עלטער פונ אכט יאָר אָפשפרינגענ פונ אים. מיט באדויערונג אונ פאדראָס פלעג ער מיר אָפטמאָל דערציילנ וועגנ אייניקע גראָבע אופטוענ פונ זײַנע כאווײרים, וועגנ דער סאָלדאפאָנישער, גראָבער אונ צומאָל ניט גערעכטער באציִונג פונ די לערער, נאָר ביכלאל האָט ער ווייניק וואָס דערציילט. מער פונ אלצ פלעגנ מיר, א קוק טוענדיק אפ זײַנ אָנגעכמורעט פּאָנעם, זיכ שוינ אָנשטויסנ וועגנ דעם, אז אינ גימנאזיע האָט שוינ ווידער געטראָפנ עפעס ניט אנגענעמס. כאראקטעריסטיש איז אויכ דאָס, וואָס קיינ איינ מאָל פאר דעם גאנצנ נײַניאָריקנ קורס האָט מענ אים ניט פארקלאָגט פאר א גראָבנ אָדער צו שארפנ ענטפער די לערער. עמעס איז, אז ער האָט זיכ, אי געלערנט, אי געהאלטנ, אז מע האָט ניט געקאָנט האָבנ צו אים קיינ טײַנעס.

אז ס'איז אונטערגעקומענ די צײַט אָפצוגעבנ אינ גימנאזיע דעם קלענערנ ברודער, האָט סאשע — ער איז דעמאָלט אלט געווענ 12 יאָר — פלוצלינג געמאָלדנ מיט דער אנטשלאָסנקײַט, וואָס האָט כאראקטעריזירט אלע זײַנע זעלטענע ארויסזאָגונגענ, אז מע דארפ ניט ארײַנגעבנ וואָלאָדיענ אינ דעם צוגרייטונג־קלאס,—בעסער אים צוגרייטנ אינ ערשטנ. אונדער ברודער וולאדימיר האָט טאקע אָנגעהויבנ באזוכנ די שול פונעם

ערשטנ קלאס. מיסטאמע, האָבנ זיכ דער טאטע מיט דער מאמענ שוינ אלײנ אויכ איבערצײַגט, אז ס'איז קעדײַ ווי ווײַט מעגלעכ אויסמײַדנ כאָטש דעמ צוגרײטונג־קלאס, נאָר סאשעס וואָרט האָט דאָ געוויס געהאט א ווירקונג.

אינטערעסאנט, אז „פירנ קאָמפאניע" מיט מײדלעכ פונ אײגענעמ עלטער האָט לויט די דעמאָלטיקע גימנאזיסטישע טראדיציעס זיכ גע־רעכנט פאר ניט שײנ. פונ אזא זאכ פלעג מענ אָפלאכנ, אונ איכ געדענק, וויאזוי סאשע האָט אײנמאָל, ווענ איכ בינ אימ געגאנ באגלײטנ אינ גימנאזיע, זיכ געשטעלט אפנ ראָג אונ מיכ געבעטנ זיכ אומקערע־ווענ צוריק,—דערבײַ האָט ער זיכ זאָרגעוודיק ארומגעקוקט אפ אלע זײַטנ, עפשער זעט אימ עמעצער פונ די אָפלאכער. איכ מיט סאשענ האָבנ זיכ זײער גוט פארהאלטנ צווישנ זיכ, אונ דאָסדאָזיקע געניטע זיכ האלטנ פונדערווײַטנס האָט אויסגעזענ ווילד אונ פײַניקלעכ.

מײַנ פאָטער איז ניט געווענ קײנ אָנהענגער פונ דער קלאסישער גימנאזיסטישער בילדונג. אפ דער גימנאזיע האָט ער געקוקט נאָר, ווי אפ א בריק צו דעמ אוניווערסיטעט.

שוינ שפעטער צו, ווענ ס'האָבנ זיכ אָנגעהויבנ עפענענ רעאל־שולנ, האָב איכ געהערט אימ עמעצנ זאָגנ, אז וואָס קאָנ מענ מאכנ, מע איז געצווונגענ אָפצוגעבנ די קינדער אינ דער „קלאסישער" גימנאזיע, ווײַל אנדערש איז ניטאָ קײנ צוטריט אינ אוניווערסיטעט; דאָס פעיקע יינגל קאָנ נאָכדעמ פאָרווארפנ די עלטערנ, וואָס מע האָט פארשטעלט פאר אימ דעמ וועג צו אנ אוניווערסיטעט. באזונדערס איז ער געווענ קעגנ דער אָבליגאטאָרישקײַט פונ גריכיש. אינ זײַנ צײַט איז אינ גימנאזיע געווענ אָבליגאטאָריש נאָר לאטײנ. דעריבער האָט דער פאָטער געקענט אונ־טערהעלפנ בא די ערשטע טריט נאָר בא לאטײנ, ניט בא גריכיש. נאָר די איבערגעלערנקײַט מיט ארבעט אונ די אָפטע נעסיעס איבער דער גובערניע האָבנ דעמ טאטנ דערלויבט נאָר אינ אלגעמײנע שטריכנ אָנפירנ מיט דער בילדונג פונ ברודער. אונ דער פערזענלעכער בײַשפּיל פונ זײַנ אײגענער געוויסנהאפטיקער ארבעט האָט אינ דעמ זינענ מער דערצויגנ. אלײנ בינ גאָר א באשײדענער אונ שטרענגער צו זיכ, האָט ער געהאלטנ, אז דאָס, וואָס ער טוט אנ אָנגעשטרענגטע אידײישע ארבעט, איז עס זײַנער א פּאָשעטער געזעלשאפטלעכער כויוו, ניט

מער, און אונדז האט ער אויך אזוי געלערנט. ער איז געווען קעגן צופיל „פארלויבן", ווי ער פלעג זיך אויסדריקן, גערעכנט פאר שעדלעך א צו הויכע מיינונג וועגן זיך.

אצינד, אז איך קוק זיך אום אף צוריק אף אונדזער קינדהייט, טראכט איך מיר, אז ס'וואלט געווען אסאך געזינטער, ווען אט די, אין אלגעמיין ריכטיקע, פעדאגאגישע ליניע וואלט זיך געווען דורכגעפירט ניט אזוי גראד־אויסגעהאלטן. אינגאנצן ריכטיק איז זי געווען נאר בענעגייע אונדזער ברודער וולאדימיר, פאר וועלכן זי האט געדינט צוליב זיין גרויסער זעלבסטזיכערקייט און שטענדיקע דערפאלגן אין שול, אלס נייטיקער קארעקטיוו. ניט מינערנדיק קיין קאפעלע זיין ריכטיקן אפשאצן זיך אליין, האט עס געוויס קלענער געמאכט זיין גרויסהאלטן זיך, צו וועלכער ס'זיינען צומאל גענויגט צו פארלויבטע קינדער מיט שארף־אויסגעדריקטע פעיקייטן. דאס האט אים, ניט געקוקט אף דער פארלויבטקייט, צוגעוווינט אייַנגעשפארט און סיסטעמאטיש ארבעטן. נאר פאר אונדז אלע, באזונדערס פאר די מיידלעך, וועלכע האבן געליטן פון א געוויסן ניט פארגלויבן די אייגענע מעגלעכקייטן, — איז געווען נייטיק א מאל א לויב טאן אויך. איך געדענק, אשטייגער, וואס פאר א גרויסע ווערט פאר מיר האט געהאט דעם טאטנס מיינונג, וואס איך האב זיך דערוווסט פון סאשען, וועגן מיין ערשטער שריפטלעכער ארבעט, וועלכע האט אויך אויסגענומען אין שול. נאר דערוווסט האב איך זיך פון דעם צופעליק — דער טאטע האט איבערגעגעבן זיין מיינונג דער מאמען וועגן מיר אין מיין אפוועזנהייט.

עמעס, סאשע האט ניט געקרענקט אף דעם געפיל פון ניט גלויבן אין די אייגענע קויכעס, נאר אין זיין נאטור איז בעמיילע געווען געניג באשיידנקייט און שטרענגקייט צו זיך. דער געפיל פון כויוו איז בא אים אן דעם אויך געווען דאס דאמינירנדיקע אין זיין כאראקטער. א גוט ווארט וואס אפטער, און ביכלאל אזעלעכס, וואס איז אים־שטאנד אופצוהייבן דעם געפיל פון לעבנסלוסט, וואלט אים געקאנט ברענגען נוצן. נאר צומיינסטן האט דאמינירט אין דער פאמיליען־דערציִונג, אזויווי אין א מוזיקאלער מעלאדיע, איין נאטע. די נייטיקע גלייכע באציִונג צו אלע קינדער דערלויבט ניט אפשוואכן די נאטע פאר אייניקע פון זיי, און די איבערגעלאדנקייט מיט דער אייגענער

ארבעט גיט ניט די מעגלעכקײַט שויג פונ קלײנערהײַט אָפּשאצנ דעמ כאַראַקטער פונ יעדנ קינד באזונדער אונ אָנווענדנ צו אימ די נײטיקע פּעדאַגאָגישע ליניע. נאָר דער טאטע האָט זיכ פונדעסטוועגנ פאנאנדערגעקליבנ אינ אונדזערע אלעמענס כאראקטערס. איכ געדענק, אז אײנמאָל האָט ער געזאָגט, אז בא וואָלאָדיען איז א כאָלערישער טעמפּעראמענט, בא אָליען — א סאנגוויניש ער אונ בא מיר — א מעלאנכאָלישער 1).

אומקערנדיק זיכ צוריק צו דער פראגע וועגנ סאשעס שול־לעבנ, דארפ איכ זאָגנ, אז פאר אימ איז דאָס געווענ א בורסע, פארשטײט זיכ — מיט א קאָרעקטיוו פונ אונדזער שטוב אונ אופוּוירקונג פונ דער פאמיליע. זײער אסאכ האָט מענ געלײגט אכט אפ דעמ כאזערנ אפ אויסנווײניק אינ דער צײַט, ווענ באמ ברודער זײַנענ געווענ גרויסע מאטעמאטישע אונ אנאליטישע פעיִקײַטנ. ער פלעגט ניט־גרינג אופכאפּנ מיטנ זיקאָרנ, לאָז זײַנ אפ א מינוט, אבי אָפּקנאקנ דאָס פארגעבענע, — באזונדערס דאָס, וואָס איז פאר אימ ניט געווענ אינטערעסאנט, געווענ אומזיניק אונ דערווידער. בא אימ איז געווענ ניט יענע ספּעציפישע פעיִקײַט פונ דעמ „ערשטנ שילער", וואָס גיט אָפּט די מעגלעכקײַט דורכמאכנ מיט גלאנצ דעמ קורס, כאָטש קאָנענ גרונטלעכ קאָנ ער אימ ניט. דערפאר דאָס דורכגעטראכטע, דאָס דורכגעארבעטע, האָט זיכ אײַנגעלײגט בא אימ אינ זיקאָרנ פעסט, פונדאמענטאל. אונ ביכלאל, פונ קינדווײַז אָנ האָט ער שויג געלײענט גאנצ פּראָדוקטיוו, אויסארבעטנדיק בא זיכ וועגנ יעדער זאכ אנ אײגענע, ביז גאָר זעלבשטענדיקע מײנונג. דאָס „כאזערנ" לאטײנ, גריכיש, דײַטש, האָט אימ געעקלט. באזונדערס האָט זיכ פארגעדענקט, אז אינ די ערשטע קלאסנ איז דער ערגסטער טאָג בא אימ געווענ מיטוואָכ, ווענ כוצ אלע אנדערע לימודימ, איז נאָכ אויסגעקומענ צו כאזערנ אפ אויסנווײניק א דײַטשישנ מאָשל־געדיכט, עפּעס א ווײניק פארשטענדלעכע פאר קינדער, אלטפרענקישע באָבעמײַסע מיט א געשוואָלענער שפּראכ. דאָס פלעגט געווײנלעכ ארײַנברענגענ סאשענ אינ א געדריקטער שטימונג אפנ גאנצנ אָוונט,

1) כאָלערישער — ענערגישער, דרײסטער, גענוינט צו קאָמאנדעווענ; סאנגוויניש ער — א פרײלעכער, לעבנסלוסטיקער; מעלאנכאָלישער — גענויגט צו פארטראכטקײַט אונ אומעטיקײַט.

אונ די מאמע פלעג שוינ פרווונ „פארזיסנ" דעמ שווערנ מאמענט מיט
א שטיקעלע שאקאלאד, א שמעטעוודיקער, א קנאפער אפנ ווארט, האט
ער ניט געקאנט ווי אנדערע אפקנאקנ דעמ לימעד איבער געשיכטע,
געאגראפיע, שפראכ, וואס, ווי באוווסט, האט זיכ אזעלעכס אינ דעמ
שול-שטייגער אסאכ מער געשעצט, ווי גרינטלעכע פארטיפטע ארבעט.
נאר געשיכטע זעלבסט האט סאשע זייער ליב געהאט, גערנ געלייענט היסטא-
רישע ווערק, אונ זייענדיק אינ פערטנ קלאס אינ עלטער פונ 12—13 יאר,
האט ער אויסגעשריבנ פונ דעמ צונויפגעקליבענעמ געלט (מע פלעגט
אונדז אמאל געבנ אנשטאט א מאטאנצ)—דעמ זשורנאל איבער געשיכטע
„היסטאָריטשעסקי וועסטניק".

די שריפטלעכע גימנאזיסטישע ארבעטנ איבער ליטעראטור האט
ער אויכ ניט ליב געהאט; כאטש זיי פלעגנ זיכ בא אימ באקומענ
זאכלעכ, מיט אנ ערנסט-דורכגעטראכטנ פלאנ, נאר שטענדיק קורצ
אונ טרוקנ. פרעמד ביז גאר איז אימ געווענ יעדער מינ ריטאריק
אונ פראזע.

ער איז געווענ א מענטש פונ טאט, מיט א טיפנ איינגעהאלטענעמ
געפיל. אז ס'פלעגט קומענ צומ ווארט, איז עס געווענ שמעטעוודיק-קנאפ.
אפילע זיינע בריוו צו די אייגענע אונ אפילע אינ א מאמענט, ווענ ער
האט מיט זיינ גאנצער נעשאמע זיי געוואלט גרינגער מאכנ דאס הארצ,
צומ ביישפיל, די בריוו צו דער מאמענ נאכנ טאטנס טויט, זיינענ
געווענ אויסערסט קארג אפנ ווארט אונ קורצ. דערפאר מיט זיינ
פארטיפטער ארבעט איבער די לימודימ פונעמ קורס האט זיכ סאשע
אויסגעצייכנט פונ סאמע אנהייב. יעדער יאר באמ איבערגיינ פונ איינ
קלאס אינעמ צווייטנ פלעגט ער באקומענ די ערשטע באלוינונג, אונ
ווייס ער האט געענדיקט די גימנאזיע, האט ער באקומענ א גאלדענעמ
מעדאל.

ניט ריכטיק וואלט געווענ צו באשליסנ, אז די ערנסטע באציונג,
וואס איז געווענ בא סאשענ צו די לימודימ, האט פונ אימ געמאכט
עפעס א „בוכ-מענטשנ". ער איז געווענ זייער א גאנציקע נאטור, אונ
אזוי גאנצ, ווי ער האט זיכ געקאנט אפגעבנ צו די לימודימ, אזוי גאנצ האט
ער זיכ אפגעגעבנ צו די קינדערשע שפילנ אונ לויפערייענ. איכ געדענק
נאכ, וויאזוי, מיט וואס פאר א ברענ, מיר, אלע פיר עלטערע, האבנ

געשפּילט אין 1878—1879 יאָר בא אונדז אין הויף אפ דער מאָסקווער גאס אין „שווארצנ שטעקעלע". סאשע איז שוינ דעמאָלט אלט געווען א יאָר צוועלפ־דרײַצנ.

עמעס, איכ געדענק, וויאזוי, זיצנדיק איינמאָל באהאלטנ אפנ בוי־דעמ און ווארטנדיק אפ וואָלאָדיען, וואָס האָט אונדז ניט געקאָנט אָפּזוכנ, האָבנ מיר געפירט א שמועס וועגנ עפּעס א בוכ, וואָס סאשע האָט ערשט ניט לאנג געהאט איבערגעלייענט.

— ווי אינטערעסאנט ס'זײַנען די ביכער פונ די דערוואקסענע! — האָט ער געזאָגט און זיכ גענומענ מיט פארכאפּונג מיר איבערגעבנ דעמ אינהאלט פונ דעמ נײַעמ בוכ. דער העלד איז געווענ עפּעס איינער א מעלוכע־מאנ, און סאשע האָט מיר דערציילט וועגנ דער פּאָליטיק פונ גרענעצ־שטײַערנ, וועגנ פּראָטעקציאָנעלע טאריפנ, דערקלערנדיק, אז אָנ דעמ קאָנ זיכ ניט אנטוויקלענ די אינדוסטריע פונ א יונג אָפּגעשטאנענ לאנד... און איכ האָב געהערט און זיכ געוואונדערט, ווי קלוג סאשע איז און ווי ער פארשטייט שוינ אזעלכע זאכנ. נאָר אָט האָבנ זיכ דערהערט טריט און וואָלאָדיעס קאָל, און סאשע האָט אָפּגעהאקט זײַנ דערציילונג אינ דער מיט און האָט זיכ גענומענ אויסבאהאלטנ אפ אנ אנדער אָרט, צוגעטראכט פארשיידענע אײַנפאלנ, קעדיי ארויסשפּרינגענ מיט אנ אנדער זײַט, צולויפנ פארפריער — און אזוי ארום געווינענ די שפּיל.

איכ געדענק, וויאזוי מורמלענדיק עפּעס פונ נעקראסאָוון, פלעגנ מיר מיט אימ אינצווייענ זיכ הוידענ אפ אונדזער שוואכער הוידעלקע, אָדער וויאזוי ער האָט הייס געשפּילט אינ קראָקעט, געלאָפנ אפ גיגאנטישע שפּאנ, ליב געהאט שווימענ, זיכ שיפנ אפ א שיפל. ער האָט אויכ געקאָנט זיכ ארײַנטאָנ מיטנ גאנצנ קאָפּ אינ שאָכ. איכ געדענק עפּעס איינ הארבסט, ווי מיר, אלע דרײַ עלטערע קינדער און דער טאטע דער פערטער, האָבנ זיכ מיט פארכאפּונג ארײַנגעצויגנ אינ שאָכ, שפּילנדיק צוויי קעגנ צוויי.

סאשע איז שטענדיק געווענ דער איניציאטער פונ אונדזערע קינ־דערשע שפּילנ, און זײַנ אָנטייל האָט זיי געמאכט פאר אונדז אמערסטנ אינטערעסאנט.

א באזונדערס טיפער אײַנדרוק איז געבליבנ פונ איינעמ זײַנעמ אנ

אופטו — ארויסלאָזנ א וועכנטלעכנ זשורנאל, אונ ער אַליינ האָט זיכ אונטערגענומענ זײַנ דער רעדאקטער. דעמ זשורנאל האָט מענ א נאָמענ געגעבנ „סובאָטניק", ווײַל ער האָט געדארפט דערשײַנענ אלע שאבעס. פארבײַגייענדיק וויל איכ דערמאָנענ, אז שאבעס איז געווענ אונדזער סאמע ליבסטער טאָג, — די לימודימ האָט מענ געקענט אָפלייגנ אפ זונטיק, אונ דעמ גאנצנ שאבעסדיקנ אָוונט אויסנוצנ אפ אָפרו צווישנ דער פאמיליע.

יעדערער פונ אונדז האָט געדארפט פאר דער וואָכ עפעס אָנשרײַבנ אפ א פרײַ אויסגעקליבענער טעמע. אלע אונדזערע באשריבענע בלעטלעכ פאפיר פלעגנ מיר איבערגעבנ סאשענ. אונ ער האָט זיי אָנ שומ ענדערונגענ ארײַנגעלייגט אינ ספעציעל פאר דעמ געמאכטע טאָוולענ, אונ אליינ פלעגט ער אויכ עפעס צוגעבנ. אונ אָט איז דער נומער גרייט, אונ מיר לייענענ אימ פאָר אינאָוונט בא דער אָנוועזנהייט פונ די עלטערנ, וואָס האָבנ גענומענ זייער א טיכטיקנ אָנטייל אינ אונדזער אופטו אונ האָבנ זיכ באצויגנ צו אימ זייער פאָזיטיוו.

איכ געדענק זייערע אופגעמונטערטע צופרידענע פענעמער. איכ געדענק די באזונדערע אטמאָספער פונ גײַסטיקער אייניקײַט, פונ אנ אלגעמיינ־אייגענער זאכ, וואָס פלעגט ארומנעמענ דידאָזיקע פארזאמלונג אונדזערע. אצינד, קוקנדיק אפ צוריק, דאכט זיכ מיר, אז יענע אָוונטנ זײַנענ געווענ דער אפאָגיי פונ דער קאָלעקטיווער נאָענטקײַט צווישנ אונדז, די 4 עלטערע קינדער מיט די עלטערנ, — אזא לויטערנ, פריידיקנ געפיל האָבנ זיי איבערגעלאָזט אינ הארצנ.

פארשטייט זיכ, דער מאטעריאל, וואָס מיר האָבנ דורכגעלייענט, איז געווענ אָנ באזונדערע פאָרמעס, אונ ווי האָט עס דענ געקאָנט זײַנ אנדערש, נעמענדיק אינ אכט, אז צוויי פונ די מיטארבעטער זײַנענ אלט געווענ צווישנ זיבנ אונ נײַנ יאָר? נאָר ביידע זיי האָבנ זיכ גענומענ פאר דער זאכ זייער גערנ, אפילע זיכ צוגעטראכט ליטעראַרישע פסעוודאָנימענ — וואָלאָדיע (צו יענער צײַט א גאנצ יאָדערדיק, געפאקט יינגעלע) האָט זיכ אונטערגעשריבנ מיטנ נאָמענ קובישקאָוו (פעמפיק), אָליע, וועלכע מע האָט גערופנ מאלפעלע פאר איר רירעוודיקײַט אונ מונטערקײַט — „אָבעזיאַנקאָוו". די קלענערע,

נאַטירלעך, האָבן געהאַט כּיישעק צו ציִען מיט דער אַרבעט ביז דעם לעצטן טאָג. באַזונדערס, געדענק איך די קליינטשינקע אַליע, נאָכדעם ווי מיר, די עלטערע, האָבן איר עטלעכע מאָל פֿירגעהאַלטן, — ווי זי לויפֿט אַוועק צו זיך אין אויבערשטן צימער, און פֿון דאָרטן פֿליט זי צוריק איבער אַלע טרעפּ מיט אַ צונויפֿגעלייגט איינגעפֿירן האַלבן בויגן פּאַפּיר. אויפֿן האַלבן בויגן איז — אונטער די גרויסע קרומע שורעס, אין דער קרום געשריבן מיט אַ בלײַער, פֿון וועלכע ס'האָט פֿונדעסט־וועגן צונויפֿגעשטעלט זיך אַ געוויסע צוזאַמענגעבונדענע דערציילונג, — געשטאַנען אַן אונטערשריפֿט מיט אָרטאָגראַפֿישע גרײַזן, כאַראַקטעריס־טישע פֿאַר איר עלטער: „אַבעזיאַנקאָוו".

נאָכדעם האָבן זיך אַלע פֿאַרקליבן אין עסצימער צו דער פֿאָר־לעזונג. די ייִנגערע זײַנען געווען שטאַרק פֿאַרינטערעסירט מיט דעם אויסערלעכן אויסזען פֿונעם נומער, מיט די רעטענישן און שאַראַדעס, וואָס סאַשע האָט צוגעטראַכט, און מיט די אילוסטראַציעס, וואָס ער האָט געמאַכט. איך געדענק דעם באַזונדער שטאַרקן אינטערעס און אויפֿגעמונטערטקײַט, וואָס ס'האָבן אַרויסגערופֿן די געצייכנטע שאַרזשן אויף די צוויי קלענערע. פֿון זיי אַראָפּגעכאַפּט איינציקע קוריאָזע מאָמענטן „פֿון זייער לעבן", וואָס זײַנען אַלע שטוב־מענטשן געווען באַקאַנט: וואָלאָדיע איז געווען פֿאָרגעשטעלט מיט זייער אַ זויערער מינע, מיט אַ ליידיקן שקאַרמיצל מיט פּאָנטשיקעס. דאָס קליינע יאַטל, נאָר וואָס אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון דער גימנאַזיע, דערלאַנגט אַ צווייטן גימנאַזיסט זײַן שקאַרמיצל מיט פּאָנטשיקעס, מיינענדיק, אַז יענער וועט נעמען איינס — און פּאַרטיק, נאָר יענער האָט אַרויסגעכאַפּט אַלע ביז איינעם, און וואָלאָדיע איז געבליבן באַם ליידיקן שקאַרמיצל אָן דעם איבערבײַסן. אָליע איז געווען אויסגעמאָלט, בעת זי צעלאָזט זיך אין אַ שרעקלעכן געוויין. אונטן איז געשטאַנען אַן אונטערשריפֿט: „אָליע, ווען זי גייט שלאָפֿן". דאָסדאָזיקע פֿאַרשײַטע מיידעלע האָט שטאַרק ניט ליב געהאַט די שאָ אינאָוונט, ווען ס'פֿלעגט זיך דערהערן אַ קאָל: „צײַט שלאָפֿן"; זי פֿלעגט טײַנען, אַז זי שלאָפֿט ביכּלל קיינ־מאָל ניט, זי ליגט נאָר מיט צוגעמאַכטע אויגן, און אַז מע פֿלעגט דערהערן דעם באַפֿעל „גיין שלאָפֿן", פֿלעגט זי מאַכן גוואַלדן אונטערן הימל, וועגן וועלכע מיר פֿלעגן זאָגן: „אָליע רעוועט שוין", די

שאַראַדעס און רעטענישנ האָבנ אויכ צוגעגעבנ א געוויסע לעבעדיקײַט. ביכלאַל, סאשע — אָט דער ערנסטער, שטענדיק אָפגעשלאָסענער אינ זיכ סאשע — פלעגט זיכ באווײַזנ אינ זשורנאַל אינ דער ראָליע פונ א פריילעכ פארשוינדל, אונ זײַנ גוטמוטיקער. גרינגער הומאָר האָט אונדז נאָכ מער דערנעענטערט צווישנ זיכ אונ האָט צוגעגעבנ א מונטערקײַט אונדזער גאנצער אונטערנעמונג. פאר זיכ האָט ער גענומענ די לעצטע אָפטיילונג: אופגאבעס, רעבוסנ אונ א פסעוודאָנים, וואָס פאסט פאר א הומאָריסט, נאָר וואָס האָט זיכ אזוי ניט געפאסט פאר אים אליינ, — ווראלמאנ (ליגנערמאנ).

בא מיר איז דעמאָלט געווענ א פעריאָד, ווענ איכ בינ געווענ שטארק פארכאפט פונ בעלינסקינ, אונ איכ בינ געווענ טיפ איבערצײַגט, אז קיינ שום לײַטישער זשורנאַל קאָנ ניט עקזיסטירנ אָנ א קריטישער אָפטיילונג. דעריבער האָב איכ געגעבנ א קריטישע אָפהאנדלונג פונ די ווערק אינ די פריערדיקע נומערנ, אונ דעמ סאָפ האָב איכ געענדיקט מיט א ווענדונג: „וואָס זשע שווײַגט עפעס אונדזער הויכגעשעצטער ווראלמאנ? וואָס קומט ער אָפ מיט ווערטלעכ אונ רעטענישנ?” — א.א.וו.

די קריטיק אפ די ווערק פונ די קלענערע כעווירע איז געווענ, פארשטייט זיכ, א גרינגע אופגאבע. דעמ בריי‍טסטנ פלאצ פאר מײַנ קריטיק האָט געגעבנ וואָלאָדיעס דערציילונג, וואָס איז געווענ עטוואָס לענגער פונ אָליעס, אונ אינ וועלכער איכ האָב אונטערגעשטרײַכט פארשיידענע גיטריכטיקײַטנ אונ געפלאָנטערטקײַט. אונ איכ געדענק, מיט וואָסער א קאָנצענטרירטער אופמערקזאמקײַט אָט דאָס שטענדיק פארשײַטע יאטל האָט זיכ אײַנגעהערט אינ דעמ נײַעמ פאר אימ טיפ ליטעראטור, ניט ארויסווײַזנדיק קיינ סימענ פונ פערזענלעכער באליידיקונג, ניט געקוקט אפ דער בײַסיקײַט פונ אייניקע אויסדרוקנ — מע האָט דאָכ געדארפט טאָנ אלצדינג ווי בעלינסקי!..

פארשטייט זיכ, אז די מאמע האָט אָנגענומענ דעמ צאד פונ די קלענערע, דערבײַ האָט זי דערקלערט, אז ס'איז א סאָפעק, צי דארפ מענ אינגאנצנ אינ אונדזער זשורנאל אזא קריטישנ איבערזיכט. די מאמע האָט מיסטאָמע מוירע געהאט, אז די קריטיק וועט אָפשלאָגנ דעמ כיישעק בא די קלענערע צו שרײַבנ ווײַטער, אונ האָט גאנצ ריכטיק דערקלערט, אז יעדערער גיט דאָס, וואָס ער איז אימשטאנד צו

געבנ לויט זײַנ עלטער. פאר דער נײטיקײַט פונ קריטיק אָבער האָט זיכ הײס אױסגעזאָגט אונדזער רעדאקטער. דער טאטע האָט אימ אויכ אונטערגעהאלטנ. אויכ נעגאטיוו האָט זיכ די מאמע באצויגנ צו מײַנע „לידער", נאָר סאשע האָט איר מיט אזא היצ דערווידערט מיט דעמ ארגומענט: „נאָר כוז איד שרײַבט דאָכ בא אונדז קײנער ניט קײנ לידער!" — אונ די פראגע איז געווענ באשלאָסנ. אלס רעדאקטער האָט ער זײער הײס פארטײדיקט די אינטערעסנ פונעמ זשורנאל, אינ וועלכנ לידער זײַנענ דאָכ אויכ א וויכטיקע זאכ.

נאָר ניט געקוקט אפ אלע זײַנע אָרגאניזאטערישע אָנשטרענגונגענ, האָט דער זשורנאל נאָכ עטלעכע נומערנ זיכ צוגעשטעלט. די סיבעס זײַנענ געלעגנ סײַ אינ סאשעס איבערגעלאָדנקײַט מיט ארבעט, סײַ אינעמ כילעק צווישנ דעמ עלטער פונ די צווײ „פאָר" מיטארבעטער, דער עלטערער אונ דער ייִנגערער, וואָס האָט זײער געשטערט צו פארײניקנ זײ ארומ אײנ אונטערנעמונג. די ייִנגערע, ווי ס'פירט זיכ, האָבנ זיכ אָנגעהויבנ לאנגווײַליקנ, די שפּיל האָט פאר זײ אָנגעווארנ דעמ אינטערעס פונ א נײַער זאכ. איכ געדענק, אז די מאמע האָט אויסגעדריקט איר באדויערונג, וואָס דער זשורנאל האָט זיכ צוגעשטעלט, אונ א לאנגע צײַט נאָכדעמ האָט זי נאָכ געהאלטנ אָפּגעהיט די העפטנ מיט דער הילע, אפ וועלכער סאשע האָט אויסגעצאצקעט מיט גרויסע געשטרײַפטע אויסיעס „סובאָטניק".

דער באליבטסטער סאשעס פאָעט אינ דער קינדהײַט איז געווענ פושקינ. איכ געדענק וועגנ דעמ אונדזערע כעלוקעדײעס אונ דעבאטנ, מאכמעס איכ האָב מער געהאלטנ פונ לערמאָנטאָווג. די סימפאטיעס צו נעקראסאָווג האָבנ זיכ אָנגעהויבנ שפּעטער. בא אונדז אינדערהײמ איז געווענ דעמ טאטנס א ביכעלע מיט נעקראסאָווס ערשטע לידער, ארויסגעגעבנ אינ 1863 יאָר. איכ געדענק, אז סאשע, דעמאָלט א ייִנגל פונ 11 יאָר, אינ דריטנ קלאס גימנאזיע, האָט מיר געמאכט אופמערקזאמ אפ די לידער פונ ביכעלע — „די ליד צו יערעמושקענ" אונ „באמ פאראדצופאָר". — דער טאטע האָט זײ מיר אָנגעוויזנ, — האָט ער געזאָגט. מיר זײַנענ זײ שטארק געפעלנ געווארנ, אונ זײַענדיק א קנאפער באלנ אפ דעקלאמאציע איבעראל, פלעגט סאשע פונדעסטוועגנ אָט די באליבטע לידער לײענענ מיט א גרויסער אויסדרוק-קראפט.

אזוי ארום האָט דער טאטע, זײַענדיק אליינ דורכגעדרונגענ מיט די בעסטע אידעאלנ פונ סאָפ זעכציקער אונ אָנהייב זיבעציקער יאָרנ, שוינ פונ גאָר פרי אָנ דערצויגנ אינ גייַסט פונ די געזעלשאפטלעכע אידעאלנ זײַנ עלטערנ זונ, זײַנ בעסטע האָפענונג אונ ליבלינג. אונ ער איז טאקע געווענ אזא, אז מע האָט אימ ניט געקאָנט ניט ליב האָבנ. מיט מיר האָט דער טאטע ווייניקער גערעדט אפ אזעלכע טעמעס. איכ האָב זיכ מער דערצויגנ אינ דער געזעלשאפט פונ דער מאמענ אונ האָב ארײַנגעזאפט אינ זיכ נאָר דאָס, וואָס איכ פלעג הערנ פונ סאשענ, אונ דאָס, וואָס האָט זיכ געטראָגנ ארומ מיר אינ דער לופט.

איכ געדענק נאָר, אז אינ קאָקושקינאָ, שפאצירנדיק מיט אונדז איבערנ פעלד, האָט דער טאטע ליב געהאט זינגענ ריליגיעזע פארבאָטענע ליד, וואָס די סטודענטנ פונ זײַנ צײַט האָבנ איבערגעלייגט אפ מוזיק.

„מיט ליבע צומ הייליקנ עמעס ווייס איכ, אז ס׳קלאפט זיכ דײַנ הארצ, אונ אָפרופנ, גלויב איכ, וועט זיכ עס באלד אפ מײַנ קאָל, דעמ ניט אונטערגעקויפטנ... לויטנ גײַסט זײַנענ מיר מיט דיר ברידער, אינ אויסלייזונג גלויבנ מיר ביידע, אונ ביז אינ דעמ קייווער וועלנ מיר אינ זיכ פארהיטנ דעמ געפיל פונ סינע צו די פלאָגנ פונ אונדזער לאנד”...

די ליד זינגט דער טאטע ניט אזוי ווי אלע. ער לייגט אינ איר ארײַנ זײַנ גאנצע נעשאָמע, פאר אימ איז זי עפעס א מינ שטיק הייליקטומ, אונ מיר פלעגנ זייער ליב האָבנ, אז ער האָט זי געזונגענ, פלעגנ בעטנ, ער זאָל נאָכ זינגענ, אונ אליינ אימ אויכ אונטערגעהאלטנ. איכ געדענק, אז קומענדיק צוריק קיינ סימבירסק, האָב איכ איינמאָל בא אונדז אינ הויפ פארצויגנ די אייגענע ליד,—איכ בינ דעמאָלט אלט געווענ א יאָר 13 — 14,—האָט מיכ די מאמע צוגערופנ אונ געזאָגט, אז דאָ אינ שטאָט טאָר מענ ניט זינגענ אזעלכע לידער, וואָרעמ איכ קאָנ נאָכ דערמיט ברענגענ שאָדנ דעמ טאטנ; סאָנימ זײַנענ בא יעדערנ דאָ, מע וועט זאָגנ: „זעסט, וואָסערע פארבאָטענע לידער מע זינגט באמ דירעקטער פונ די פאָלקס־שולנ אינ הויפ!” שטארק האָבנ זיכ מיר פארגעדענקט דער מאמעס ווערטער — דאָס איז געווענ מײַנ ערשטע קענטשאפט מיט אומלעגאלס.

אָט די ליד אונ, דעריקער, ווי אזוי דער טאטע פלעגט זי זינגענ, באווייזט, אז דאָס דורכמאכנ דעמ יעראַרכישנ לייטער־וועג פונ א טשינאָווניק האָט אימ ביז אינ די עלטערע יאָרנ ניט געשטערט אייננצוהיטנ אינ זיכ די געטריישאפט צו עפּעס א מינ פארבאהאלטענער שוועע, וואָס האָט זיכ אויסגעדריקט אינ די ווערטער: „ביז דעמ קייווער וועלנ מיר פארהיטנ אינ זיכ דעמ געפיל פונ סינע צו די פּלאָגנ פונ אונדזער לאנד”. שטענדיק, הערנדיק וועגנ דער גרויסער פיבערדיקער ארבעט אפנ געביט פונ פאָלקסבילדונג, באגעגענענדיק די בעסטע פּאָרשטייער פונ דער לערערשאפט בא אונדז אינ שטוב, האָב איכ זייער פרי אָנגעהויבנ טרוימענ צו ווערנ א פאָלקס־לערערנ.

באזונדערס האָט מיכ באצויבערט די געשטאלט פונ איינער א דאָרפישער לערערנ, וועגנ וועלכער, שפּאצירנדיק מיט אונדז אינ קאָקושקינאָ איבער די פעלדער, האָט דערציילט דעמ טאטנ מיינס א שוועסטערקינדל, א סטודענטקע פונ מעדיצינישע קורסנ. זי האָט דערציילט וועגנ איר כאווערטע, אנ אידיישער פאָלקיסטקע, וועלכע האָט זיכ ניט באגרענעצט מיט אויסלערנענ לייענענ אונ שרייבנ די שול־קינדער, נאָר אינאָווענט פלעגט זי נאָכ צונויפנעמענ די פויערימ אונ געלייענט אונ געשמועסט מיט זיי. מיט איר ארבעט האָט זי שטארק אופגעהויבנ זייער באוווסטזיינ אונ ארויסגערופנ מיצאד די פויערימ א גרויסע ליבע צו זיכ. אינ רעזולטאט — א מעסירע, אנ אונטערזוכונג, א פארהער פונ די פויערימ, אונ די לערערנ איז באזייטיקט, דאכט זיכ, אפילע ארעסטירט — צומ גרויסנ באדויערנ פונ דעמ גאנצנ דאָרפ.

איכ געדענק דעמ הייסנ, אופגעבראכטנ טאָנ, מיט וועלכנ זי האָט גערעדט אונ דערציילט וועגנ דעמ אידעאלנ טיפּ פונ דער פאָלקס־לערערנ, אונטערשטרייכנדיק, אז קיינ שומ אנטימעלוכישעס איז אינ איר טעטיקייט ניט געווענ. איכ געדענק דעמ טאטנ — א שווייגנדיקנ, פארטיפטנ אינ זיכ, מיט אנ אראָפּגעלאָזטנ קאָפּ. איכ געדענק, אז אויכ שפּעטער האָט ער אפ מיינע פראגעס וועגנ דער לערערנ צומיינסטנ אָפּגעשוויגנ. איכ בינ דעמאָלט אלט געווענ א יאָר דרייצנ־פערצנ, ס'איז געווענ סאָפ זיבעציקער יאָרנ, בעיס די באוועגונג האָט זיכ א נעמ געטאָנ אפ דעמ רעוואָליוציאָנערנ וועג. ווייזט אויס, אז דער טאטע, וואָס איז אליינ קיינ רעוואָליוציאָנער קיינמאָל ניט געווענ, האָט אינ

יענע יאָרן, שוין נאָך די פּערציק, מיט א גרויסער פאמיליע, געוואָלט אונדז, די יוגנט, פארהיטן. מיסטאָמע צוליב דעם טאקע האָט ער בא די קלענערע קינדער שוין ניט באטאָנט די דערציִונג אין הינזיכט פון געוויסע געזעלשאפטלעכע אידעאלן. יעדנפאלס, איך האָב פון דעם גאָרניט געהערט, און איך דענק, אז דאָס האָט ניט געקאָנט בלייבן אומבאוווסט פאר מיר. וואָס איז שייך דער באציִונג צו טעראָר, געדענק איך אים א צערודערטן ביזן העכסטן גראד, בעת ער איז געקומען צו גיין פונעם קאטעדראל, ווו מע האָט געמאָלדן וועגן דעם אטענטאט אפ אלעקסאנדער דעם II, און געפּראוועט א פאניכידע.

פאר אים, וואָס האָט פארבראכט זיינע בעסטע יונגע יאָרן אונטער דער הערשאפט פון ניקאָליי דעם I, איז דער „ליבעראלער" רעזשים פון אלעקסאנדער דעם II באזונדערס אין אָנהייב, געווען ווי א ליכטיקער פאס, און ער איז געווען קעגן טעראָר. ער האָט נאָכדעם אָפּטמאָל אָנגעברויגעזט אָנגעוויזן אפ דער נאָך מער שווערערער רעאקציע פון אלעקסאנדער דעם III, רעאקציע, וואָס האָט זיך אָפּגערופן אפ זיין זאך אויך.

פארלויפנדיק אביסל פאָרויס, דארף איך זאָגן, אז בעשאס דער טאטע האָט זיך אומגעקערט פונעם קאטעדראל, איז סאשע ניט געווען אינדערהיים. איך דערמאָן מיך, אז מיר האָט זיך ניט איינגעגעבן פארפירן א שמועס אפ דער טעמע מיט סאשען, — ער האָט מער געשוויגן, ווי גערעדט. דעמאָלט האָב איך באזונדערס אפ דעם קיין אכט ניט געלייגט, איצט דענק איך, אז דער טאטע, וואָס האָט גערעדט וועגן דעם מיט מיר, האָט ניט געקאָנט ניט ריידן וועגן דעם מיט סאשען, מיט וועלכן ער האָט ביכלאל פון קינדווייז אָן מער געשמועסט וועגן געזעלשאפטלעכע פראגן. דער פאקט אליין, וואָס איך האָב פון דעם שמועס פון קיינעם פון זיי ביידן ניט געהערט, באווייזט, אז אָדער סאשע איז באשטימט ניט געווען איינשטימיק מיט דער מיינונג פונעם טאטן, אָדער ער האָט זיין אייגענע מיינונג, קאָן זיין איבער דעם, וואָס זי האָט זיך בא אים נאָך ניט געהאט אינגאנצן אויסגעפורעמט (אים איז דעמאָלט נאָך ניט געהאט געוואָרן קיין פולע פופצן יאָר), אינגאנצן פארשוויגן. אזוי, אז דעמאָלט האָט ער אָדער אויסגעמיידט מיט מיר צו ריידן וועגן דעם איבער דערזעלבער סיבע, וואָס מיטן טאטן, אָדער, ניט זייענדיק מאס־

קימ מיטן טאטן, האָט ער ניט גערעדט וועגן דעם צוליב דער אָנווײַזונג פֿונעם טאטן, אז ער זאָל זיך אָפּהאלטן פֿון ארויסזאָגן די מיינונג,—סײַ אין שטוב, סײַ אין גימנאזיע. ער האָט, פֿארשטייט זיך, געקאָנט שווײַגן אויך לויט זײַן אייגענער איניציאַטיוו, ווי עס איז בּיכלאל געווען אין זײַן כאראקטער. נאָר מיינען מיין איך, אז צוליב דעם, וואָס ער איז נאָך דעמאָלט געווען שטארק יונג, איז ריכטיקער פֿון אלץ די האשאָרע, אז ער האָט געשוויגן איבּער דעם, וואָס קיין באשטימטע פּאָליטישע אָנשויונגען האָט ער אין זיך נאָך דעמאָלט ניט געהאט אויסגעארבּעט, און פֿון אלגעמיינע אומגיי־אָנשויונגען, צו וועלכע עס האָבּן אויך געהערט די אָנשויונגען פֿון אונדזער פֿאמיליע, האָט ער ניט געהאלטן.

אין עלטער פֿון 12 און 13 יאָר האָבּן מיר בּיידע מיט סאשען געלייענט טאָלסטויס „מילכאָמע און שאָלעמ”, און ער האָט זיך דעמאָלט באצויגן באשטימט נעגאטיוו צו בּיידע הויפּט־טיפּן—צום פּירשט אנדריי און צו פּיערן, אין וועלכע טאָלסטוי פֿירט ארויס צוויי כאראקטעריסטישע הויפּט־שטריכן פֿון זײַן אייגענער פּערזענלעכקײַט.

ער האָט געזאָגט, אז מער פֿון אלץ געפֿעלט אים אינעם ראָמאן דאָלאָכאָוו, מיסטאָמע, ווײַזט אויס, האָט ער אויסגענומען בא אים מיט דער פֿעסטקײַט, דרייסטקײַט און גאנצקײַט פֿון זײַן כאראקטער.

אכוץ אונדז בּיידע, האָט אין אלע אזעלכע באהאנדלונגען פֿון דעם איבּערגעלייענטן גענומען א נאָענטן אָנטייל אונדזערס א שוועסטערקינדל, די סאמע באליבּטסטע פֿון אלע אונדזערע קוזינעס און שוועסטערקינדער. אָפטמאָל פלעגן מיר אין די זומערדיקע פֿארנאכטן זיך אָפּזונדערן אין קאָקושקינאָ פֿון אלע איבּעריקע קינדער און פּרײַנטלעך און לאנג שמועסן מער פֿון אלץ וועגן דעם איבּערגעלייענטן, אָדער מיר פלעגן זיך דערמאָנען אפּ אויסנווייניק געוויסע סטראָפֿעס פֿון לידער און אויספּרווון איינער דעם אנדערן: „אנו טרעפּ פּונוואנען?” און אן אנדערשמאָל פּאָשעט געפּלאפּלט אין דער וועלט ארײַן אָדער אזוי געשטיפּט. דאָס איז געווען יענער פּאָעטישער פּעריאָד „פֿון קינדהײַט מיט צוויי־דרײַ יאָר יוגנט”, וועגן וועלכער גערצען זאָגט, אז „דאָס איז דער סאמע ווירקלעכסטער, סאמע איידעלער און דער סאמע א ו נ ד ז ע ר י ק ע ר טייל לעבּן”. יענע צײַט האָט אפּ מיר געמאכט א בּיז גאָר טיפֿן אײַנדרוק, נאָך מער צוליב דעם, וואָס איך האָב זיך די גאנצע צײַט געפֿונען

אונטער זײַער באַצויבערנדיקער ווירקונג פונ סאשעס געזעלשאפט. דער ייִנגסטער צווישנ אונדז אלע דרײַ — ער איז געווענ ייִנגער פונ אונזער קוזינע אפ דרײַ מיט א האלבנ יאָר — נאָר ער איז אָבער געווענ אינגאנצנ זעלבשטענדיק אינ זײַנע מיינונגענ אונ גאָר אינגיכנ האָט ער אינ זײַנ אנטוויקלונג זי דעריאָגט אונ איבערגעיאָגט.

אונ דאָלאָכאָוונ האָט ער אויכ פונקט אזוי זעלבשטענדיק פארטיידיקט, ניט געקוקט דערופ, וואָס מיר בײדע זײַנענ הייס אָנגעפאלנ אפ אימ. אונדז איז אויסגעקומענ זייער מאָדנע, וואָס סאשע, שטענדיק אזא באשיידענער, א שעמעוודיקער, כאָטש אויכ א שטײַפער אונ אנטשלאָסענער, האָט אפ אזויפיל אָנגענומענ דעמ צאד פונ אָט דעמ פראָטעסטאנט, בויאנ אונ דועליסט, אז ער שטעלט אימ ארויס קימאט ווי עפעס אנ אידעאל. אז מיר האָבנ אָנגעוויזנ אפ דאָלאָכאָווס ביזקײַט, האָט סאשע אָנגעוויזנ אפ זײַנ באַציִונג צו דער מוטער, וואָס באווײַזט, אז ער איז ווײַט ניט קיינ שלעכטער מענטש. איכ האָב זיכ דעמאָלט געפונענ אונטער דער באצויבערנדיקער אפווירקונג פונ אנדריי באָלקאָנסקיס געשטאלט. די קוזינע האָט אויסגעטיילט פיערנ, זײַנ גוטסקײַט, זײַנ באַציִונג צו מענטשנ. סאשע האָט זיכ באצויגנ צו בײדע טיפנ מיט א געוויסער פאראכטונג. אונדזערע וויקוכימ זײַנענ אָפטמאָל דערגאנגענ צו א הויכנ גראד לײַדנשאפטלעכקײַט, באזונדערס, געדענק איכ — פונ מײַנ זײַט. געווענ איז דאָס זומער 1878 יאָר, ווענ נאָכ דעמ, ווי מיר האָבנ אלע אינאיינעמ פארבראכט א געוויסע צײַט אינ קאָקושקינאָ, האָט מענ אָפגעלאָזט די קוזינע אביסל פארברענגענ בא אונדז אינ סימבירסק.

דעמ זומער האָט דער טאטע געקויפט א הויז אפ דער מאָסקווער גאס, אינ וועלכנ מיר זײַנענ אָפגעזעסנ ביזנ 1887 יאָר. ארומ דעמ הויז איז געווענ א הויפ מיט גרינס אונ א יונגער, נאָר א גאנצ היפשער גאָרטנ, צומייסטנ מיט פרוכט־ביימער. דאָס הויז מיט אלצדינג אינאיינעמ האָט זיכ געצויגנ אפ א גאנצנ קווארטאל, אונ דורכ דער פאָרטקע פונעמ גאָרטנ האָט מענ געקאָנט ארויסגיינ אפ דער צווייטער, פאָקראָווסקער גאס. די פאָרשטאָט־גאסנ, שטארק פארוואָקסענע מיט גראָז, א זעלטנ־טײַערער פלאצ מיט קווייטנ, וואָס די מאמע האָט צוגעזענ, א מאטמענ מיט יאגעדעס אונ פרוכטנ, דאָסגלײַכנ — דאָ ניט ווײַט דער טײַכ סוויאגא, וווּהינ מיר פלעגנ אלע טאָג זיכ גיינ באָדנ, — דאָס אלצ האָט

געמאכט פונ דעמ ווינקל ניט קיינ שלעכט זומער־אָרט, כאָטש, פאַרשטייט זיכ, די לופט איז דאָ פאָרט געווענ א שטאָטיקע אונ מיט קיינ דאָרפ האָט זיכ דאָס ניט געקאָנט פאַרגלייכנ. אינ די וואַרעמע זומערדיקע נעכט פלעגנ מיר דאָרט לאַנג אומגיינ אָדער זיכ אוועקזעצנ אפ דער באַפלאָכטענער מיט קוויטנ טעראַסקע, אונ אינ די גאָר דושנע נעכט פלעגנ מיר ארויסשלעפנ די מאַטראַצנ אונ שלאָפנ אפ דער טעראַסקע.

אונדזער באַליבטער פאָעט איז דעמאָלט געווענ נעקראַסאָוו. דער טאַטע האָט געקויפט פונ אונדזערטוועגנ די פולע אויסגאַבע, וואָס איז ארויס נאָכ נעקראַסאָווס ט׳יט, אונ מיר האָבנ זי געלייענט אונ איבער־געלייענט. באַזונדערס זיינענ מיר דעמאָלט געווענ פאַרכאַפט פונ דעמ „זיידנ" אונ „די רוסישע פרויענ" — איבערהויפט איז דער אינטערעס צו די דעקאַבריסטנ געווענ זייער גרויס. דאַכט זיכ, אפנ צווייטנ יאָר האָבנ מיר שוינ געשמועסט פונ דאָסטאָיעווסקינ, וועגנ זיינ לעבנ־גוירל, וועגנ זיינע זיכרוינעס „פונעמ טויטנ הויז". איכ געדענק, אז אפ סאַשענ האָבנ די „זיכרוינעס" געמאַכט זייער א גרויסנ איינדרוק. דאָסטאָיעווס־קינ האָט ער איבערגעלייענט מיט גרויסנ ערנסט אונ האָט אימ סימפּאַ־טיזירט מער, ווי איכ. ער האָט אויכ אסאַכ געלייענט שטשעדרינענ.

אינ די לעצטע קלאַסנ גימנאַזיע האָבנ מיר איבערגעלייענט מיט סאַ־שענ פּיסאַרעווענ [1]) פונ טאָוול צו טאָוול, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אפ אונדז א גאָר גרויסע ווירקונג. איכ, אשטייגער, האָב זיכ אָפּגעזאָגט צו לערנענ מוזיק,—פּיסאַרעוו האָט דאָכ אָפּגעלאַכט פונ דעמ, וואָס יעדער „באַרישניע" לערנט מענ אומבאַדינגט שפּילנ פּיאַנע, כאָטש זי האָט דאַפקע פעיִקייטנ צו נייענ שטיוול. פּיסאַרעוו האָט גאַנצ באַשטימט געשריבנ, אז אויב דו לייענסט ווייניקער פונ 50 (אָדער 100) זייטנ א טאָג, וועסטו קיינמאָל ניט קאָנענ זיינ קיינ אָנגעלייענטער מענטש, אונ איכ האָב מיט שרעק געזענ, אז איכ באַווייז ניט אויסצופילנ אפילע אָט דעמ מינימומ. ווייטער, האָט ער אָנגעוויזנ, אז יעדער באָכער אָדער מיידל דאַרפנ שטרעבנ וואָס גיכער זיכ אוועקשטעלנ זעלבשטענדיק אפ די אייגענע פיס, ניט זיצנ באַ די עלטערנ אפנ קאַרק.

1) א באַוווסטער קריטיקער אינ די זעכציקער יאָרנ, אנ אָנהענגער פונ ריינעמ וויסנ, א קעמפער קעגנ רעליגיעזע, דוואָריאַנישע אונ אנדערע איינבילדונגענ. זיינע ווערק זיינענ דעמאָלט געווענ שטרענג פאַרבאָטנ פאַר דער יוגנט.

—דידאָזיקע לעצטע פּאָדערונג איז נעפאלן אף א צוגעגרייטן באָדן— אין אונדזער דערציִונג איז דאָך קיין שום פּריצישקייט, קעגן וועלכער פּיסארעוו האָט געקעמפט, ניט געווען. פארקערט, מיר זייַנען געווען געניגט אין דער פראגע איבערבויגן דעם שטעקן. אשטייגער, שוין דאָס ערשטע יאָר, וואָס איך האָב באקומען א זעלבשטענדיקן פארדינסט, האָב איך ניט געוואָלט, די מאמע זאָל מיר מאכן עפּעס וואָס ניט פאר מייַן געלט. איך געדענק נאָך א פאקט. זומער 1882 יאָר האָט זיך אין מאָסקווע געעפנט די אלרוסלענדישע אויסשטעלונג, און דער טאטע האָט געזאָגט, אז ער רעכנט נעמען מיך מיט סאשען און צופאָרן קיין מאָסקווע. און אָט האָב איך, וואָס בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אין מאָסקווע, אפילע מיט דער וואָלגע אויך נאָך ניט געהאט געפאָרן ווייַטער פון קאזאן, וואָס האָב אזוי ליב געהאט אונדזערע רייַזעס אלע יאָר מיטן טאטן און מיט סאשען, איך האָב זיך פּלוצלינג אָפּגעזאָגט פון דעם אויסערסט זעלטענעם פארגעניגן און אנטשלאָסן געמאָלדן: „ניין, מיר ביידע וועלן איבעראיאָר דארפן פאָרן לערנען קיין פּע־טערבורג,—קארג וועט עס קאָסטן, מע דארף אצינד ניט פּאטערן קיין געלט אף דער רייַזע קיין מאָסקווע". אפילע די מאמע האָט געזאָגט: „נאָר דער טאטע לייגט דאָך אליין פאָר". איך בין באשטאנען אף איינס. אויסהערנדיק מייַנע מאָטיוון, האָט מיך סאשע אויך אונטערגעהאלטן. נאָר מיר האָט זיך אויסגעדאכט, אז איך האָב באמערקט אין זייַן בליק א געוויסע באדויערונג. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, וויפל וויכטיקס ער וואָלט געקאָנט ארויסטראָגן פאר זיך פון אזא רייַזע!

אצינד, אז איך דערמאָן זיך וועגן דעם, איז מיר אזא פארדראָס, וואָס איך האָב אָפּגעזאָגט אין אזא גרויסן פארגעניגן דעם טאטן, זיך אליין און—דעריקער, סאשען, וואָס זייַן לעבן איז אזוי אויך געווען גענוג קורצ און האָט פארמאָגט אזוי וויניק פרייד!

איך געדענק, אז פּיסארעוו האָט סאשען שטארק אָפּגעשלאָגן פון פּושקינען, און ער איז געווען אנטוישט, ווען די עלטערן, געדענקענ־דיק נאָך פון די קינדער־יאָרן זייַן ליבע צו פּושקינען, האָבן אים געשענקט א פולע אויסגאבע פון פּושקינס ווערק, ווען סאשע איז שוין אלט געווען פופצן יאָר און איז געווען אונטערן אייַנפלוס פון פּיסארעוון. איך, פון מייַן זייַט, האָב אָנגעהויבן זעטיקן מייַן שטענדיקע דורשט צו לידער

מיט היינעס פּאָעזיע, וועלכע פּיסאַרעוו האָט אויסגעטיילט פון צווישן אַנדערע פּאָעטן און וועלכע איך האָב מיט פאַרכאַפּונג אָנגעהויבן שטודירן און איבערזעצן.

פּיסאַרעוון, וואָס איז געווען פאַרבאָטן צו האַלטן אין די ביבליאָטעקן, פלעגן מיר נעמען בא אונדזערן א באַקאַנטן דאָקטער, וואָס האָט געהאַט א פולע זאַמלונג פון זיינע ווערק. דאָס איז געווען דאָס ערשטע פאַרבאָטענע ווערק, וואָס מיר האָבן איבערגעלייענט ביז דעמאָלט. מיר האָבן זיך אַזוי פאַרטיפט אינעם לייענען, אַז מיר האָבן איבערגעלעבט א שווערן געפיל, בעיס מיר האָבן דערלייענט ביזן סאָף דעם לעצטן באַנד און האָבן געדאַרפט זאָגן „אַדיע" אונדזער ליבלינג.

מיר זיינען אומגעגאַנגען מיט סאַשען אין סאָד, ער האָט גערעדט פון פּיסאַרעווס טראַגישן לעבנס־גורל.

— מע דערציילט, אַז דער זשאַנדאַרם, וואָס האָט נאָכגעשפּירט פּיסאַרעוון, האָט געזען, אַז פּיסאַרעוו טרינקט זיך, נאָר ער האָט מיט א קיוון געלאָזט, ער זאָל דערטרונקען ווערן, און קיינעם ניט גערופן, מע זאָל אים ראַטעווען.

איך בין געווען שטאַרק אופגעבראַכט און האָב ניט געקאָנט שווייגן, און סאַשע איז, ווי שטענדיק, געגאַנגען לעבן מיר און האָט געשוויגן, און נאָר אַף זיין אָנגעשטרענגט, פאַרוואָלקנט פּאָנעם האָט מען געקאָנט דערקענען, ווי טיף ער לעבט איצט איבער.

אַלע רוסישע קלאַסיקער האָבן מיר איבערגעלייענט, נאָך ווען מיר זיינען געווען אין די מיטלסטע קלאַסן גימנאַזיע. דער טאַטע האָט זיי אונדז אונטערגעטראָגן נאָך אין די פריִע יאָרן, און איך רעכן, אַז אַזא פריִ לייענען די קלאַסיקער האָט פיל פאַרברייטערט אונדזער האָריזאָנט און אַנטוויקלט אונדזער ליטעראַרישן געשמאַק. אונדז האָבן שוין אויסגעזען אומינטערעסאַנט און וווּלגאַר פאַרשיידענע ראָמאַנען, וואָס אונדזערע כאַווײרים פון איינע קלאַס האָבן געלייענט מיט פאַרכאַפּונג.

איך געדענק, וויִאַזוי איך האָב אָנגעהויבן לייענען קרעסטאָווסקיס בוך „פּעטערבורגער לעכער", וועגן וועלכע בא מיר אין קלאַס האָבן אַלע גערעדט מיט א פיבער, און האָב באַלד אוועקגעוואָרפן: בא מיר האָבן זיי אַרויסגערופן א געפיל פון לאַנגווייל און עקל.

פון טורגעניעווס ווערק האָט סאַשע אויסגעטיילט באַזאַראָוון

באזונדערס אינ גייסט פונ דער כאראַקטעריסטיק, וואָס פיסארעוו האָט וועגנ אימ געגעבנ. איכ געדענק אויכ, ווי ער האָט מיר אָנגעוויזנ בא טורגעניעוונ אפ דער דערציילונג „ד ע ר ז יי ג ע ר“.

— אזוי זיכ, א קלייניקייט, — האָט ער געזאָגט, — נאָר זייער סימפּאַ־טישע כאראַקטערנ. — זייער כאראַקטעריסטיש איז פאר סאשענ אינ זיינ יוגנטלעכנ עלטער די סימפּאַטיע צו נאטורנ גאנצע, מיט א שטארקנ ווילנ, דורכגעדרונגענע מיט א געפיל פונ זעלבסטווירדע, ענלעכ צו די העלדנ פונ דער דערציילונג „דער זייגער“ — דאווידנ אונ זיינ קאלע.

זיינ באציונג צו ניעזשדאנאָווג פונ טורגעניעווס ראָמאנ „נייע שפּראָ־צונגענ“ (Новь) איז געווענ א שארפ נעגאטיווע. מיר, געדענק איכ, איז ניעזשדאנאָוו געווענ געפעלנ, אונ איכ האָב, דאכט זיכ, פארגאָסנ איבער אימ א טרער אויכ. כוצדעמ, האָט זיכ מיר אויסגעדאכט, אז איכ זע אינ אימ אייניקע שטריכנ פונ זיכ אליינ. דעריבער האָט סא־שעס מיינונג מיר פארשאפט אביסל צאר.

— דו ווייסט, — האָב איכ געזאָגט מיט א געדריקט געפיל, — מיר דאכט, אז איכ בינ ענלעכ אפ ניעזשדאנאָוונ...

— ניינ, דו ביסט אפ אימ קיינ קאפּעלע ניט ענלעכ, — האָט סאשע מיר אנטשלאָסנ געענטפערט.

סאשעס ליידנשאפטלעכער אינטערעס צו נאטורוויסנשאפט האָט, פארשטייט זיכ, געפונענ א געוויסע אונטערשטיצונג אינ פיסארעווס אידייענ. נאָר אָנגעהויבנ האָט ער זיכ אסאכ פריִער אונ אינגאנצנ זעלבשטענדיק. סאשע האָט זיכ גענומענ אפ א קוסטארישנ אויפנ איינאָרדענענ פאר זיכ א קליינע לאבאָראטאָריע: אויסגעגליט פארשיי־דענערליי גלעזערנע טרייבעלעכ אפ א ספּירט־לעמפל, צונויפגעקליבנ פארשיידענע קאָלבעלעכ, פלעשעלעכ, שטיקעלעכ פרוב, וואָס האָבנ אימ גענוצט פאר גאלוואנאָפּלאסטיק.

ער פלעגט אויכ אופקויפנ וואָלוועלע מאכשירימ פאר זיינ אייגנ געלט, וואָס ער האָט זיכ געסטארעט אינ די לעצטע קלאסנ פארגרע־סערנ דורכ געבנ פּריוואטע שאָענ. ער האָט וווּנדערלעכ געקאָנט אויס־נוצנ זיינ צייט — קיינ מינוט פלעגט, דאכט זיכ, ניט דורכגיינ בא אימ אומזיסט. אויסגעקויפט, ווי ס'איז נאָר עפּעס געווענ, א רעטאָרטע אָדער קאָלבע — אינ סימבירסק, האָט סאשע זיכ אָנגעהויבנ אויסשרייבנ

פארשיידנערליי עלעמענטארע כעמישע מאכשירים פונ קאזאנ. מיט א צײַט פריִער האָט ער אביסל פארגרעסערט זײַנ לאבאָראטאָריע מיט אייניקע זאכנ פונ זײַנ לערער טשוגונאָוו, וואָס איז געשטאָרבנ, ווענ סאשע איז שוינ געווענ אינ די עלטערע קלאסנ. ער האָט זיכ אויכ אײַנגעשאפט אביסל ביכער פונ טשוגונאָווס ביבליאָטעק, וואָס מע האָט אויסגעפארקויפט פאר זייער וואָלוועלע פרײַזנ, דאָס האָט ער טאקע דאָרט געקויפט דרעפערס „די גײַסטיקע אנטוויקלונג פונ אייראָפּע" אונ מיר געשענקט צו מײַנ געבורט־טאָג.

ער האָט אויכ איבערגעלייענט באָקלענ, אונ איכ, געדענקט זיכ, האָב אים געוואָלט נאָכטאנצנ; מיר האָט זיכ באָקל אינ די זומערדיקע היצנ געלייענט גאנצ קנאפ אונ האָט זיכ שווער געלאָזט אײַנבײַסנ. אונ דערפאר, וואָס איכ האָב זיכ אליינ געבראָכנ אונ האָב פאָרט פונדעסטוועגנ איבערגעלייענט דעמ גאנצנ דיקנ באנד,—האָט דאָס אינ מיר אײַנגעפלאנצט צו באָקלענ א געפיל פונ עקל אפנ גאנצנ לעבנ.

סאשעס דורכדרינגענ זיכ אלצ מער אונ מער מיט כעמישע אונ שפּעטער מיט נאָכ אנדערע נאטורוויסנשאפטלעכע פראגעס האָט אָנגעהויבנ צוביסלעכ אונדז אָפּרײַסנ איינס פונעמ אנדערנ. מיט דער גאנצקײַט אונ ברענ, מיט וועלכער ער פלעגט זיכ אָפּגעבנ אלעמאָל צו די זאכנ, וואָס פלעגנ אימ פארכאפּנ, האָט ער אויכ אָנגעהויבנ אויסנוצנ מארנ געליבטנ געגנשטאנד יעדער פרײַע מינוט. ער האָט אָנגענומענ א פריוואטע שאָ, קעדיי האָבנ די מעגלעכקײַט זיכ קויפנ מער ביכער אונ מאכשירימ, אונ די עלטערע קלאסנ גימנאזיע האָבנ דאָכ געפאָדערט א מאסע ארבעט! וויפל איז אויסגעקומענ אָפּצוזיצנ אפ דעמ נימעסדיקנ לאטיינ מיט דעמ גריכיש. קיינ האנטביכער איז נאָכ דעמאָלט ניט געווענ, כוצדעמ, מיינ איכ, אז דער מאטע, וואָס האָט צוגעלערנט די קינדער פונ אָנהייב אָנ צו געוויסנהאפטער ארבעט, איז געווענ קעגנ האנטביכער.

אינ קלאס ארײַנ פלעגט סאשע קומענ אביסל פריִער צוליב די כאוויירימ, וואָס פלעגנ ניט באוויײַזנ אינדערהיימ צוגרייטנ די לימודימ. זיי פלעגנ זיכ ארומשטעלנ ארומ אימ אונ בעטנ זיי אונטערהעלפנ, אונ אזוי איז געווענ בא די האפּטאָקעס אויכ.

— וואָס איז דאָ פאראנ צו ריידנ?.. ער איינער האָט געארבעט אפנ

גאנצנ קלאס, — האָט מיר שוינ שפּעטער, אינ די סטודענטישע יאָרנ געזאָגט וועגנ אימ א קלאס־כאווער, סאוושקינ.

איכ בינ פונ אלעמאָל א הייסע ליטעראטור־ליבהאָבערנ. מיט כעמיע האָב איכ זיכ אינגאנצנ ניט אינטערעסירט, בינ געווענ אפילע געשטימט קעגנעריש צו איר, דערפאר ווײַל זי פלעגט מיכ אָפּרײַסנ פונ סאשענ. דערצו איז אינ די לעצטע קלאסנ געווענ גענוג ארבעט — איכ האָב געענדיקט דעמ קורס אינ עלטער פונ זעכצנטהאלבנ יאָר. אינ קומענדיקנ יאָר נאָכ מײַנ ענדיקנ די גימנאזיע האָב איכ אָפּגעקרענקט אפ טיפ דעמ גרעסטנ טייל ווינטער. און אפנ צווייטנ הארבסט — 17 יאָר אלט — בינ איכ אָנגעקומענ אלס געהילפ־לערערנ אינ איינע פונ די סימבירסקער שולנ און אינדערהיימ האָב איכ נאָכ געגרייט די קלענערע קינדער. די געזעלשאפט פונ מײַנע גימנאזיע־כאווערטעס, ווי ווייניק זיי האָבנ פאר מיר ניט אויסגעמאכט, און ווי גיכ איכ האָב זיכ פונ זיי אינגאנצנ ניט דערווײַטערט, די געזעלשאפט פונ לערערס און לערערנס, ווו ס'פלעגט פאָרקומענ אלגעמיינע פארזאמלונגענ און פארייניקטע פּעדאגאָגישע באראטונגענ — דאָס אלצ האָט מיכ געשטויסנ אפ אנ אנדער סטעזשקע, ווי די, מיט וועלכער סאשע איז אוועק. קיינ לייענענ בײדע צוזאמענ, ווי אמאָל, איז שוינ אויכ ניט פאָרגעקומענ, מאכמעס אינ די פרײַע שאָענ, וואָס ער האָט געהאט, פלעגט ער דעריקער לייענענ איבער נאטורוויסנשאפטלעכע פראגנ.

אינ די זומערנ פלעגנ מיר פארברענגענ אביסל מער צײַט איניינעמ, כאָטש דעמאָלט פלעגט סאשע אויכ זײַנ די גאנצע צײַט פארנומענ. זומער 1882־טנ יאָר באמ איבערגיינ אינ לעצטנ קלאס גימנאזיע האָבנ מיר, איבער דעמ רעמאָנט בא אונדז אינ דער דירע, זיכ אלע איניינעמ צונויפגעשפּארט אינעמ קליינעמ הויפ־שטיבל, נאָר סאשע האָט אויסגעבעטנ, מע זאָל אימ פונזײַנעטוועגנ אינגאנצנ אָפּגעבנ דאָס באזונדערע קליינע קיכל, קעדיי זי קאָנענ באנוצנ פאר א לאבאָראטאָריע. אָנשטאָט דער פריערדיקער ארבעט, וואָס ער פלעגט ארײַנכאפּנ ווענ ס'ניט איז צווישנ די קורס־לימודימ, האָט ער שוינ דאָ אָנגעהויבנ סיסטעמאטיש דורכגיינ כעמיע לויט מענדעלעיעוונ. איצט האָט ער שוינ ניט געדארפט מוירע האָבנ, אז ער מאכט פאר די ארומיקע קאליע די לופט. ער אליינ האָט שוינ אצינד סײַ פארבראכט דעמ גאנצנ טאָג און סײַ גע־

נעכטיקט אין קיִכ. אָט אזוי איז געווען זײַן אָפּרו נאָכ דער אָנגע־שטרענגטער קורס־ארבעט.

מײַנע עלטערן זײַנען געווען אומרויִק פאר זײַן געזונט, פלעגן אליין און אונדז פארזאָגן וועגן אָפּטער אים ארויסשלעפּן זיכ אביסל דורכגיין און שפּילן אין קראָקעט,—נאָר ס׳איז גאָרניט געווען פון די גרינגע זאכן.

איין כוידעש, עמעס, האָט ער פארבראכט אין קאָקושקינאָ, געגאנגען אפ געיעג, וואָס ער האָט שטארק ליב געהאט, אומגעקראָכן מיטן קליי־נעם אומקום־שיפעלע ווו דער טײַכ האָט אן עק, אויסזוכנדיק פארשיי־דענע מוסטער־מינים פון דער לעבעדיקער נאטור.

אונטערנעכטיקנדיק מעג א שוועסטערקינד ערגעץ ווו אונטער א סטריכע היי צוליב דעם, קעדיי צו קאיאָר צו פלינק באשיסן די קאטש־קעס, האָט ער געשפּילט מיט אים אין שאָכ. אזוי אָן א ברעטל און אָן פיגורן, אלצדינג זיכ נאָר פאָרגעשטעלט. איינאָוונט פלעגן זיכ צונויפ־קומען די שוועסטערקינדער, ייִנגלעכ, מיידלעכ—סאמע יונגע יוגנט, וואָס זײַנען באזונדערס דעם זומער אסאכ זיכ צונויפגעפאָרן אהער און מע האָט פארבראכט און געזונגען, געשפּילט אין פארשיידענע שפּילן און זיכ פארגעבן רעטענישן. נאָר סאשע האָט אין די פארווײַ־לונגען קיין גרויסן אָנטייל ניט גענומען. אָדער ער פלעגט בעסער אוועק אפ א גאנצער נאכט ערגעץ אפ א געיעג, אָדער אויב שוין יאָ פאר־ברענגען די צײַט אין שמועסערײַען, איז נאָר אינדרײַען—מיט מיר און מיט דער קוזינע, און דעם לעצטן זומער—ער איז שוין אלט גע־ווען 17 יאָר—מער פון אלץ אינצווייען מיט דער קוזינע. פונאָנהייב האָב איכ זיכ ניט געכאפּט, אז די כאווערישקײַט צו איר האָט אין דעם זומער אָנגעהויבן באקומען בא סאשען א געוויסן שטריכ פון דער „ערשטער ליבע", עפּעס א מין פּאָעטישע כאווערישקײַט, ווי בא גער־צענען צו זײַן קוזינע,—און פלעג זײַן זייער באליידיקט, וואָס איכ קום אויס אזויווי אָפּגעשטופּט אָן א זײַט. נאָר אפילע, אז איכ האָב שוין פארשטאנען, איז כאָטש איכ האָב זיכ אָנגעהויבן וויניקער באליידיקן, פונדעסטוועגן בין איכ נאָכ אלץ געווען גענוג אייפערזיכטיק און האָב זיכ געפּילט אומגליקלעכ: סאשעס געזעלשאפט איז בא מיר געווען טײַ־ערער פון אלץ, און דאָס פלאפּלערײַ פון וועמען ס׳ניט איז פון אונדזע־רע שוועסטערקינדלעכ האָט מיר אים ניט געקאָנט פארבײַטן.

אינ זיקאָרנ איז בא מיר פארבליבנ א שפאציר מיט סאשענ דעמזעלבנ זומער אינ סאָד אינ א לעוואָנע־נאכט. אלע שטוב־מענטשנ זײַנענ שוינ געהאט אוועק שלאָפנ; מיר איז גימעס געוואָרנ זיכ אומדרייענ איינע אליינ בא אונדז אינ סאָד, בינ איכ צוגעגאנ צו סאשעס קיכפענצטערל אונ האָב אימ אָנגעהויבנ שטארק בעטנ, ער זאָל זיכ מיט מיר אביסל דורכגיינ. ער האָט נאָכגעגעבנ. מיר זײַנענ זיכ דורכגעגאנגענ איבער די גאסנ, אונ האָבנ זיכ צוריק אומגעקערט אינ סאָד. א שטימונג איז בא מיר יענעמ אָוונט, אונטערנ אײַנדרוק פונ עפּעס א האלב־קינדערשער פארליבטקײַט, וואָס איכ האָב דעמאָלט איבערגעלעבט, געווענ באזונדערס א באגײַסטערטע, אונ איכ האָב פלוצלינג, אומגעריכט פאר זיכ אליינ, ארומגענומענ סאשענ. געוויינלעכ פלעגנ צווישנ אונדז קיינ שומ סאנטימענטנ ניט פאָרקומענ, נאָר איצט האָב איכ זיכ שוינ ניט געקאָנט אײַנהאלטנ. סאשע האָט מיר אָפּגעענטפערט מיט א פעסטנ ברידערלעכנ צודריק צו זיכ, פול מיט צארטקײַט אונ פארשטאנד. אזוי ארומגענומענע, זײַנענ מיר דורכגעגאנ עטלעכע שפאנ איבערנ סאָד. אונ אָט אינ דעמ מאָמענט האָט זיכ אלצדינג אינ מיר צעזונגענ באזונדערס הויכ. די נאכט האָב איכ נאָכדעמ אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ שטענדיק דערמאָנט, ווי א יאָנטעוו: אזא לויטער פּאָעטיש געפיל פונ גליק האָבנ מיר פארשאפט זײַנע ברודערלעכע אָרעמס.

וואָס פאר א מעכטיקער קוואל פונ צערטלעכער ליבע איז געווענ בא אימ אינ הארצנ צו אלע זײַנע אייגענע! אפילע אינ די קורצע מינוטנ, וואָס ער פלעגט מיט אונדז פארברענגענ, האָבנ אלע מיר געפילט די גאָלדענע שפורנ פונ זײַנ איבערגעגעבנקײַט, די צויבערלעכקײַט פונ זײַנ שטארקער אונ אינ דערזעלבער צײַט איידעלער נאטור! אונדזער קלענערער ברודער דמיטרי, א ייִנגערער פונ סאשענ מיט אכט יאָר, דערמאָנט מיט א טיפנ געפיל וועגנ אייניקע קלייניקע מאָמענטנ פונ סאשעס אופמערקזאמקײַט צו אימ, דערמאָנט, וויאזוי יענער האָט זיכ גערעכנט מיט זײַנ פערזענלעכקײַט אינ די קורצע מינוטנ, ווענ ער פלעגט זיכ מיט אימ טרעפנ צוזאמענ, אונ וויאזוי בא אימ, נאָכ גאָר א קליינטשיקנ, האָט זיכ געשאפנ אזא טיפער געפיל פונ דאנקבארקײַט צו סאשענ, אז, דאכט זיכ, אינ פײַער אונ אינ וואסער וואָלט ער געגאנגענ פאר אימ.

קלענערע קינדער געפינען זיך שטענדיק אונטער דעם איינפלוס פון די עלטערע, נאָר אין אונדזער פאמיליע, אריינגערעכנט מיך אויך, די עלצטע, זיינען מיר אלע געווען אונטער דעם אויסערגעוויינלעכן איינפלוס פון סאשען, כאָטש ער אליין האָט וויניקער פון אלץ ארויסגעוויזן א ווילן צו ווירקן אפ אנדערע.

די צווייטע נאָך וולאדימירן, אָלגע (געבוירן 1871 יאָר), האָט ליב געהאט סאשען מער פון אלע אנדערע עלטערע קינדער, און סאשע פון זיין זייט האָט זי ליב געהאט מער פון אלע קלענערע. בא איר איז טאקע אין דער נאטור אויך געווען אסאך קרויוועשעס מיט סאשען — טיפקייט און שטייפקייט פון כאראקטער, איינײנעם מיט עפעס אזא גרויסער גראָדקייט און ווייכקייט, און אן אויסערגעוויינלעכע ארבעטספעיקייט. איך וואָלט געזאָגט, אז בא אָלגען, פונקט אזויווי בא סאשען, איז דאָס דאָמינירנדיקע אין כאראקטער געווען — דער געפיל פון כויוו. אין עלטער פון זעכצנטהאלבן יאָר האָט זי גלענצנדיק געענדיקט די גימנאזיע מיט א גאָלדענעם מעדאל. זי האָט געשטודירט מוזיק, געקאָנט ענגליש און אפילע שוועדיש, האָט זיך געקליבן אפ מעדיצינישע קורסן קיין העלסינגפאָרס, האָט זייער אסאך און זייער פראָדוקטיוו געלייענט. אין סאָפ ערשטן יאָר פון אירע קורסן איז זי געשטאָרבן פון בויכטיפוס, און זייער מאָדנע, וואָס געשטאָרבן איז זי פונקט אין דעמזעלבן טאָג, וואָס סאשע, דעם 8־טן מיי, — נאָר מיט פיר יאָר שפּעטער.

אפילע אין דעם קימאט בורסע־שמייגער פון דער דעמאָלטיקער גימנאזיע מיט איר פוסט־און־פאסעווען, גראָבקייט און צווייפענעמדיקייט, ווו ס'איז אזוי שווער געווען טאשען צו עטעמען די ערשטע יאָרן, אפילע דאָרט האָט ער — דער סאמע יינגסטער אין קלאס — זיך מיט דער צייט דערוואָרבן א לאגע פון דעם סאמע געאכטעטן און באליבטן כאווער. מע האָט אים גאָר אינגיכן אופגעהערט אויסלאכן פאר זיין שטילקייט, מע האָט ניט געווייכט פון אים, ווי מע ווייכט געוויינלעך פון דעם „ערשטן" שילער. אלע פלעגן גיין בא אים פרעגן און בעטן א דערקלערונג, אפ אים האָט מען זיך אָנגעשפּארט ווי אפ א פעלדז אין אלע קאָלעקטיווע פּראָטעסטן.

אין די עלטערע קלאסן האָט זיך געפירט א קאמף קעגן דעם לערער פון לאטיין, איינעם א פיאטניצקי, א קאריערעסט און א דורכגע־

טריבענעם שווינדלער, אפּ וועלכן עס זיַינען געווען אופגעטראָגן די בעסערע לערער. אויך דערדאָזיקער קאַמפּ, וואָס האָט אָנגענומען זייער א שארפן כאראקטער, האָט זיך ניט צעפלאַקערט אין קיין העלן פלאַם נאָר דערפאר, וואָס מע האָט דעם פּיאַטניצקין באַלד ארויסגענומען, — דאָס איז שוין פּאָרגעקומען אין דער ציַיט, ווען קערענסקי איז געווען דירעקטער. דער פּראָטעסט קעגן פּיאַטניצקין האָט דערגרייכט זיַין סאָף שוין אין אַן אַנדער גימנאַזיע, דאַכט זיך, אין סאַראַטאָוו, וווּ ער האָט געכאַפּט קלעפּ, וואָס עס האָט, פארשטייט זיך, געבראַכט צו פארשיידענע שטראָפן און אויסגעשלאָסענע פון גימנאַזיע. מיר געדענקט זיך נאָר, אַז עמעצער פון די מער באַיאָרנטע פּעדאַגאָגן האָט אויסגעדריקט אין א פּריוואַט הויז זיַין פאַרוווּנדערונג און קריטיק וועגן דעם, וואָס סאַשע האָט גענומען אַן אָנטייל אין פּראָטעסט. ער האָט ניט געקאָנט פארשטיין, ווי האָט סאַשע, פּערזענלעך ניט קיין פאַרינטערעסירטער, געקאָנט באַ זיך פּועלן קאַליע מאַכן זיַין קאַריער פון אַן ערשטן שילער.

זיַיענדיק שטענדיק פאַרנומען אינדערהיים מיט די קורס־לימודים, קאַם־קאַם אויסמאַרקירנדיק פאַר זיך עטוואָס ציַיט פאַר זיַין באַליבטער כעמיע, איז סאַשע זייער זעלטן אַליין אַריַינגעקומען צו די כאַווירים, סיַידן ווען ער פלעג זיך אַריַינכאַפּן צוליב עפּעס געשעפטלעכעס. ער האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין די גימנאַזיסטישע ספּעקטאַקלען און אין אַנדערע פאַרוויַילונגען פון די מער געזעלשאַפטזוכנדיקע גימנאַזיסטן. נאָר צו אים פלעגט מען אין די עלטערע קלאַסן אַריַינקומען זייער פיל. אייניקע, צום ביַישפּיל, דער סאַמע נאָענטסטער כאַווער זיַינער, וואַלענטין אומאָוו, און אויך סטראַכאָוו, האָבן זיך אויך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט שטודירן נאַטורוויסנשאַפט און פלעגן זיך טיילן וועגן זייערע אופגעבונגען מיט סאַשען. אין קאָמפּאַניע מיט סאַשען האָט זיך באַשעפטיקט מיט כעמיע דער ייִנגערער פון סאַשען מיט א קלאַס שטשערבאַקאָוו, וואָס האָט איין ווינטער געוווינט באַ אונדז און געווען אויך אַפּ קעסט. כאַווירים פלעגן זיך אויך אַריַינכאַפּן נאָך א בוך וועגן א געזעלשאַפטלעכער פראַגע, דורכשמועסן זיך וועגן דעם איבער־געלייענטן אָדער וועגן די גימנאַזיסטישע אָנגעלעגנהייַטן בעיס דעם קאַמפּ מיט פּיאַטניצקין. נאָר לאַנג פלעגט מען זיך ניט פאַרזיצן, מאַכ־מעס סאַשע איז ניט געווען גענייגט צו לאַנגער פּלאַפּלעריַי. אין די לעצטע

יאָרן פלעגט ער אמאָל מאכן אײנײנעם מיט כאווײרים אן אלגעמײַנעם שפּאציר, און בעיסן ענדיקן די גימנאזיע אויך געמומען אן אָנטייל אין דער יאַנטעוודיקער פּײַערונג פון דעם ארויסלאָז, לויטן דעמאָלטיקן מינהעג,—מיט אויסטרינקען.

איבער דעם ענדיקן די גימנאזיע האָט ער זיך געפרייט אומגעהײַער. עפּעס אזיוי זיך געלויכטן פון אינעווייניק, זעענדיק זיך א פרײַען פון די געצוווּנגענע לימודים, מיט דעם געגארטן אוניווערסיטעט אין דער צוקונפט, און פילנדיק א מעגלעכקײַט זיך פארנעמען מיט דעם, צו וואָס עס האָט אים געצויגן זײַן בארוף.

ער האָט אויסגעקליבן פאר זיך דעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, ווײַל דאָרט איז דער נאטורוויסנשאפטלעכער פאקולטעט געווען אוועקגעשטעלט אפן בעסטן אויפן און זיך גערימט מיט אזעלכע נעמען, ווי די פּראָפעסאָרן בעקעטאָוו, בוטלעראָוו, וואגנער און אנד.

דער טאטע, וואָס האָט זיך באצויגן זייער ערנסט און אויפמערקזאם צו אלע סאשעס שטרעבונגען, וואָס האָט זיך געגרויסט מיט אים, האָט זיך ניט ארויסגעזאָגט קעגן, כאָטש פאר אים מיט דער מאמען איז געווען שווער אָפּצולאָזן אים, אזא יונגן, אזוי ווײַט, און כאָטש זיי וואָלטן בעסער געוואָלט קאזאן, וואָס איז געווען נאָענט פונדערהיים, און דאָרט האָבן מיר געהאט אויך פרײַנט [1]. נאָר סאשע האָט נאָכן ענדיקן דעם קורס ניט געלאָזט, דער יאַנטעוו זאָל זיך צו לאנג בא אים ציִען. ס'האָט אים געדריקט דער געפיל צו זיצן באם טאטן, וואָס האָט געהאט א גרויסע פאמיליע, און ער האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאג אוועקפאָרן אפן זומער פון 1883־טן יאָר פאר א רעפעטיטער אין דאָרף, אין דער פאמיליע פונעם סויכער סאטשקאָוו. נאָר די מאמע, וואָס דער געדאנק, אז זי דארף זיך איינגיכן מיט אים שיידן, האָט זי גענומען מוטשען נאָך פון

---

1) מיר האָט זיך פארגעדענקט א שמועס פונעם טאטן מיט עמעצן,—נאָך וואָס סאשע האָט אויסגעקליבן פאר זיך דעם נאטורוויסנשאפטלעכן פאקולטעט.

— מע קאָן אים אײנרעדן ניט אויסנוצן אין לעבן. וואָס קאָן מען ווערן? נאָר א לערער? — האָט יענער געזאָגט.

— מע קאָן ווערן פּראָפעסער. — האָט דער טאטע אָפּגעענטפערט, פּראָסט און באשיידן ווי שטענדיק, נאָר די גרויסקײַט מיט זײַן זון האָט בא אים ארויסגעשײַנט פון די אויגן.

— יאָ, אויב אזוי, פארשטייט זיך... — האָט שוין יענער מיט אן אנדער טאָן און מיט אָפּשײַ אים אָפּגעענטפערט.

פרילינג אָן, איז געווען אנטשיידן קעגן דעם, סאשע זאָל אוועקפאָרן אפ דעם לעצטן זומער פונדערהיים, און דער טאטע האָט אים אויך אָנגעהויבן זאָגן, אז ער איז אימשטאנד שיקן אונדז ביידע אפ לעבן, און זאָל ער בעסער פאָשעט אָפּרוען אינדערהיים. סאשע האָט נאָכגעגעבן דעם קאטעגאָרישן ווילן פון דער מאמען, ווײַזט אויס, קעגן זײַן אייגענעם. עטלעכע טעג איז ער אומגעגאנגען א פארצאָרנטער, נאָר באשלאָסן — איז פארפאלן, — און מער האָט ער וועגן דעם ניט דערמאָנט. אפ א קורצער צײַט איז ער אוועקגעפאָרן קײַן קאָקושקינאָ. איך האָב דעם זומער ניט געוואָלט איבערלאָזן די מאמע פאר אונדזער פאָרשטייענדיקן צעשיידן זיך אפ לאנג, און האָב אים ניט געמאכט קאָמפאניע קײַן קאָקושקינאָ.

פארלויפנדיק אפ א יאָר פאָרויס, וויל איך אָפּשטעלן זיך אפ א קליינינקן שטריך, וואָס איז זייער כאראקטעריסטיש פארן ברודער. ער האָט געזאָגט דעם טאטן, אז ער דארף מער ניט האָבן, ווי דרײַסיק רובל א כוידעש. דער טאטע האָט פונדעסטוועגן ארויסגעשיקט צו 40 ר., ניט געקוקט אפ סאשעס פּראָטעסטן אין די בריוו. דערזען, אז עס העלפט ניט, האָט סאשע אָפּגעשוויגן, גענומען סיסטעמאטיש אָפּלייגן צו 10 רובל אלע כוידעש, וואָס ער קאָן זיך, ווי ער האָט געמאָלדן דעם טאטן, אָן זיי באגיין, און אָפּגעבראכט צוריק 80 ר. פאר די אכט כאדאָשים אָפּזײַן אין פעטערבורג. דער טאטע האָט מיט פארוווּנדערונג און מיט אנטציקונג מיר דערציילט וועגן דעם פאקט, וואָס איז פאר מיר אינגאנצן געווען אומבאוווּסט, ווײַל אין מעשעך פונעם גאנצן ווינטער אין פעטערבורג האָט ער מיט קיין איין וואָרט אפילע וועגן דעם ניט דערמאָנט, ווײַזט אויס, ניט וועלנדיק דריקן מיט דעם אפ מיר.

איך דערצייל וועגן דעם אזוי אויספירלעך דערפאר, ווײַל אזא פאקט פונעם טאָגטעגלעכן לעבן באווײַזט, אז קאָנען אָנעמען א באשלוס אפ לאנג און אײַנגעשפּארט אים דורכפירן אין לעבן זאָגט אסאך מער וועגן דער פעסטקײַט פון כאראקטער, איידער אנדערע קימאט העראָישע באשלוסן אפ א מאָמענט. באזונדערס איז דאָס איבערראשנדיק אין א זיבעצניאָריק באָכערל, נאָר וואָס ארויסגעפלויגן פון דער ווארעמער פאמיליע-נעסט, ניט קיין פראקטישן, וואָס איז ניט נאָר ארומגערינגלט פון אלע זײַטן מיט שטרויכל-באגערן — דאָס האָט ער אפילע ניט געפילט — נאָר ער דארף אויסרעכענען יעדע קאָפּיקע, יעדער איבעריקן ביסן, קעדיי ניט

ארויס פונ דעמ באשטימטנ פאר זיכ ביודזשעט. אונ ער איז דאָכ נאָכ געווענ דעמ ערשטנ ווינטער קראנק אפ רעקורענס־טיפ. נאָכ אזא קרענק איז נייטיק פארשטארקטע דערנערונג, אָפּגערעדט פונ דעמ, וואָס בא א קרענק פאָדערט זיכ געלט אפ דאָקטוירימ אונ רעפועס. זײַנ עסנ, כוץ דעמ מיטעק, איז געווײנלעכ געווענ טיי מיט ברויט. ווײַטער — וויפל נייטיקע ביכער וואָלט ער זיכ געקאָנט קויפנ צו דער ארבעט!

בא די לעצטע יאָרנ אינ גימנאזיע אונ אינ די ערשטע יאָרנ אינ אוניווערסיטעט איז סאשע שוינ געווענ אינגאנצנ א זעלבשטענדיקער, דערוואקסענער מענטש, מיט וועמעס מיינונג מע האָט זיכ גערעכנט אונ וואָס פלעגט אָפטמאָל אימפּאָנירנ די עלטערנ אויכ. דאָס איז געווענ דערגרייכט אינגאנצנ רויִק, פּאָשעט קימאט ניט באמערקט, פונ זיכ אליינ. קיינ שומ קאמפ איז פאר דעמ פאר די קלענערע קינדער אינ די אויגנ ניט פאָרגעקומענ. דאָס איז געווענ א נאטירלעכער רעזולטאט פונ זײַנ מאָראלער קראפט. קיינמאָל האָט זיכ סאשע פאר די קלענערע קינדער אינ די אויגנ ניט ארויסגעזאָגט קעגנ אָדער עפּעס אָפּגעלייקנט, נאָר אז דער טאטע, וואָס איז דאָס גאנצע לעבנ געווענ אופריכטיק רעליגיעז, פלעגט אימ זאָגנ: „וועסט הײַנט גיינ צו דער נאכט־דינסט אינ קלויס־טער?“ האָט ער געענטפערט קורצ אונ פעסט: „ניינ“ — אונ די דאָזיקע פראגעס, האָבנ זיכ אופגעהערט איבערכאזערנ.

פונ די שטריכנ, וואָס זײַנענ טיפּיש פאר דעמ ברודער, וויל איכ נאָכ דערמאָנענ — זײַנ דעמאָקראטיזמ. מיט דעמזעלביקנ אָפּשײַ אונ אופמערקזאמקײַט, ווי צו אלע ארומיקע, פלעג ער זיכ אויכ באציִענ צו דער דינערשאפט, צו די פויערימ, אונ ווי האָבנ עס אלע אימ ליב געהאט! איכ געדענק זײַנ באגעגעניש דעמ ערשטנ זומער, ווענ ער איז אָנגעקומענ פונ פעטערבורג, מיט דעמ טאטנס דינער, וואָס פלעג בא אימ צעטראָגנ פּאפּירנ. דער אלטער האָט אזש געשײַנט פונ פרייד, באגריסנדיק זיכ מיט סאשענ, אונ סאשע האָט אימ אזוי פרײַנטלעכ־פראָסט געדריקט די האנט, אז ער האָט אפילע צוגעצויגנ מיט דעמ געוויסע אופמערקזאמקײַט, אלס א זאכ, וואָס איז ווייניק געווענ אָנגענומענ. איכ געדענק אויכ זײַנע שמועסנ מיט די פויערימ. — וואָסער אנ אווטאָריטעט ער האָט זיכ עס געמוזט מיטאמאָל דערווערבנ צווישנ די ארבעטער, וואָסער א צוטרוי אונ אָפּשײַ!

די סטודענטישע יאָרן (1883־1887)

סאָפ אווגוסט 1883 יאָר איז אלעקסאנדער איליטש געקומען צו פאָרן קיין פעטערבורג. ער איז געפאָרן מיט דער וואָלגע ביז ניזשני, און נאָכדעם מיט דער באן. די רײַזע מיט דער באן האָט ער דעמאָלט דורכגעמאכט צום ערשטן מאָל. דאָס פאָרן אין 3־טן קלאס בא דער שרעקלעכער ענגשאפט און שמוציקײַט אין די וואגאָנעס האָט אים נאָך דער פרײַקײַט אפ דער שיפ אויסגעזען זייער ניט פויגלדיק, און שוין שפעטער צו האָט ער איינמאָל געזאָגט:

— מע דערציילט וועגן דעם פארגעניגן צו פאָרן מיטן באן. לויט מײַן מיינונג איז דאָס אפ נײַן צענטל אן אָפקומעניש.

ווײַזט אויס, אז אין דער רײַזע האָט ער איבערגעלעבט עטוואָס פון נעקראסאָווס,—זײַן באליבטן פאָעט,—פאָעמע „די אײַזנבאן”. שפעט אין הארבסט, ווען ער איז קראנק געוואָרן אפ רעקורענס־טיפוס, האָט ער מיך עטלעכע מאָל געבעטן אים איבערלייענען אפ אויסגווייניק דיזאָזיקע פאָעמע.

אפן וועג קיין פעטערבורג האָט ער זיך אָפגעשטעלט אפ א טאָג אין מאָסקווע. אין א בריוו צו דער קוזינע האָט ער געשריבן, אז פעטערבורג איז אים אסאך מער געפעלן, ווי מאָסקווע, אז פון מאָסקווער אנטיקן איז אים נאָר געפעלן געוואָרן דער „כראם ספאסיטעליא” (א באַרימטער קלויסטער), און די אלטע קלויסטערס מיט די קרעמל־געבײַען זײַנען אים אינגאנצן ניט געפעלן.

פארפאָרן איז אלעקסאנדער איליטש אין א צימער אפ די פעסקעס, מאכמעס נאָך אין סימבירסק האָט אים עמעצער רעקאָמענדירט די באלעבאָסטע, וואָס האָט פארדונגענע צימערן; אין דעם צימער בין איך שפעטער אביסל, אין סענטיאבער, אויך פארפאָרן. נאָר דאָס, וואָס דער אוניווערסיטעט איז אים פונדאנענע געווען שטארק ווײַט, האָט געצווונ־

גענ סאשענ אפנ צווייטנ כוידעש זיכ ארויסציִענ פונדאנענ. ער האָט זיכ געפונענ א צימער אפ דער „פעטערבורגער זײַט"—דאָרט, ווו ס'פלעגט זיכ באזעצנ דער סאמע דעמאָקראטישער טייל צווישנ דער סטודענטנשאפט (אפ וואסיליעווער אינדזל זײַנענ צימערנ געווענ טײַערער), אפ דער סיעזשינסקער גאס, אינעמ הויז № 4, בא דער באלעבאָסטע פונעמ הויז.

דאָסדאָזיקע הילצערנע הויז פונ אמאָליקנ שניט איז שוינ איצט פונ לאנג צענומענ. אפ זײַנ אָרט שטייט אצינד א שטיינערנער מויער פונעם פײַערלעשער־טייל. אינ צימער איז מענ ארײַנגעגאנגענ גלײַכ פונעם פאָדער־צימער. בישכיינעס מיט אימ איז געווענ דער גאסט־צימער. ווי ס'פירט זיכ, איז ער געשטאנענ צומיינסטנ א ליידיקער אָנ געסט, אונ בא סאשענ איז דעריבער געווענ שטיל אונ באקוועמ צו אויבעטנ.

די באלעבאָסטע האָט זיכ אימ געטראָפנ א גוטמוטיקע, אלטמאָדישע אלטיטשקע, אזעלכע איז שוינ מיסטאמ נישט צו טרעפנ אפילע ערגעצ ווו, אינ די סאמע טיפסטע עקנ. דער ברודער האָט בא איר געגעסנ מי־טעק אויכ. אונ זי פלעגט פונ זײַנעטוועגנ זייער אָרנטלעכ אויסטיילנ א פאָרציע פונ איר היימישנ ווארמעס, אונ זונטיק אָדער אינ א יאָנטעוו מעכאבעד געווענ אויכ מיט א קוכנ ניט נאָר אימ אליינ, נאָר אז איכ פלעג צו אימ קומענ—מיכ אויכ. אויכ זייער אופמערקזאמ איז זי געווענ צו אימ, בעייס ער איז געווענ קראנק אפ רעקורענס־טיפ, וואָס ער האָט איבערגעטראָגנ בא זיכ אינ צימער, אונ האָט ניט געפאָדערט קיינ געלט פאר די מיטעקנ, וואָס זי פלעגט דערלאנגענ פונ זײַנעטוועגנ אויכ אינ יענע טעג, בעייס איכ פלעג פארברענגענ לעבנ סאשענ. איכ פלעג אָפט באמערקנ פונ איר זײַט א רײַנ—מוטערלעכע באציִונג צו אונדז, יונגווארג,—נאָר־וואָס ארויסגעפלויגנ פונ דער היימישער נעסט. שטילקײַט, גוטמו־טיקײַט אונ היימלעכקײַט אינײנעמ מיט א רייעכ פונ לאמפאדנע בוימל איז דאָ געווענ צוגאָסנ אומעטומ. אינ דעמ צענטראלנ טייל פונ פעטער־בורג האָב איכ שוינ געזענ אנדערע טיפנ באלעבאָסטעס, וואָס האָבנ אומפארשעמט עקספלואטירט די סטודענטישע מאָגנס.

די בעסטוזשעווער קורסנ זײַנענ דעמאָלט געווענ אפ סערגייעווער גאס אינ באָטקינס הויז,—אונ איכ האָב זיכ געקריגנ א צימער טאקע דאָ ניט חײַט, אפ סערגייעווער. ארײַנגעפאלנ בינ איכ אינ שלעכטע בא־

דיגונגענ, האָב זייער געבענקט נאָכ סאשענ, אונ ערשט העט שפּעטער האָב איכ זיכ געכאפּט, אז אומזיסט האָב איכ זיכ געלאָזט פאַרפירנ פונ דער אלגעמיינער מיינונג אונ פונ סאשעס רייד, אז פונ דער פּעטער־בורגער זייַט וועט מיר זייַנ זייער ווייַט צו גיינ, אונ האָב געמאכט א טאָעס, וואָס האָב זיכ ניט באַזעצט אײַנײנעם מיט אים. נאָר בא זייַנ וויילער אלטיטשקער איז קיינ צווייטער צימער ניט געווענ, אונ וועגנ דעם, אז סאשע זאָל מיר אָפּטרעטנ זייַנ צימער, האָט מיר אפילע אפנ געדאנק ניט געקענט קומענ. מיר האָבנ אײַנגעשטעלט באַשטימטע טעג, ווענ זיכ זענ, — איכ געדענק: מיטוואָכ אונ זונטיק, — אונ פלעגנ אקוראט מאכנ די רייַזעס, איינמאָל איכ צו אים, דאָס צווייטע מאָל — ער צו מיר, קעדיי צו פארברענגענ אינײנעם דעם אָוונט. פארשטייט זיכ, — כוץ געוויסע קורצע באַזוכנ אפּ איינ פוס, געשעפּטלעכע, מיט א בריוו פונ דער היימ, א. אז. וו. אונדזערע רייַזעס האָבנ מיר געוויינלעכ, געמאכט צופוס. ער — איבער זייַנ כאראקטעריסטישער פאר אים „שטרענגקייַט" צו זיכ אונ צוליב פארשמעלערנ ביז לעצט זייַנע באַדערפענישנ. אינ דעם ערשטנ טייל האָב איכ שוינ דערציילט, אז ער האָט אלע כוידעש אָפּגעלייגט, צו 10 רובל פונ דעם געלט, וואָס דער טאטע פלעגט אים ארויסשיקנ, אונ אז ער איז געקומענ אהיימ, האָט ער זיי צוריק אומגעקערט. אינ־דערפרי אונ אפּדערנאכט האָט סאשע צו דער טיי (קיינ ווערשערע פלעג ער בא דער באַלעבאָסטע ניט באקומענ) צוגעביסנ נאָר ברויט, וואָס גע־קויפט האָט ער אימ צומיינסטנ אפּ דער וואָג, סיטנע ברויט. בולקעס אָדער אזוי עפּעס א לאקעטקע פלעגט ער קויפנ נאָר אינ די טעג, ווענ איכ פלעג צו אימ קומענ צוגאסט, אונ אלע זייַנע געננ פלעג ער מאכנ צופוס.

אינ רעזולטאט פונ די ווארמעסנ, וואָס איכ האָב געגומענ בא מייַנ באַלעבאָסטע, האָב איכ זיכ גאנצ גיכ אָנגעמאכט א מאָגנ־קאטאר. מיט דעם איז דאָ בא מיר פארבונדנ אינ זיקאָרנ א רירנדיקער מאָמענט, וואָס שטעלט פאָר מייַנ ברודער פונ א געוויסער זייַט. זייַענדיק בא אימ צוגאסט, האָב איכ אימ דערציילט, וואָס דער דאָקטער האָט מיר גע־זאָגט. מיסטאמע האָב איכ געהאט א זויער פּאָנעמ אונ אנ אויסזענ פונ א קראנקער, אפּ מאָרגנ — גאָר ניט אינ זייַנ טאָג — קומט סאשע ספּע־ציעל צו גיינ צו מיר אונ הייבט מיכ אָנ איבערצייַגנ, אז אזויוויי עס

האָט זיכ באַ מיר אָנגעהויבנ אנטוויקלענ א קאטאר, דארפ איכ וואָס גיכער פאָרנ אהיימ קיינ סימבירסק. איכ געדענק זײַנ שטארק באַשעפטיקט פאָנעמ אונ דעמ הייסנ טאָג באַמ שמועס. איכ געדענק, אז ער אַליינ האָט מיר דעמאָלט אויסגעוויזנ באַזונדערס בלייכ אונ מיד. לאָזט זיכ אויס, אז ער אַליינ איז דעמאָלט געווענ קראנק — ס'האָט זיכ אימ אָנגעהויבנ דער רעקורענס־טיפוס, אונ א קראנקער, אינ א מיעס־ביטערנ פעטערבורגער וועטער (א רעגנ מיט א שניי), איז ער געגאנגענ אהער צופוס פונ דער פעטערבורגער זײַט, קעדיי מיכ צורעדנ פאָרנ אהיימ. איכ בינ פונ קינדווײַז אָנ געווענ באַ אונדז די סאמע קרענקלעכע, אונ די מאמע איז שטענדיק געווענ ניט רויִק פאר מײַנ געזונט. ווײַטער, האָט דער ברודער געזענ, אז איכ בענק זייער נאָכ אונדזער שטוב אונ וואָרצל זיכ אײַנ זייער שווער אפ דעמ נײַעמ אָרט. נאָר וויפל זאָרגעוודיקײַט, ערנסטע, טיפע געפילנ, שוינ גאָרניט קיינ יוגנטלעכע, האָט ער דערבײַ ארויסגעוויזנ, אַליינ — א 17־יאָריק יינגל.

פארשטייט זיכ, איכ בינ ניט אוועקגעפאָרנ, אונ אינ א פאָר טעג ארומ האָט דער דאָקטער קאָנסטאטירט באַ אימ רעקורענס־טיפוס. זײַענדיק באַ אימ גאנצ אָפט אונ אונטערנעכטיקנדיק אינ דער שווערער צײַט, האָב איכ אראָפגעוואָרפנ פונ זיכ דאָס סאמע דריקנדיקע — דאָס געפיל פונ עלנטקײַט, אונ די ווארמעסנ באַ זײַנ ליבער, אופמערקזאמער צו אונדז באַלעבאָסטע האָבנ מיר געהאָלפנ פארגעסנ אפ א צײַט אָנ מײַנ קאטאר אויכ.

מײַנע קורסנ האָבנ מיכ דערווײַל ווייניק וואָס צופרידנגעשטעלט, צוליב דער אָבליגאטאָרישקײַט צו לערנענ לאטיינ אונ דערמיט, וואָס די לימודימ האָבנ זיכ אינ דעמ יאָר געדרייט ארומ דעמ אלטערטומ־פעריאָד. ס'האָט זיכ געגלוסט, ווי מיסטאמע יעדערנ, וואָס טרייסלט פונ זיכ אָפ די גימנאזיסטישע לימודימ, עפעס מער נאָענטס צו הײַנט, עפעס א מער לעבעדיקע, פרישע ארבעט. ס'איז געווענ דאָס יאָר, ווענ מע האָט צוגעמאכט די „אָטיעטשעסטווענע זאפיסקעס" [1], א יאָר פונ שטיקנדיקער רעאקציע. די קורסנ זײַנענ געהאנגענ אפ א האָר. די אדמיניסטראציע האָט זיכ געסטארעט צו דערווײַזנ, אז דאָ האלט מענ פונ לערנענ אונ נאָר

[1] א פאָרשריטלעכנ זשורנאל פונ יענער צײַט, וואָס איז דערשינענ אונטער דער רעדאקציע פונ דעמ באַוווסטנ שרײַבער אונ פאָליטישנ טוער סאלטיקאָוו־שטשעדרינ.

פונ לערנענ. מיסטאמע איז דער אויסוואל פונ די פּראָפעסאָרנ אינ דער גרעסטער מאָס אויכ געווענ באשטימט פונ דער שטרעבונג צו אײַנהיטנ די קורסנ אומ יעדער פּרײַז.

דער בעסטער, דער מער געזעלשאפטלעכ לעבעדיקער באשטאנד צוהערערנס איז געווענ אפ דעמ נאטורוויסנשאפטלעכנ פאקולטעט. דאָס איז געווענ א צײַט קימאט פונ אנ אלגעמיינ־עפּידעמישער פארכאפּונג מיט נאטורוויסנשאפט. דערצו נאָכ האָט דער פּעטערבורגער אוניווערסיטעט געשעמט באזונדערס מיט זײַנ נאטורוויסנשאפטלעכנ פאקולטעט, וווּ ס'האָבנ געלייענט אזעלכע בארימטע פּראָפעסאָרנ, ווי סעטשענאָוו, מענדעלעיעוו, באָטקינ און אנדערע. אפ די עלטערע קורסנ, אפנ באָדנ פונ געזעלשאפטלעכנ אָנטייל אינ דער סטודענטישער קיכ, האָב איכ זיכ באקאנט און געוואָרנ נאָענט מיט אייניקע סטודענטקעס פונ דעמ נאטורוויסנשאפטלעכנ פאקולטעט, דערבײַ איז מיר אויסגעקומענ צו מאכנ אנ אנטדעקונג, אז דאָס איז א מער לעבעדיקער און געזעלשאפטלעכ־אינטערסאנטער עלעמענט צווישנ די קורסיסטקעס. זײַענדיק אפ די ערשטע קורסנ, האָב איכ, פארקערט, געקוקט אפ זיי עטוואָס קריטיש איבער זייער אונטערגעשטראָכטער ניהיליסטישער מאניער צו זיכ פירנ און זיכ באגיינ. די רויטע העמדלעכ, די קײַלעכיק־פּויערשע אונטערגעשאָרענע היטשקעלעכ, די ייִנגלשע זשעסטנ און ווילעריש־פרײַע ווערטער, האָבנ מיכ אָפּגעשטויסנ אלס אנ אויסדרוק פונ עפּעס געקינצלטס, איבערפלעכלעכס און מאלפּיש־נאָכגעקרומטס. איכ דערמאנ מיכ, ווי גראָב האָט איינ קורסיסטקע, וואָס האָט די שפּיל אינ ניהיליזמ דערפירט זייער ווײַט, אָפּגעענטפערט דער פארוואלטערנ מיט די קורסנ, סטאסאָווענ, אינ פארבינדונג מיט איר מעלדונג, אז ס'איז ניט געווונטשנ צו טראָגנ שטארק־שרײַענדיקע „קאָסאָוואָראָטקעס": „וואָס נאָכ!... א פאָרמע, צי וואָס?... מאָרגנ וועל איכ אפּצעלאָכעס אָנטאָנ א רויטס"!..

סאשע האָט אפ דעמ אויכ אזוי געקוקט. ער, וואָס האָט געהאט אזא ערנסטע און טיפ־גרינטלעכע באציִונג צו בילדונג ביכלאל און צו פרויענבילדונג ביפראט, האָט אנדערש ווי נעגאטיוו זיכ ניט געקאָנט באציִענ צו אזעלכע דערשײַנונגענ,— שוינ אָפּגערעדט דערפונ, וואָס איבערהויפּט געקינצלט־אונטערגעשטראָכטס, אויסערלעכס, שרײַענדיקס, איז געווענ אבסאָליוט פרעמד און דערווידער זײַנ נאטור. וועגנ דערדאָזיקער

אפישירטער, אויסערלעכער ניהיליסטישקייט האָבנ מיר נאָכ געהאט מיט אימ א שמועס אינ די גימנאזיסטישע יאָר נאינ קאזאנ אונ אינ קאָקושקינאָ, ווי מיר האָבנ געהערט פונ אונדזערע שוועסטערקינדלעכ, יינגלעכ אונ מיידלעכ, וועגנ קאזאנער סטודענטשאפט. אינ די שמועסנ וועגנ פרויענ־עמאנסיפאציע, וואָס זיינענ פאָרגעקומענ צווישנ אונדז מיט דער קוזינע, האָט סאשע באשטימט נעגאטיוו זיכ באצויגנ צו דעמ קאָפירנ די מענער, וואָס דריקט זיכ אויס אינ אָפגעשוירענע האָר אינ טראָגנ פידזשאקעס, קאָסאָוואָראָט־קעס, אונ אינ געקינצלטער, זאָרגלאָזיקער באציִונג צומ אייגענעמ אויס־זענ אונ צומ קאָסטיומ. אונ אז די מיידלעכ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ טשע־פענ צו אימ אונ פרעגנ א וואָסערנ־זשע קאָסטיומ אונ אויסזענ אנער־קענט ער אליינ, האָט סאשע געענטפערט קורצ: „אָט ווי בא דער מאמענ", ד. ה.—זויבער אונ באשיידנ. דער שמועס דערווייזט, כוצ אלע־מענ, ווי הויכ בא אונדז אינ שטוב איז געווענ דער אווטאָריטעט פונ דער מאמענ, ס'אר אנ אידעאל זי איז געווענ בא אונדז.

סאשע איז אָנגעקומענ קיינ פעטערבורג אינ 1883 יאָר, אווגוסט כוי־דעש, די לעקציעס אינ אלגעמיינ האָבנ זיכ נאָכ ניט געהאט אָנגעהויבנ, אונ ער פלעגט גיינ לייענענ אינ דער עפנטלעכער ביבליאָטעק. איכ געדענק, אז ער האָט געלייענט דארווינענ אונ אנדערע ערנסטע ביכער איבער נאטורוויסנשאפט. איכ געדענק, אז איכ, וואָס האָב ניט געהאט אינ פעטערבורג צו וואָס זיכ פריטוליענ, אונ קיינ פראָגראמ פאר לייע־נענ האָב איכ זיכ אויכ ניט געהאט צונויפגעשטעלט, האָב אימ איינמאָל געפרעגט: „די נייע זשורנאלנ קאָנ מענ דאָרט באקומענ?"—אונ האָב זיכ דערפילט פארשעמט, בעשאס ער האָט מיר געענטפערט: „איכ רעכנ, אז יאָ, נאָר איכ ווייס ניט אקוראט, איכ פאָדער זיי ניט".—איכ האָב מיכ געפילט פאר אימ, אזויווי איכ האָב זיכ שטענדיק פאר אימ געפילט: „אָט ווייסט א מענטש, וואָס ער וויל, ער ווארפט זיכ ניט אָט אהער אָט אהינ, ער האלט ניט אינ איינ זוכנ, ווי איכ, אונ פאטערט ניט אומ־זיסט קיינ צייט. אָפגעזעסנ אָפטמאָל דעמ גאנצנ אינדערפרי אפ די לעק־ציעס אָדער אפ פראקטישע לימודימ, גייט ער אויכ אינ די אָוונטנ לייע־נענ וויסנשאפטלעכע ביכער".

ניט צופרידנ מיט דער פראָגראמ פונ די לעקציעס אפנ ערשטנ יאָר אונ ניט קיינ גרינגע אפ פארפירנ נייע קענטשאפטנ, האָב איכ זייער

געבענקט נאָך אונדזער פאמיליע, און די אָוונטנ האָבנ מיר זיך אויסגעצויגנ שרעקלעך לאנג. ס'האָט זיך מיר אויך געבענקט נאָך דער שול, ווו איך האָב, איידער איך בינ געפאָרנ קיינ פעטערבורג, געארבעט 2 יאָר, און נאָך די קליינע כעוורע פונ דער שול. ביכלאל איז מיר שטענדיק געווענ שווער זיך איינצוואָרצלענ אינ א נייעמ באָדנ. איינער פונ מיינע הויפט־פעלערנ איז געווענ צו לאנג לעבנ מיטנ נעכטנ, מיט דעמ פארגאנגענעמ.

די אָוונטנ, וואָס איך פלעג פארברענגענ מיט סאשענ, זיינענ בא מיר געווענ פארעכנט פאר אנ עמעסנ יאָנטעוו. איך פלעג אימ געוויינלעך „ארויסלייגנ” אלע מיינע איינדרוקנ, מיר פלעגנ זיך ביטנ מיט די בריוו פונ דערהיימ. ער פלעגט אויך דערציילנ וועגנ אלצ, וואָס ער האָט באמערקט און געזענ ארומ זיך, נאָר ווי שטענדיק,—קורצ, געפרעסט. ער האָט, פארשטייט זיך, אויכעט זיך געפילט עלנט דאָס ערשטע יאָר, נאָר ווייט ניט אינ אזא מאָס, ווי איך, ווייל די גאנצע צייט איז בא אימ געווענ פארנומענ. און אפילע אינ די טעג, ווענ מיר פלעגנ זיך צונויפקומענ צוזאמענ, נאָך דעמ ווי מיר האָבנ שוינ אָפגערעדט פונ אלע נייסנ, פלעגנ מיר אָפטער פונ אלצ יעדערער זיך זיצנ מיט זיינ בוך, אייגנטלעך אזוי ווי מיר זיינענ געווענ געווינט דערצו נאָך פונדערהיימ. איך, נאטירלעך, וואָלט גערנ אליינ געפלאפלט און אויסגעהערט עפעס זיינס דעמ גאנצנ אָוונט, נאָר סאשע האָט ניט ליב געהאט גלאט שמועסערייענ.

נאָר אזוי היימלעך און גוט פלעג אוועק די צייט איניינעמ! מיינ אומרויִקע, בענקענדיקע, שטענדיק אינ קאָנפליקטנ נעשאָמע, פלעגט זיך אזוי אָנשפארנ אינ אימ—דעמ הארמאָנישנ, רויִקנ, זיכערנ,—פלעג ווערנ אזוי ווי אָנגעשטעקט מיט זיינ הארמאָנישקייט, וואָס איך אליינ האָב ניט פארמאָגט. איינער פונ סאשעס כאוויירימ דערציילט אינ זיינע זיכרוינעס, אז עפעס האָט מענ זיך לעבנ אימ געפילט „פעסט היימלעך” [1]. איך רעכנ, אז איך האָב דאָס געפיל איבערגעלעבט אינ דער גרעסטער מאָס ווייל איך בינ פונ קינדווייז אָנ געווענ צוגעווינט צו אָט דער היימלעכקייט לעבנ אימ.

געוויינלעך האָב איך זיך געסטארעט צוגרייטנ עפעס געשמאקס צו

---

1) יעגאָר יעגאָרעוויטש גארבאק.

דער טיי, פארשטייט זיכ, גאנצ באשיידנס, ווי צומ בײַשפּיל, פּוטער, קעז, — די באַלעבאָסטע האָט בא מיר אײַנגעשלונגענ די גרעסטע טייל פונ מײַנע רעסורסנ... איכ געדענק, אז די נאכט אפנ נײַעמ יאָר, וואָס סאשע איז געקומענ פארברענגענ בא מיר, האָב איכ צוגעטראכט עפּעס גאָר א ספּעציעלע זאכ — פּיליפּאָווס פּאָנטשיקעס, אָנגעוואַרעמטע אינ מײַנ אייוועלע.

דער געדאנק וועגנ פּאָרנ אהיימ אפ ווינטער־וואקאציעס (ראָזשדעסט־וואָ) האָט מיכ, פארשטייט זיכ, זייער אינטריגירט, נאָר סאשע האָט אנטשלאָסנ געמאָלדנ, אז ער וועט ניט פּאָרנ. בא אימ איז עס אויסגע־קומענ—צופיל זיכ נאָכגעבנ: מע דארפ זעג אויסנוצנ אלצ, וואָס פּעטער־בורג גיט,—גאנצ גענוג די זומער־וואקאציעס. אונ פּאטערנ איבעריק געלט איז ער אויכ ניט געווענ קיינ באלנ. דאָס ערשטע יאָר בינ איכ געבליבנ אינ פּעטערבורג, נאָר אינ די ווײַטערדיקע צוויי יאָר האָב איכ ניט אויסגעהאלטנ, אונ פלעג אוועקפּאָרנ אהיימ.

זונטיק אונ אינ די יאָנטויוימ־טעג פלעגנ מיר מיט סאשענ גיינ בא־קוקנ די פּעטערבורגער אנטיקנ, באזונדערס דעמ ערשטנ כוידעש, וואָס מיר האָבנ אָפּגעווינט איניינעמ אפ די פּעסקעס. מארשירנדיק צופּוס, האָבנ מיר פריִער פונ אלצ זיכ געמאכט באקאנט מיט דעמ, וואָס איז אינ פּעטערבורג דאָס סאמע וויכטיקסטע — זײַנע מעכטיקע שטרעקעס. שיר ניט דער גרעסטער אײַנדרוק אונדזוערער פונ פּעטערבורג איז גע־ווענ טורגעניעווס לעווײַע, וועלכנ מע האָט געבראכט טויטערהייט פונ אויסלאנד.

די גאנצע לעווײַע־פּראָצעסיע איז געווענ צונויפגעקוועטשט אינ אנ ענגנ רינג פונ קאָזאקנ. אפ אלצדינג איז דאָ געווענ אויסגעגאָסנ א גע־פיל פונ פארביטערטקײַט. מע איז דאָכ געגאנגענ אראָפּלאָזנ אינ קייווער די ביינער פונ א שרײַבער, וואָס די רעגירונג איז קעגנ אימ אָנגעשטויסנ, וואָס איז פּאָליטיש געווענ בא איר אינגאנצנ ניט ריינ. בא זײַנ טויטנ קערפּער האָט די זעלבסטהערשונג דאָס ארויסגעוויזנ זייער דײַטלעכ. איכ געדענק דעמ שטוינענדיק־פײַנלעכנ אײַנדרוק, וואָס דאָס האָט גע־מאכט אפ אונדז ביידנ, צוויי יונגיטשקע סטודענטנ. אפנ בייסוילעמ האָט מענ דורכגעלאָזט נאָר איינצעלנע, מיר האָבנ ניט געקאָנט ארײַנ. די, וואָס זײַנענ יאָ ארײַנ, האָבנ נאָכדעמ דערציילט, סארא שווערע

שטימונג ס'איז דאָרט געווענ, וויפל פּאָליציע מע האָט אהינ אָנגעיאָגט, אונ אונטער דער־אָ וואכ האָבנ געדארפט רעדנ די עטלעכע געציילטע, וואָס זײַנענ ארויסגעטראָטנ אפנ קיווער.

באקוקט די שטאָט פונ אויסנ, האָבנ מיר זיכ איינמאָל אוועקגעלאָזט אינ ערמיטאזש 1). נאָר אזויווי מיר האָבנ קיינמאָל אינ דער פּראָווינצ קיינ מאָלערײַ־קונסט ניט אָנגעקוקט, אונ די אמאָליקע שול האָט אונדז קיינ שום צוגרייטונג ניט געגעבנ זי צו פארשטיינ, האָבנ מיר זיכ פארלאָרנ אינ די גרויסע זאלנ צווישנ פרעמדע, ניט פארשטענדלעכע געמעלנ, אונ איבערלויפנדיק אפגיכ די שפּאנישע, האָלעדינשע אונ אנדערע שולנ, האָבנ מיר כוצ א געפיל פונ נודנעקייט אונ אנטוישונג גאָרניט ארויסגעטראָגנ. אונ כוצדעמ האָט די אלגעמיינע שטימונג פונ דער דעמאָלטיקער יוגנט, וואָס האָט זיכ געהאלטנ פײַנטלעכ צו יעדער מינ „ריינער קונסט", ניט גאָר מיטגעדינט אונדזער פארשטאנד אונ באנעמ־געפיל צו דעמ. באזונדערס, פארשטייט זיכ, האָט זיכ דאָס באצויגנ צו סאשענ. דערפאר איז אימ זייער געווענ געפעלנ אונ עס האָט געמאכט אפ אימ א שטארקנ אײַנדרוק די אויסשטעלונג פונ ווערעשטשאגינס בילדער פונ דער מילכאָמע מיט טערקײַ אינ די יאָרנ 1877—1878.

פאר אונדזערע איצטיקע לייענער דארפ איכ זאָגנ, אז די בילדער פונ אָט דעמ קינסטלער, צענזוריש יעדערס באזונדער, צונויפגענומענע איניינעמ (אינ אנסאמבל)—זײַנענ געווענ איינ הוילער געשריי קעגנ מילכאָמע. אונ טאקע אזוי האָט זיי די דעמאָלטיקע געזעלשאפט אופגענומענ. דער העספעד פונעמ גאלעכ איבער אנ אומענדלעכ שטיל פעלד, וואָס איז פארוואָרפנ מיט טויטע קערפּערס, דאָס בילד אינ דרײַ וואריאנטנ אונטערנ נאָמענ „נא שיפּקע וסיאָ ספּאָקאָינאָ", וואָס איז ארײַנ אינ פאָלק, ווי אנ אומגאנג־פראזע מיט א געוויסנ פּאָליטישנ באטײַט אונ וואָס שטעלט פאָר א פיגור פונ א סאָלדאט, וואָס ווערט פאמעלעכ פארווייט מיט שניי אפ טויט, אונ א ריי אנדערע—האָבנ איבערגעלאָזט נאָכ זיכ א שטארק־דריקנדיקנ אײַנדרוק, האָבנ אָנגעצונדנ אינ הארצנ א פּראָטעסט קעגנ מילכאָמעס אונ קעגנ די, וואָס זײַנענ אינ דעמ

1) מוזיי פונ מאָלערײַ אינ דער געבײַדע פונעמ ווינטער־פּאלאצ.

שולדיק,—אפילע אינ אזעלכע, וואָס זײַנענ געווענ אידעאָלאָגיש ווײַט פונ אזויגע פראָטעסטנ.

וואָס־זשע איז שוינ דאָ צו ריידנ וועגנ סאשענ? אזויווי אינ דער קינדהײַט, האָט ער איצט אויכ זיכ ווייניק וואָס ארויסגעזאָגט וועגנ דעמ, נאָר איטלעכער פונ אונדז — איכ אָדער זײַנע כאווײרימ — האָבנ געפילט, אז אויסגיסנדיק זייער פארדראָס אינ צאָרנדיקע ווערטער, געפינענ זיי אינ סאשעס קאָנצענטרירטנ שווערנ שווײַגנ א פולע שטיצע פאר זיכ. דער אײַנדרוק, וואָס די בילדער־אויסשטעלונג האָט געמאכט אפ דער געזעלשאפט, האָט געצווונגענ די רעגירונג כאפנ צוריק אונ זי פארמאכנ.

נאָר מער פונ אלצ, צווישנ דעמ, וואָס מיר האָבנ געזענ, באקאנענדיק זיכ מיט די אנטיקנ פונ דער הויפט־שטאָט, איז בא מיר געבליבנ אינ זיקאָרנ א באזוכ אינ איינעמ פונ די ערשטע זונטיקנ אינ דער פעטראָפּאוולאָווקער פעסטונג. דעמאָלט איז אזא עפנטלעכער באזוכ, אפ וועלכנ די רעגירונג האָט געקוקט, ווי אפ אנ אויסדרוק פונ פאטריאָטישע געפילנ (בא די קוואָרימ פונ די רוסישע אימפעראטערס), נאָכ געווענ דערלויבט. מענ האָט דורכגעלאָזט אינ „סאָבאָר" (קאטעדראל) צו די קוואָרימ. נאָר אז מע איז אריבער דאָס בריקל אונ ארײַנ אונטער די שווערע ווענט פונ דער פעסטונג, איז, נאטירלעכ, שוינ אויסגעקומענ דורכגיינ איבערנ הויפ, אונ אָט די אטמאָספער פונ דעמ טורמע־הויפ מיט זײַנ שרעקנדיקער שטילקײַט, וואָס ווערט געשטערט נאָר פונעמ קלאנג מיט געווער אונ פונ דעמ קאָל, בעייס איינ פאטרול־סאָלדאט גיט א רופ דעמ צווייטנ, האָט אונדז מיטאמאָל ארומגעכאפט. אונטער די שארפ־אָנגעשטעלטע אונ פולע מיט כשאד בליקנ פונ דער וואכ זײַנענ מיר איניינעמ מיט ניט קיינ גרויסנ אוילעמ דורכגעגאנגענ אינ סאָבאָר (קאטעדראל). מיר זײַנענ צעשטרײַטערהייט אביסל ארומגעגאנגענ צווישנ די קוואָרימ, אויסהערנדיק די דערקלערונגענ, א וואָסערער פונ די אימפעראטערס רוט אינ דעמ קייווער,—אונ אז מיר זײַנענ ארויס פונעמ סאָבאָר (קאטעדראל), האָבנ מיר זיכ שארפ ארומגעקוקט אפ די אומעטיקע טורמע־ווענט, אונטער וועלכע ס'איז אָפּגעזעסנ פיר יאָר אונדזער שטארק־געליבטער פיסארעוו, אונ וואָס פונ יענער צײַט אָנ האָבנ זיי זיכ אָנראכמאָנעסדיק פארשלאָסנ איבער אזויפיל קעמפער פאר

פרײַהײַט. א סאָלדאט פונ פאטרול איז אונדז פוסטריט נאָכגעגאנגענ ביז די טויערנ.

נאָכ דער קימאט דאָרפישער פרײַהײַט פונ אונדזער שטאָט האָבנ מיר זיכ דערפילט אזויװי פארקװעטשט אינ אײנעמ פונ די באטיאָנענ פונ דער זעלבסטהערשונג, אינגאנצנ אונ האָפענונגלאָז אונטער איר מאכט. דאָס איז געװענ דער ערשטער אָטעמ, װאָס האָט א צי געטאָנ אפ אונדז פונ דער טורמע, מיט װעלכער אונדזער גאנצער פאמיליע איז נאָכדעמ אויסגעקומענ זיכ צו באקענענ אזוי גרינטלעכ. בא סאשענ איז דאָס געװענ דער ערשטער דערװײַל פרײַװיליקער באזוכ פונ דער פעס־טונג, װאָס האָט זיכ פארשלאָסנ איבער אימ אפ אײביק מיט דרײַ מיט א האלבנ יאָר שפעטער.

מיר זײַנענ ארויס פונ דער פעסטונג־פאָרטקע אונ האָבנ זיכ ארומ־געקוקט. אונטער אונדז זײַנענ געשטאנענ די זיכערע אומבארירלעכע אָנשפאר־װענט פונ דער מעכטיקער זעלבסטהערשונג. איבער אונדז — דער אָנגערוקטער גרויער פעטערבורגער הימל. דער מאראקענדיקער רעגנ אונ שארפער װינט פונ דער נעװא האָבנ דערגאנצט ביזנ סאָפ דעמ אלגעמײנעמ טרויעריקנ אײַנדרוק. איכ האָב געפרוװט עפעס רײדנ, װעגנ דעמ, װו געפינענ זיכ דאָרט די ארעסטירטע, אונ נאָכ עפעס; סאשע האָט געענטפערט אָפגעהאקט: „יאָ, נײנ". בינ איכ אויכ אנט־שװיגנ געװאָרנ. איכ געדענק, װי אצינד, װיאזוי מיר האָבנ בײדע געשפאנט לענגויס די אײַזערנע שטאכעטנ פונ דעמ זומער־גאָרטנ (איבער דעמ מארסאָװער פעלד). איכ געדענק דעמ צושטאנד פונ שװערער צוגעדריקטקײַט, װאָס האָט װי מיט א שטײנ צוגעפרעסט דאָס הארצ. איכ געדענק, אז פאר מיר, װאָס בינ ניט פעיִק אפ אזעלכע טיפע אונ דויערנדיקע איבערלעבונגענ, איז דאָס שוינ געװענ צופיל, אונ איכ האָב געפילט א באדערפעניש אראָפצורײסלענ עס פונ זיכ אונ אָנהײבנ רײדנ פונ עפעס אנדערש. נאָר געפילט האָט זיכ, אז רעדנ פונ עפעס אנדערש איז פאר סאשענ אצינד ניט דערלאָזבאר, אונ איכ בינ געגאנגענ װײַטער, כאפנדיק אָפט א קוק אפ אימ פונ דער זײַט, אונ מיט יעדנ שפאנ האָב איכ אלצ מער אונ מער זיכ דורכגעדרונגענ מיט דער דריקנדיקער שטימונג, שוינ ניט צוליב מײַנ אײגענעמ אומיטלבארנ געפיל, נאָר מיט דעמ, װיאזוי ער לעבט אימ איבער. א װײטעק־געפיל

פאר זײַנע לײדנ אונ עפעס אנ אומקלאָרע, נאָר פײַנלעכע שרעק פאר אימ, ווי א מינ פאָרגעפיל, האָט מיר פארקוועטשט דאָס הארצ. איכ געדענק ווייניק אינ מײַנ לעבנ אזעלכע שארפע פײַנלעכע שטימונגענ. דאָס האָט זיכ נאָכ מיסטאמע גענומענ דערפונ, וואָס דאָס זײַנענ געווענ די ערשטע שווערע געפילנ פונ דער יוגנט, וואָס איז נאָכ ניט געוווינט צו שווערע איבערלעבונגענ.

עפשער איבער דעם טאקע האָט זיכ ביז אפ הײַנטיקנ טאָג אזוי טיפ פארקריצט אינ מײַנ זיכאָרנ סאשעס פאָנעמ דעמאָלט, אזא קאָנצענטרירט־פארכמורעטס, ווי איכ האָב דאָס נאָכ ניט געזענ קיינמאָל, פארקריצט מיט אזא אומעטיקײַט, אז איכ וואָלט אפילע אצינד אימ געקאָנט איבערגעבנ פינקטלעכ, ווענ איכ קאָנ צייכענענ: אָט די שטומ־צונויפגעדריקטע ליפנ, די צונויפגעדריקטע ברעמ, די אויגנ פול מיט גוואלדיקע לײדנ. דאָס פאָנעמ איז גלײַכ ווי מיטאמאָל אלט געוואָרנ. ס'קאָנ זײַנ, אז איבער דעם זע איכ אינ דעם פאָנעמ, אזויווי ס'האָט זיכ פארהאלטנ בא מיר אינ זיקאָרנ, א געוויסע ענלעכקײַט מיטנ טאטנ (כאָטש ביכלאל איז דער ברודער געווענ געראָטנ אינ דער מאמענ) אינ מאָמענטנ, בעיס אימ האָט געדריקט א שווערער געדאנק, אָדער בעיס ס'איז עפעס געשענ א צופאל, אָדער אז ער האָט פונ עפעס שווער געליטנ.

אונ אָט דער וועג אינ דער פינצטער פארבײַ דעם שרעקלעכ גרויסנ מארסאָווע פעלד, אינ דעם גרויסנ טרויעריקנ אָונט, ווו מע האָט זעלטנ ווענ באגעגנט עמעצנ דורכגיינ, מיט די הארבסטיקע ביימער, וואָס שלאָגנ זיכ טרויעריק אָנ די אײַזערנע שטאכעטנ, אונטער דעם מאראקענדיקנ רעגנ — דאָס איז געווענ עפעס גלײַכ ווי די עמבלעמע פונ זײַנ לעבנסוועג אינ דער שטילקײַט פונ אלגעמיינער דעפרעסיע, אונטער דער הערשאפט פונ דער צעיושעטער זעלבסטהערשונג, וואָס האָט אלצ ארומ אזויווי פארקאָוועט, — דער וועג פונ דעם יונגנ באָכער מיט אזא פארשארפטנ געפיל פונ כויווד אונ פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר דעם אייגענעמ לאנד, פאר די לײַדנדיקע מענטשנ־ברידער, — א קורצער, מוטיקער, בלוטיקער וועג...

איכ געדענק אויכ פונ א צווייטנ אנאלאָגישנ פאל מיט סאשענ אינ דעמזעלבנ ערשטנ יאָר, נאָר שוינ צומ סאָפ, אינ אפרעל. דעמ טאָג

איז בא אים געווען דער ערשטער עקזאמען אפ כעמיע, און מיר האָבן אָפגערעדט, אז אינאָוונט וועט ער קומען צו מיר. ניט געקוקט אפ זײַן ערנסטער ארבעט אין מעשעכ פונעם גאנצן יאָר האָט ער זיך אין די לעצטע טעג דאָפּלט געגרייט, דעם עקזאמען אָפּגעגעבן, פאר־שטייט זיך, מיט דערפאָלגן און א צופרידענער געקומען צו מיר. בא אונדז ביידן איז דעמאָלט געווען א פרילינגדיקע שטימונג, און מיר האָבן געטרוימט וועגן דער רײַזע אהיים, צו אונדזער אייגענער וואָלגע. נאָכדעם האָט אונדז אזוי מילד א שײַן געטאָן די פרילינג־זון, און איך געדענק אונדזער פריילעכע שטימונג ארום טיש בא דער טיי.

נאָר אין דעם געזעלשאפטלעכן לעבן האָט זיך דאָך קיין שום ליכט־דורכרײַס ניט געמערקט.

פארקערט, וועגן די בעסטוזשעווער פרויען־קורסן האָט מען געזאָגט, אז זיי עקזיסטירן דאָס לעצטע יאָר, און ענדלעך, דער שווערער קלאפּ ערשט דאָ ניט לאנג — דער פארבאָט פונעם זשורנאל „אָטיעטשעסטוועניע זאפּיסקי“, דער דעמאָלטיקער פאָרשריטלעכער זשורנאל. די גענִיטע האנט פונעם רעדאקטער שטשעדרין, זײַן ווירטואָזישע אויסגעארבעטקײַט אין דער „עזאָפּ“־שפּראך [1], האָבן פונדעסטוועגן ניט געקאָנט ראטעווען דעם זשורנאל. איך געדענק ניט אקוראט, צי דאָס האָט זיך סאשע פון מיר דער ערשטער דערוווּסט וועגן דעם, נאָר דעם אָוונט האָב איך אויך דערציילט, אז אפ די קורסן רעדט מען, אז שטשעדרין איז קלוי־מערשט ארעסטירט. סאשע, מיט א מינוט פריִער א רויִקער, האָט זיך מיטאמאָל פארענדערט אין פּנים.

— אזא אומפארשעמטער דעספּאָטיזם—די בעסטע מענטשן ארײַנזעצן אין טורמע!.. — האָט ער געזאָגט ניט הויך, נאָר מיט אזא קראפט פון אופגערודערטקײַט, פּראָטעסט, אז מיר איז ווידער געוואָרן שרעקלעך פאר אים, פאר זײַן מאָרגן.

דעם לעצטן טייל אָוונט איז סאשע שוין געזעסן, אינגאנצן שווער פארטיפט אין זיך. אונדזער אָוונט איז פאר אונדז געווען אינגאנצן גע־פאטערט. קוקנדיק אפ אים, האָב איך זיך אליין שוין געגנוג געזידלט,

---

1) עזאָפּ — א משאָלים־שרײַבער פונעם אלטערטום. עזאָפּישע שפּראך הייסט א שפּראך, וואָס דריקט אויס די געדאנקען פונעם שרײַבער אין א פארשטעלטן מאָשל דורך א אָנצוהערעניש.

נאָכ וואָס האָב איכ אימ געדארפט איבערגעבנ וועגנ דעמ קלאנג, אונ נאָכ מער האָב איכ זיכ אַליינ פארגעבנ א פּאָרציע אפ מאָרגנ, ווענ ס'איז באַוווסט געוואָרנ, אז ס'איז א ליגנ.

אָט אזוינע זײַנענ געווענ די אָפּרו־מינוטנ בא דעמ טיפ־פילנדיקנ יונגנ באָכער, אונ אצינד טראכט איכ, אז א מער ווײַטזעענדיקער מענטש וואָלט דעמאָלט געווענ פאָרויסגעזאָגט זײַנ שפּעטערדיקנ וועג.

דאָס קאָנענ אוועקשטעלנ פאר זיכ די הויפּט־ציל פונ דער אָנגעמערקטער טעטיקײַט אונ שטרעבנ זי צו פארווירקלעכנ, אונ די לײַדנשאפטלעכע ליבע צו וויסנשאפט—האָבנ אימ פארהיט די ערשטע צײַט.

סאשע איז זייער געווענ צופרידנ מיט די לעקציעס פונ זײַנע פּראָפעסאָרנ אונ מיט די לאבאָראטאָרישע ארבעטנ. איצט איז דאָס שוינ ניט געווענ זײַנ קיכל אינ סימבירסק. פאר אימ איז געווענ געעפנט אינ געביט פונ זײַנ באליבטער וויסנשאפט אלצ, וואָס דער דעמאָלטיקער געדאנק האָט פארמאָגט, אונ ער האָט מיט דורשט זיכ ארופגעוואָרפנ אפ דעמ אלצדינג, אונ כוצ די לימודימ אינ אוניווערסיטעט זײַנענ אינ פּעטערבורג געווענ גענוג ביכער, וואָס ס'איז זיי שווער געווענ צו קריגנ אינ סימבירסק. ער האָט גענומענ ביכער אינ דער אוניווערסיטעטישער ביבליאָטעק, ער האָט זיכ אויכ פארשריבנ אינ א פּריוואטער ביבליאָטעק. איכ האָב אָפט באמערקט, אז בא מײַנ ארײַנקומענ צו אימ, אָדער ווענ ווער פונ די כאווײרימ פלעגנ קומענ, פלעגט ער זייער ניט גערנ זיכ אָפּרײַסנ פונ בוכ.

כאווײרימ פלעגנ דאָכ זיכ אָפט ארײַנכאפּנ צו סאשענ. אינ די ערשטע יאָרנ איז דאָס צומײנסטנ געווענ סימבירסקער באקאנטע. צווישנ זיי האָט גאנצ אָפט אָנגעהויבנ ארײַנקומענ צו סאשענ אונ שפּעטער צו מיר אויכ—אי. נ. טשעבאָטאריאָוו, וואָס האָט געענדיקט מיט א יאָר פריִער פונ סאשענ די סימבירסקער גימנאזיע. ער האָט פאָרגעלייגט סאשענ, אונ נאָכדעמ מיר, ארײַנטרעטנ אינ דער סימבירסקער לאנדסמאנשאפט. אינ זײַנע זיכרוינעס דערציילט ער, אז קיינ באזונדערנ ענטוזיאזמ האָט ער פונ אונדזער זײַט ניט באגעגנט צו אָט דעמ ערשטנ געזעלשאפטלעכנ טריט. באזונדערס איז דאָס עמעס בענעגייע צו מיר: איכ בינ צו יענער צײַט געווענ א שטארק „ווילדע”, דערצו האָב איכ

צווישנ מײַנע שטאָט־לײַט ניט געהאט קיינ איינ נאָענטנ באקאנטנ. סאשעס כאווײרים זײַנענ מיר קיינ נאָענט־באקאנטע ניט געווענ, אפילע אינ די גימנאזיסטישע יאָרנ, אונ צווישנ דער פרויענ־יוגנט בינ איכ געווענ אינ יענע יאָרנ די ערשטע אפ סימבירסק, וואָס בינ אָנגעקומענ אפ קורסנ, אונ די דעמאָלטיקע סימבירסקער געזעלשאפט האָט ווײַט ניט באוויליקט מײַנ ערשטנ שריט אונ אויכ מײַנע עלטערנ, וואָס האָבנ דאָס אונטערגעהאלטנ.

אונ ווילד בינ איכ געווענ אינ פארגלײַכ מיט דעמ, ווי ס'איז אָנגענומענ בא דער איצטיקער יוגנט,—אומגעהײַער. מיט די כאווערטעס פונ די קורסנ בינ איכ זיכ אויכ צונויפגעגאנגענ זייער קנאפ. מײַנ פרײַע צײַט פלעג איכ געוויינלעכ אָפגעבנ אפ פרווונ אינ לידער אונ אינ פראָזע, בינ געווענ זייער שטארק ארײַנגעטאָנ אינ דעמ, אונ געטרוימט צו ווערנ א שרײַבערנ. דאָס אָנגעשריבענע פלעג איכ געוויינלעכ פאָרלייענענ פאר סאשענ בא אונדזערע באגעגענישנ.

וועגנ דעמ פאל ווײל איכ זאָגנ, אז איכ האָב אינערגעצ ניט באגעגנט א מער אופמערקזאמענ, ערנסטנ אונ אינ דערזעלבער צײַט אזא פילבארנ קריטיקער. מיט עפעס א זעלטענער אָרנטלעכקײַט, מיט א כאוועריש־ריינער פרייד פלעגט ער אָנווײַזנ אונ באגריסנ יענעמס פעיקײַטנ. אזוי איז אויכ געווענ בא מײַנע ליטערארישע פרווונ. קיינ מער טאַלענטנ שעצער פאר מײַנע איבערגעזעצטע גערדיכטנ פונ היינענ האָב איכ ניט באגעגנט. נאָר דערפאר האָט ער שטענדיק געשטעלט פאָדערונגענ בענעגייע דעמ אינהאלט. אשטייגער, צו היינעס פאנטאסטישע אונ ליבע־קלייניקײַטנ (זיי זײַנענ מיר מער געווענ צוטריטלעכ צומ איבערזעצנ) איז ער געבליבנ אינגאנצנ גלײַכגילטיק. איכ געדענק, אז ער האָט זיכ באצויגנ מיט אופמערקזאמקײַט צו דער איבערזעצונג פונ היינעס ליד וועגנ „אָדעמ־האָרישנ", ווו „אָדעמ" פאלט אָנ מיט א שארפער קריטיק אפ גאָט, נאָכ דעמ ווי ער איז פארטריבנ געוואָרנ פונ גאנ־עדנ פאר זײַנ שטרעבונג צו וויסנ; אונ נאָכ אפ א ליד, ווו דער פאָעט שטראָפט זיכ דערפאר, וואָס, זײַענדיק פארכאפט מיט דער פאָעזיע פונ לעבנ, גייט ער מיט צו לאנגזאמע טריט „צומ גרויסנ קאמפ פונ דער צײַט".

די איבערזעצונג פונ היינעס באוווסטער ליד וועגנ דעמ יונג באָכערל, וואָס דערפרעגט זיכ באמ יאמ וועגנ דעמ זינ פונ לעבנ, האָט ארויס־

גערופנ אפ זייַנע ליפנ א איראָנישנ שמייכל פונ א רעאליסט. איכ געדענק, אז מייַנ ליד וועגנ א מיידל, וואָס איז שטערבלעכ קראנק אפ שווינדזוכט, נאָר זי רייַסט זיכ ליידנשאפטלעכ צו לעבנ, צומ קאמפ, צו ארבעט, האָט געפונענ בא אימ אנ אנערקענונג, ניט געקוקט אפ דעמ הילצערנעמ סטיל פונעמ „פאָעט”. נאָר ער האָט זיכ פארינטערעסירט, ווו האָב איכ גענומענ די טעמע, צי האָב איכ געקאָנט אזא מיידל. אונ אז איכ האָב זיכ מיט ביזאָיענ מוידע געווענ, אז קיינ שומ מיידל אזא האָב איכ אינערגעצ ניט געזענ, נאָר די ליד האָט זיכ בא מיר פונ זיכ אליינ ארויסגעריסנ, בעשאס בא מיר איז געווענ א געהעכערטע טעמפעראטור, האָט זיכ טאשע באצויגנ צו אזעלכע ניטבאגרינדעטע פאנטאזיעס אויסגעשפראָכנ קריטיש.

דערפאר, אז איכ האָב אימ איבערגעלייענט מייַנ קליינע דערציילונג „פונ א מיידעלעס לעבנ”[1], האָט ער זי אָנגענומענ גוט. איכ געדענק, וויאזוי ער האָט מיכ א פרעג געטאָנ: — „נו, אונ די טעמע ווו האָסטו גענומענ?” אונ אז איכ האָב געזאָגט: — „אפ דער גאס געזענ”, — האָט ער א קוק געטאָנ אפ מיר א צופרידענער, אונ זייַנ בליק איז געווענ פאר מיר די גרעסטע באלוינונג.

נאָכ מער איז געפעלנ געוואָרנ סאשענ מייַנ ליד „וואָלגע”, וואָס איכ האָב אָנגעשריבנ שוינ אפנ צווייטנ אָדער אפנ דריטנ יאָר לעבנ אינ פעטערבורג.

— דאָס איז, פארשטייט זיכ, דאָס בעסטע, וואָס דו האָסט ביז אהער אָנגעשריבנ. וועסט מיר דערלויבנ דאָס אראָפשרייַבנ.

א שטארק געווירטע פונ זייַנ לויב־וואָרט, האָב איכ גענומענ אונ אימ דערלאנגט דעמ עקזעמפליאר, פונ וועלכנ איכ האָב געלייענט. געלויבט האָט סאשע, געוויס, פאר דעמ אינהאלט: דער שטורעמ אפ דער וואָלגע איז דאָרט פארוואנדלט געוואָרנ אינ א פאָלק־שטורעמ, אינ א רעוואָליוציע, — ד. ה. פאר דעמ, וואָס פאר אימ איז געווענ דאָס וויכטיקסטע, אונ צו דער הילצערישקייַט פונעמ פערז האָט ער זיכ באצויגנ מיט טאָלעראנצ.

גאנצ גערנ פלעגט ער אויסהערנ די לידער פונ א סימבירסקער

[1] געדרוקט אינ דער „ארבעטערנ”, 1914.

כאווער א. א. טענישעוו—לידער מיט גרויסע פעלערנ אינ דער טעכניק, נאָר וואָס פלעגנ אָפט באַרירנ געזעלשאַפטלעכע טעמעס.

אונ ניט נאָר בענעגייע ליטעראטור. יעדער אנדער זאכ, וואָס מע האָט ארויסגעוויזנ דערבײַ א מינימום קענטעניש, יעדער מינדסטע פעיקײַט האָט ער באַגריסט עפּעס באַזונדער הארצלעכ־פריידיק. אזוי צום בײַשפּיל, בענקענדיק אהיים נאָכ די קלענערע קינדער, פלעג איכ אָפט זיי מאכנ אומשולדיקע קליינע סיורפריזנ אונ זיי איבערשיקנ אמאָל אינ א בריוו, אמאָל אינ א פּעקעלע. —„ווי קאָנסטו דאָס אלצ אזוי גוט צוזוכנ?“ — פלעגט ער מיר זאָגנ בענעגייע עפּעס גאָר א קלייניקײַט, זעענדיק אופריכטיק עפּעס באַזונדערע קענטעניש אינ דעמ, ווו ס'איז ניט געווענ קיינ שומ ארבעט פונ געדאנק,— פּאָשעט, דורכגייענדיק פאַרבײַ, פלעג איכ אמאָל כאַפּנ א קוק אינ א מאגאזינ־פענצטער פונ קינדער־שפּילעכלעכ אָדער שרײַב־מאכשירימ.

ביכלאַל, פילבארע אונ אופמערקזאמע באַציִונגענ צומ צווייטנ, ניט געקוקט אַפ זײַנ שטענדיקער ארײַנגעטאָנקײַט אינ עפּעס א גײַסטיקנ פּראָצעס אונ אַפ זײַנ אויסערלעכנ שטרענגנ אויסזענ, איז בא אימ געווענ זעלטענע.

דעמ טיפּוס האָט ער איבערגעטראָגנ זייער מוטיק אונ צומיינסטנ אַפ די פיס. געלעגנ צו בעט איז ער נאָר עטלעכע טעג, דאכט זיכ, באַמ צווייטנ איבערפאַל. אונ ניט געקוקט אַפ דעמ, וואָס קיינ שומ ערנסטנ צוזענ האָט ער ניט געהאט, האָט ער דעמ טיפּוס איבערגעטראָגנ מער־ווייניקער גרינג. נאָכדעמ האָט ער זיכ מיט נײַער ענערגיע גענומענ צו דער ארבעט, אפילע מיר נאָכ אונטערגעהאָלפנ אָניאָגנ דאָס, וואָס איכ האָב דורכגעלאָזט פאַר דער צײַט אַפ לאטיינ. ס'איז פּאָשעט צו באַוווּנדערנ די ארבעטפעיִקײַט אונ אויסגעהאלטנקײַט, די ליבע צו וויסנשאפט, וואָס אלעקסאנדער איליטש האָט ארויסגעוויזנ אינ 17—18 יאָר. איכ געדענק ווי איבערראשט אונ פאַרשעמט האָט עס מיכ, ווענ צו פריליִנג פונ אָמ דעמ ערשטנ סטודענטישנ יאָר לעבנ האָט ער מיר געזאָגט מיט א טאָנ פונ טיפער באַדויערונג:

— מער פונ 16 שאָ אינ מעסלעס קאָנ איכ, לײַדער, ניט ארבעטנ.

זעכצנ שאָ אָנגעשטרענגטע, זעלבשטענדיקע אינטעלעקטועלע ארבעט אינ יענע יאָרנ, ווענ אנדערע יונגע באָכורימלעכ פאָרמירנ זיכ

ערשט, ווענ אלע ווארפנ זיי זיכ מער אָדער ווייניקער אהער־אהינ, זיי זוכנ זיכ ערשט! אלעקסאנדער איליטשנ איז דאָס ניט נייטיק געווענ — ער האָט נאָכ ייִנגלווײַז זיכ שוינ געפונענ זײַנ וועג, אונ ער איז שוינ געגאנגענ מיט אָט דעמ וועג זיכער אונ ניט אָפּצוטרעטנ, באומרויִקט נאָר פונ דעמ, וואָס ער איז נאָכ אלצ אפּנ אויסהאלט פונעמ פאָטער, וואָס האָט אָנ אימ אויכ א גרויסע פאמיליע, — אונ ער האָט זיכ געזוכט דעריבער פּריוואטע שאָענ.

איכ געדענק אונדזער וויזיט מיט אימ—אינ פארבינדונג מיט דעמ איניענ צו איינער זייער א הויכגעשעצטער דאמע, וואָס צו איר האָט מענ אונדז געגעבנ א בריוו. עפּעס באזונדער בוילעט שטייט מיר אינ זיקאָרנ זײַנ נאָכ באָכעריש־רויע שפּיציקע פיגור, זײַנע גרויסע רויטע הענט (מיסטאמע געגאנגענ אָנ הענטשקעס). איכ געדענק, וויִאזוי איכ האָב זיכ פארלאָרנ, אונ וויִאזוי ער איז פראָסט אונ געשעפּטלעכ צוגעטראָטנ צומ איניענ, ניט באמערקנדיק אָדער ניט וועלנדיק באמערקנ סארא שארפער רעזאָנאנס זײַנ דעמאָקראטישע פיגור אונ זײַנ גאנצע כאראקטעריסטישע אינדיווידואליטעט שטעלט מיט זיכ פאָר אינ אָט דעמ אריסטאָקראטישנ גאסט־זאל. פארשטייט זיכ, אז פונ דעמ וויזיט איז גאָרניט ארויסגעקומענ — כוצ אזעלכע רוי־ווילדע יונגע־לײַט, ווי מיר, זײַנענ געווענ גענוג יונגע פארשווינדלעכ, וואָס האָבנ גוט געקאָנט באארבעטנ א געשעפּטל. אונ גוט, וואָס ס'איז ניט ארויסגעקומענ גאָרניט— סאשע אונ זײַנע לימודים האָבנ נאָר געווונענ דערפונ.

אינעמ ערשטנ יאָר איז בא מיר ניט געווענ קיינ סאכ עקזאמענעס, אונ אפילע די, וואָס זײַנענ יאָ געווענ, האָב איכ זיי צומיינסטנ אָפּגעגעבנ ניט אָפּיציעל פריִער אביסל. אינ אָנהייב מײַ בינ איכ אוועקגעפאָרנ אהיימ. סאשע איז געקומענ מיט א וואָכ צוויי שפּעטער. אינ זיקאָרנ בא מיר איז פארבליבנ זײַנ באגעגעניש מיט דער מאמענ נאָכ אָט דעמ ערשטנ יאָר אינ דער פרעמד. ער האָט זיכ שוינ באגריסט מיט אלע, די קלענערע זײַנענ צוגעלאָפנ אונ האָבנ זיכ ארומגעשטעלט ארומ אימ. נאָר אָט האָט ער זיכ נאָכאמאָל אויסגעדרייט צו דער מאמענ, אונ שטארק, שווײַגנדיק אונ הייס זי ארומגענומענ. איכ געדענק מיט וואָס פאר א ריִרנדיקער פרייד די מאמע האָט אימ אָפּגעענטפערט צוריק. זייער קלאָר שטייט מיר פאר די אויגנ זײַנ פּאָנעמ מיטנ וווּנדערלעכ

ויכטנדיקנ אויסדרוק. אונ די בריוו זײַנע זײַנענ שטענדיק געווענ קורצ, רוקנ־געשעפּטלעכ. אינ בריוו האָט ער ניט געקאָנט אונ ניט ליב געהאַט אויסדריקנ זײַנע געפילנ.

אינ מעשעכ פונ די זומערדיקע וואַקאַציעס 1884־1885 האָט סאַשע זיכ אַסאַכ באַשעפטיקט מיט נאַטורוויסנשאַפט. אַרומקריכנדיק קלוימערשט צוליב פאַרגעניגנ אינ דעמ אומקום־שיפּעלע איבער דער סוויִאַגע, איינער אַליינ, אַמאָל מיטנ קלענערנ ברודער אָדער מיט עמעצנ פונ זײַנע כאַווײרימ, האָט ער זיכ צונויפגעקליבנ מאַטעריאַל פאַר פאָרשונג, אונ נאָכדעמ האָט ער זיכ איבער אימ געאַרבעט פונויבנ בא זיכ אינ צימער. דאָס זײַנענ געווענ ווערימ פונ פאַרשיידענע מינימ; ער האָט געשטודירט זייער אָרגאַנישע סטרוקטור, אונ אפנ סמאַכ פונ דער שטודירונג האָט ער אינ פעוורואַל 1886 יאָר צוגעשטעלט זײַנ אַרבעט וועגנ די סעגמענטאַרע אונ געשלעכטלעכע אָרגאַנענ בא וואַסער־בריִמ, פאַר וועלכער ער האָט באַקומענ אפ אַנ אוניווערסיטעטישנ אַקט אַ גרויסנ גאָלדענעמ מעדאַל מיט אַנ אויפשריפט: „דעמ דערפאָלגרײַכנ”. איכ געדענק, ווי קורצ אונ פּאָשעט ער האָט דערצײלט אינ זײַנ בריוו צו דער מאַמענ וועגנ דעמ: „פאַר מײַנ זאָאָלאָגיע־אַרבעט איבער די רינג־ווערימ האָב איכ באַקומענ אַ גאָלדענעמ מעדאַל”; אונ ווי ביטער די מאַמע האָט געוויינט, וואָס דער טאַטע איז געשטאָרבנ מיט אַ כוידעש צוריק, אונ קאָנ זיכ ניט פרייענ מיט דער יעדיִע.

איכ געדענק, איכ האָב זיכ עפּעס איינמאָל גראָד אָנגעבויגנ איבער זײַנע זיכ ווידמענדיקע ווערימ, יעדערער קימאַט ווי אַ פאָדעמ די לענג, אונ אַ פרעג געטאָנ: — „ס'אַ סוואָרע, בא זיי זײַנענ פאַראַנ אַלע אָטעמ־ אונ פאַרדײ־אָרגאַנענ?” סאַשע האָט מיט אַנ אויפגעמונטערט פּאָנעמ, ווײַזט אויס, אַ צופרידענער, וואָס זײַנ באַליבטער געביט רופט אַרויס אינטערעס צו זיכ, געענטפערט: — „יאָ!” נאָר איכ, ליידער, בינ ווײַטער פונ דעמ ניט אַוועק אפ דעמ געביט פונ נאַטורוויסנשאַפט, דער געביט, וואָס האָט איינ צײַט אײַנגענומענ אַלע זײַנע אינטערעסנ.

אינ דער ביִאָגראַפישער סקיצע וועגנ ברודער, וואָס איכ האָב אָפּ־ געדרוקט: „אינ דער גאַלעריי פונ די שליסעלבורגער אַרעסטאַנטנ”, האָב איכ געשריבנ, אַז די ביכער וועגנ געזעלשאַפטלעכע פראַגנ האָט סאַשע פאַרנומענ מיט זיכ פונ פעטערבורג אפ דעמ לעצטנ זומער 1886 י.,

וואָס ער האָט פארבראַכט אינדערהיים. איכ האָב געמאכט א טאָעס — א טייל ביכער (איבער געשיכטע, פּאָליטישער עקאָנאָמיע א.א.וו.) האָט ער נאָכ געבראכט מיט זיכ פרילינג 1885 יאָר. מיר געדענקט זיכ, אז אויכ מארקס „קאפּיטאל" האָט זיכ דעמאָלט בא אימ באוויזנ אפנ טיש, אונ איכ האָב אימ דעמאָלט געזענ אינ זײַנ צימער, וואָס ער האָט אינ יענעמ זומער פארנומענ (אינ 1886 יאָר, נאָכ דעמ טאטנס טויט, האָבנ מיר זיכ געמאכט אביסל ענגער, אונ דעמאָלט האָט סאשע פארנומענ אנ אנדער צימער). נאָר אויב איכ קאָנ דאָס מיט זיכערקײַט ניט זאָגנ וועגנ „קאפּיטאל", איז א טייל ביכער איבער געשיכטע אונ פּאָליטישער עקאָנאָמיע, צווישנ זיי אייניקע אינ אויסלענדישע שפּראכנ, האָב איכ אָנ שומ סאָפעק געזענ בא אימ זומער 1885 יאָר.

ווי שטענדיק זײַנענ מיר אינ די לעצטע זומערנ אויכ געפאָרנ קיינ קאָקושקינאָ. אינ 1886 יאָר נאָכ דעמ טאטנס טויט איז סאשע געפאָרנ אהינ ניט אפ לאנג איינער אליינ.

וועגנ די שפּעטערדיקע צוויי יאָר לעבנ אינ פּעטערבורג קומט אויס זײַנ זייער קורצ, מאכמעס זיי האָבנ שוינ ניט געגעבנ די שארפקײַט, וואָס איז געווענ אינ די איבערלעבונגענ פונעמ ערשטנ יאָר, אונ אינ אסאכ זאכנ — די ארבעט אינ אוניווערסיטעט, אונדזערע באגעגענישנ — האָבנ זיי זיכ איבערגעכאזערט. דעריבער זײַנענ קיינ באזונדערס וויכטיקע עפּיזאָדנ ניט געבליבנ אינ זיקאָרנ. פארגעדענקט האָבנ זיכ נאָר אונדזערע דעפּוטאציעס צו סאלטיקאָוו־שטשעדרינענ צו זײַנ געבורט־טאָג, דעמ 8־טנ נאָיאבער, אינ די יאָרנ 1885 אונ 1886.

מיר האָבנ זייער קרענקלעכ רעאגירט אפ דעמ, וואָס אונדזער געליבטער שרײַבער איז געצווונגענ צו שווײַגנ, וואָס זײַנ ליט־אָרגאנ איז צוגעמאכט. נאָר מיט וואָס האָבנ מיר דענ געקאָנט אימ אויסדריקנ אונדזער מיטגעפיל? — אלע געזעלשאפטלעכע פאָרמענ פונ עפנטלעכקײַט זײַנענ געווענ אנולירט. דאָס אײנציקע, וואָס איז געווענ מעגלעכ, דאָס איז געווענ די טראדיציע באגריסנ צומ געבורט־טאָג. אונ די יוגנט האָט זיכ באנוצט מיט אָט דעמ לופטשיק. דעמ 7־טנ נאָיאבער 1885 יאָר איז צו מיר אינ אָוונט ארײַנגעקומענ סאשעס א גימנאזיע־כאווער, דער סטודענט פונ דער מעדיצינישער אקאדעמיע אָרלאָווסקי, מיט א פאָרשלאג אָרגאניזירנ אפ די קורסנ א דעפּוטאציע צו שטשעדרינענ, וואָס איז

איצט קראנק אונ פילט זיכ עלנט אונ ווי פארגעסנ פונ אלעמענ. ער האָט געזאָגט, אז ער האָט אויכ גערעדט וועגנ דעמ מיט סאשענ אונ אז אזעלכע דעפוטאציעס מיט שריפטלעכע באגריסונגענ וועט מענ צומ 8־טנ צושיקנ פונעמ אוניווערסיטעט אונ פונ אייניקע אנדערע העכערע לערנ־אינסטיטוציעס, אונ ס׳איז געווּנשנ, אז פונ אונדזערע קורסנ זאָל אויכ זײַנ אזא באגריסונג.

איכ האָב אפדערגיכ אָנגעוואָרפנ א פראָיעקט פונ דעמ אדרעס, וואָס איז געווענ אפ מאָרגנ אָנגענומענ אפ דער אלגעמיינער פארזאמלונג פונ די קורסנ, אונ אינ צוזאמענשטעל פונ דער דעלעגאציע, וואָס מע האָט אויסגעקליבנ אפ דער פארזאמלונג, האָב איכ זיכ אוועקגעלאָזט צו מיכאיל יעווגראפאָוויטש שטשעדרינ אהיימ. נאָר זענ אימ אליינ איז אונדז ניט אויסגעקומענ; מע האָט אונדז געזאָגט, אז ער איז זייער קראנק, אונ מיר געדענקט זיכ אפילע, אז איכ האָב געהערט די קרעכצנ אינ זײַנ צימער. מע האָט אונדז פארבעטנ אינ גאסטצימער, ווו ס׳זײַנענ שוינ געווענ עטלעכע מענטשנ, אונ דעמ שרײַבערס טעכטערל, א פארפוצט מיידעלע, ווי א קוקלעטשקע, פונ א יאָר דרײַצנ אינ א בלאנקיט גאָפרירט קליידעלע, האָט אונדז אונטערגערוקט בענקלעכ צומ טיש.

מיר האָבנ זיכ דורכגעוואָרפנ מיט עטלעכע ווערטער וועגנ מיכאיל יעווגראפאָוויטשס געזונט — מיט זײַנ פרוי, דערלאנגט דעמ אדרעס אונ האָבנ זיכ אָפגעזעגנט.

די דעלעגאציע פונ די סטודענטנ, אינ וועלכער עס איז ארײַנגעגאנגענ סאשע, איז געקומענ אינ אנ אנדער צײַט.

אפ מאָרגנ האָט די נאטשאלניצע פונ די העכערע פרויענ־קורסנ, נ. ו. סטאסאָווא, מיכ ארויסגערופנ צו זיכ, האָט זיכ פארמאכט מיט מיר אינ א ליידיקער אודיטאָריע אונ מיר דערציילט, אז זי האָט אויכ געזענ מיכאיל יעווגראפאָוויטשנ צו זײַנ געבורט־טאָג, וועלכער האָט איר אויסגעדרוקט זײַנ צופרידנקײַט מיט דעמ אדרעס פונ די קורסנ אונ געזאָגט, אז ער איז צווישנ אלע דער סאמע דורכגעפילטער, אונ ער איז אימ געפעלנ בעסער פונ אלע אדרעסנ, וואָס ער האָט אינ דעמ טאָג באקומענ. נאדיעזשדע וואסיליעוונע האָט צוגעגעבנ: „מיר איז דאָס זייער געווענ אָנגענעמ צו הערנ, שוינ דאָס צווייטע מאָל (זי האָט אָנגערופנ נאָכ עפעס א שרײַבער אָדער פראָפעסער) קומט מיר אויס צו הערנ, אז

דעם אדרעס פון די קורסן רעכנט מען פאר דעם בעסטן. מײַן מיטגעפיל איז אינגאנצן מיט אײַך, נאָר איר פארשטייט דאָך, אז בא דער איצטיקער לאגע פון די קורסן האָבן מיר אים ניט געקאָנט אָנגעבן אָפיציעל פון די קורסן.

אז איך האָב דערציילט וועגן דעם שמועס סאשען, האָט ער געפרעגט: „דו האָסט אָנגעשריבן דעם אדרעס?"

אף דעם צווייטן, 1886־טן יאָר, איך געדענק שוין ניט צוליב וואָסער סיבע, האָט מען אזא אגיטאציע איבער די העכערע קורסן ניט דורכגעפירט. נאָר דעם 8־טן נאָיאבער האָט זיך אוועקגעלאָזט צו שטשעדרינען אהיים אן אלגעמיינע דעלעגאציע, א מענטשן 8—10, אין נאָמען פון אלע העכערע לערן־אנשטאלטן. כוץ מיר מיט סאשען זײַנען ארײַנגעגאנגען אין דער דעלעגאציע דער סטודענט מאנדעלשטאם, וואָס איז געווען אף איין קורס מיטן ברודער, די קורסיסטקע מאָסקאָפּולאָ (איצט איז איר פאמיליע ניקאָנאָווא); די איבעריקע געדענק איך ניט. דאָסמאָל איז שטשעדרין אליין צו אונדז ארויסגעגאנגען. איך געדענק, אז ער איז געווען אָנגעכמורעט, געווען דאר, דאָס פּאָנעם געל, מיט א פארוואקסענער באָרד און אין אן אָפּגעריבענעם שטוב־אָנצוג. מיט א באגריסונג־וואָרט אין נאָמען פון דער דעלעגאציע איז ארויסגעטראָטן מאנדעלשטאם. שטשעדרין האָט אים באדאנקט און אונדז אלע געדריקט די הענט. מאָסקאָפּולאָ־ניקאָנאָווא זאָגט אין אירע זיכרוינעס, אז ווען ס'איז געקומען די ריי צו אלעקסאנדער איליטשן, האָט ער אזוי שטארק פונעם גאנצן הארצן א קוועטש געטאָן שטשעדרינען די האנט, אז יענער האָט זי א כאפּ געטאָן מיט דער צווייטער האנט און זיך אָנגעהויבן בייזערן: „אוי, אוי!.. אזוי שטארק טאָר מען ניט... איך בין שוין אן אלטיטשקער, ס'טוט מיר וויי"... אלעקסאנדער איליטש האָט זיך שטארק פארלאָרן, געוואָרן רויט און האָט זיך אָנגעהויבן פארענטפערן.—„נו, ס'מאכט ניט אויס", — האָט שטשעדרין שוין געזאָגט גוטמוטיק.

איך אליין געדענק דאָס ניט, נאָר בא מיר איז פארבליבן אין זיקאָרן, אז אונדזער גאנצע דעלעגאציע האָט זיך געפילט ווי פארלאָרן און האָט זיך געהאלטן ניט פרײַ, אז מאנדעלשטאמס באגריסונג איז ארויסגעקומען צעריבן, שוואך, און ארויסגייענדיק פון דאָרטן, האָט סאשע אויסגעזען אָנגעכמורעט און ניט צופרידן.

סאשע האָט אזויווי פריִער זייער פלײַסיק געארבעט פראקטישע ארבעט אין די לאבאָראטאָריעס און זייער אסאך געלייענט אינדערהיים, נאָר ער האָט באקומען מער כאוויירים, און אונדזערע אײַנגעשטעלטע וויזיטן — צוויי מאָל דורך דער וואָך — זײַנען געוואָרן ניט רעגלמעסיק, און דעמאָלט, ווען מיר פלעגן זיך יאָ טרעפן, זײַנען מיר צומיינסטן אויך ניט געווען אליין. מיר ביידע זײַנען שוין געווען ארײַנגעטראָטן אין דער לאנדסמאנשאפט, סאשע — נאָך אינעם ערשטן יאָר. צוליב די פארזאמלונגען אין די לאנדסמאנשאפטן האָבן מיר זיך אָנגעהויבן דערנענטערן מיט כאוויירים. ווײַטער, סײַ איך, סײַ ער, האָבן באקומען כאוויירים בא זיך אפן קורס. די קורס־כאוויירים, אפ וויפל ס'געדענקט זיך מיר, האָב איך אָנגעהויבן באגעגענען בא סאשען שוין אין די לעצטע יאָרן. פריִער פלעגן זיך צו אים ארײַנכאפן צומיינסטן סטודענטן פון סימבירסק. פון הארבסט 1885 האָט מען די פרויען־קורסן איבערגעפירט אפ דעם וואסיליעווער אינדזל, אין אן אייגן הויז, און איך האָב זיך אויך באזעצט אפ דער פעטערבורגער זײַט, בא סאשעס פריִערדיקער באלעבאָסטע. סאשע האָט זיך דעמאָלט געהאט ארײַבערגעצויגן אין אן אנדער צימער.

די לעצטע צוויי יאָר האָבן מיר געוווינט מיט אים אינגאנצן נאָענט איינער פונעם אנדערן.

מיר האָבן אָנגעהויבן בעשוטפעס — מיטגלידער פון דער סימבירסקער און טיילווײַז פון סאמארער לאנדסמאנשאפט — אויסשרײַבן נײַע זשורנאלן, וואָס מיר פלעגן לייענען און זיך בײַטן מיט זיי לויט דער ריי. ווײַטער פלעגן מיר קריגן אויך אייניקע ביכער, וואָס זײַנען דעמאָלט ניט געווען דערלויבט: גערצענס ווערק, אָדער די אומלעגאל־דערשינענע שטשעדרינס „מײַסעלעך" און טאָלסטויס — „די ווידע", „איז וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן", „אין וואָס באשטייט מײַן גלויבן", „געלט".

איך געדענק, אז „די ווידע" האָט ארויסגערופן בא סאשען א גרויסן אינטערעס. דערפאר אָבער צו די ווערק, ווו טאָלסטוי האָט געפרווט פון קריטיק איבער דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג אָנצייכענען זײַן אייגענעם אידעאָלאָגישן וועג, האָט זיך סאשע באצויגן זייער נעגאטיוו און קאלט.

ביכלאל, איז סאשע, אזויווי אמאָל אין די גימנאזיסטישע יאָרן, ניט געקוקט אפ דער פארטיפטער וויסנשאפטלעכער ארבעט, געווען אין

קורס פון דעם אלעמען, מיט וואָס ס'האָט זיך אינטערעסירט די דעמאָל־טיקע יוגנט, און מע קאָן זאָגן, אַז פאַר זײַן עלטער איז ער געווען אַן אָנגעלייענטער מענטש, וואָס האָט זעלבשטענדיק דורכגעטראַכט דאָס איבערגעלייענטע.

לויט זײַן איניציאַטיוו האָט זיך צווישן די סטודענטן פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט געגרינדעט אַ קרײַזל אַף שטודירן די עקאָנאָמישע לאַגע פונעם פויערטום.

איך געדענק, אַז מיר איז אויסגעפאַלן דער ערשטער רעפעראַט אַף דער טעמע וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פונעם פויערטום אין דעם אַלטימלעכן רוסלאַנד. אין די אָנגעמערקטע היסטאָרישע אינסטיטוט־קורסן און געשיכטלעכע ווערק פון יענער צײַט האָב איך וועגן דער פראַגע גאָרניט געקאָנט אַרויסבאַקומען, און די עקאָנאָמישע לאַגע פונעם פוי־ערטום האָט אויסגעזען בײַ מיר זייער פּראָבלעמאַטיש, און דער רעפעראַט איז אַרויס זייער אַ שוואַכינקער. מיר זײַנען נאָך אַלע דעמאָלט געווען גענוג גרין, מיר זאָלן קאָנען פאַרשטיין, אַז פאַר אַזאַ טעמע פאָדערט זיך דורכשטודירן די קוועלן,—און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען ניט אין אונדזערע מעגלעכקײַטן.

איך געדענק, אַז אין דער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך אַרום דעם פאַנאַנדערגעוויקלט, זײַנען די כאַווײרים אַף מיר אָנגעפאַלן, וואָס איך האָב אַזוי ווייניק אופגעוויזן, און מיר געשטעלט זייער גיפטיקע פראַ־געס, צי האָב איך געלייענט די און די ווערק. איך האָב זיך הייס פאַר־טיידיקט, דערווײַזנדיק, אַז איך האָב געמאַכט אויסצוגן פון אַלע אָנגע־מערקטע ווערק, און איך בין ניט שולדיק, וואָס אין די ווערק איז וועגן דער פראַגע גאָרניט ניט פאַראַן.

סאַשע האָט זיך אויך געשטעלט אַף מײַן צד:

— נו, אויב אַ מענטש זאָגט, אַז ער האָט איבערגעלייענט אַלע אויספאָרשונגען, ווײַזט אויס, אַז אין זיי איז טאַקע ווירקלעך גאָר ניט ניטאָ, — האָט ער געזאָגט.

נאָך אײַן זײַן טאָג, געדענק איך, האָט זיך געפילט אַן אַנטוישונג. מע האָט דורכגעלייענט נאָך עפּעס אַ פּאָר רעפעראַטן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פונעם, פויערטום — און דאָס קרײַזל איז צונישט געוואָרן. כאָטש דער אַנטוישונג אין דער מעגלעכקײַט צו קריגן מיט

אונדזערע אייגענע מיטלען דעם נייטיקן מאַטעריאַל, האָט דאָ געשפּילט אַ ראָליע אויך דאָס, וואָס דאָס קרײַזל האָט זיך אָרגאַניזירט שוין אין לעצטן, 1886 יאָר, און די מער אַקטיווערע מיטגלידער זײַנען שוין געווען אַרײַנגעצויגן אין מער אינטערעסאַנטערע קרײַזלעך, צום בײַשפּיל, אין עקאָנאָמישן קרײַזל. און ווײַטער האָט אַסאַך מיטגלידער אָפּגעצויגן די רעוואָליוציאָנערע אַרבעט.

איך מיט סאַשען זײַנען ביידע געווען צוהערערס בײַ סעמעווסקין אויף זײַנע לעקציעס וועגן דער פּויערים־פּראַגע.

אַז סעמעווסקיס קורס האָט מען אַראָפּגענומען אין אוניווערסיטעט און אויף די פּריוואַט־קורסן (סעמעווסקי האָט זיך דעמאָלט גערעכנט אינעם צעטל פון די עקסטרעם־לינקע), זײַנען מיר אויך געווען פון יענע געציילטע, וואָס האָבן שוין בײַ אים אינדערהיים אויסגעהערט דעם קורס ביזן סוף.

צו יענער צײַט האָבן שוין אויפֿט אָנגעהויבן אַרײַנפאַלן אין אונדזערע הענט אייניקע אומלעגאַלע אויסגאַבעס אויך. אין פאַרבינדונג מיט דעם געדענק איך, ווי אַזוי איינמאָל האָב איך געטראָגן פאַר סאַשען עפּעס אַ בראָשורקע, וואָס איך האָב שוין איבערגעלייענט. געוווינט האָבן מיר דעמאָלט ביידע אויף דער סיעזשינסקע גאַס איבער דרײַ נומערן, מע האָט נאָר געדאַרפט איבערשנײַדן אינדערברייט די פּושקאַרסקע גאַס. אין קאָנספּיראַטיווע איניאָנים בין איך נאָך דעמאָלט געווען אַ גרינע, האָב איך מיר זיך אָט־אַזוי פּאָשעט אָפענערהייט געטראָגן די בראָשור, אַזוי ווי מע טראָגט געוויינלעך אַ לעגאַל ביכל, און איך געדענק סאַשעס איראָנישן שמייכל, בעת ער האָט מיך געפרעגט:

— וואָס־זשע אָט־אַזוי ניט פאַרוויקלט אין גאָרניט האָסטו עס געטראָגן איבערן גאַס אויך?

— ס'איז אַ טראָט גאַנג... ווער וועט דען בײַ מיר אין די הענט איבערלייענען, וואָס פאַר אַ ביכל איך טראָג, — האָב איך זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן.

— פונדעסטוועגן, האָב איך אײַנגעזען ניט געזען, מע זאָל אַזוי טראָגן אומלעגאַלע ביכלעך, — האָט ער געזאָגט מיט דעמזעלבן שמייכל, וואָס האָט מיך געצווונגען, כאָטש איך אַליין האָב זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, פאַרגעדענקען, אַז אַזוי טוט מען ניט.

ווען־ניט־ווען פלעגן בא אונדז פאָרקומען לאַנדסמאַנשאַפטלעכע און אַנדערע ליאַמעס. דער איצטיקער יוגנט וואָלטן זיי אויסגעוויזן זייער אומעטיק. יאָ, אומעטיק, נודנע זײַנען אין יענע צײַטן געווען אפילו די גאָר זעלטענע ליאַמעס, וואָס די יוגנט האָט זיך געקאָנט דערלויבן, נאָר די רעכט אפילו אַף אַזוינע ליאַמעס האָט זיך ניט גע־געבן אָן קאַמף. די לאַנדסמאַנשאַפטן זײַנען געווען ניט קיין דער־לויבטע אָרגאַניזאַציעס. צוליב דעם איז, קעדיי צו פאַרבעסערן די קאַסע־איניאָנים — דער ווירקלעכער צוועק פון די מערסטע סטודענטישע ליאַמעס — האָט מען אָפיציעל ניט געקאָנט באַקומען קיין דערלויבע־ניש. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך ווײַניקער האָט מען געהאַט די מעגלעכ־קײַט אײַנאָרדענען א ליאַמע לטובֿת דעם „רויטן קרייץ״ פון די פּאָ־ליטישע אָדער צוליב עפּעס אַן אַקטיוו־רעוואָלוציאָנערן ציל. שטענ־דיק האָט מען געדאַרפט צוליב דעם האָבן עפּעס אַן אויסגעטראַכטן צוועק. אָפטער פון אַלץ איז דאָס געווען עפּעס א פאַמיליע־אָנגעלעגנ־הײַט, מע האָט קלוימערשט געפּראַוועט א קנאַסמאָל, מע האָט אַרויס־געשטעלט פיקטיווע כאָסן־קאַלע, וואָס מאַכן א ליאַמע. די זאַך איז אויך ניט אָנגעקומען אָן דולעניש, מע האָט געדאַרפט אָנגעבן א מעל־דונג אין פּאָליציע און געוווינטלעך מאָל לויפן אַהינצו. דעריקער האָט מען געדאַרפט אַרויסשטעלן אַזעלכע פּערזאָנען, וואָס רופן צו זיך ניט אַרויס קיין שום כשאַד מיצאַד דער פּאָליציע. און די יונגע האָבן אויך פאַר דעם ניט געשוויגט. געוויינלעך האָט מען געפּראַוועט א „כאַסענע״ פון אַזעלכן, וואָס האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אָדער פון אַזעלכן, וואָס ענדיקט דעם אוניווערסיטעט און פאָרט אַוועק אין דער פּראָווינץ. אַזוי אַרום האָט גענומען אַף זיך די ראָליע פון א כאָסן ס. ט. יעלי־זאַראָוו, וואָס האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט און האָט געדינט אין פּעטערבורג.

קלאָר, אַז פאַר דער פּאָליציי איז ניט געווען קיין סאָד, אַז די קנאַסמאָלן זײַנען פיקטיווע זאַכן, און זי האָט נאָר געזען, אַז די נייטי־קע פאָרמאַליטעטן זאָלן זײַן אויסגעפילט. איך געדענק, ווי מיר האָבן אַלע געלאַכט פון דעם, וויאַזוי דער פאָרשטייער פון דער פּאָליציע האָט געכאַפּט יעליזאַראָוון אַף דעם, וואָס ער האָט אים איבערגעשטעלט א פראַגע געטאָן: „וויאַזוי איז אײַער קאַלעס פאַמיליע? „יעליזאַראָוו

האָט געוואָלט אויסריידנ אפגיכ, נאָר ער האָט זיכ פארפלאָנטערט אפ דעמ שווערנ פאמיליע־נאָמענ קאלייטאנ. — „קאטאנ... קאליי...“ — האָט ער אָנגעהויבנ שטאמלענ. — „וואָס, איר ווייסט גאָרניט די פאמיליע פונ אייער קאלע?“ — נאָר די ליאמע האָט ער פונדעסטוועגנ דערלויבט. אפ די ליאמעס פלעגט מענ, געוויינלעכ, שיקנ א פאָרשטייער פונ פאָליציי, נאָר מע פלעגט אימ צומייסטנ פארופנ ערגעצ אינ א ווינקל אונ אימ גוט אָנפויענ מיט ווייַנ. יונגע לייט האָבנ געטאנצט, אריינגעכאפט אנ איבעריק גלעזל, נאָר שטילערהייט האָבנ א טייל ערגעצ אינ א באזונדער צימער זיכ דורכגעשמועסט אפ א פאָליטישער טעמע אונ אָפגעטאָנ געוויסע קאָנספּיראטיווע אינייאָנים. דער אוילעמ האָט געזונגענ „דובינושקא“, „נאזאָווי מניע טאקוינ אָביטעל“, „זאמוטשענ טיאזשאָלאָי ניעוואָליעי“; אמאָל האָט עמעצער דעקלאמירט רעוואָליוציאָנערע לידער. איכ געדענק, אז מיט דער קונסט האָט זיכ באזונדערס אויסגעצייכנט אונדזערער א סימבירסקער סטודענט א. טענישעוו, וואָס פלעג דעקלאמירנ, כוצ זייַנע אייגענע לידער אונ אייניקע לעגאלע, אויכ „נא סמערט מעזענצעווא“ אונ מיט א גרויסער אויסדרוק־קראפט: „צומ געבורט־טאָג א קוכנ, געפילטער מיט מענטשנ, צעבראָקטע אפ שטיקלעכ, א ברודער טראָגט אונטער דעמ אלמעכטיקנ ברודער“...
נאָר די לעצטע ליד פלעגט מענ דעקלאמירנ אמיינסטנ אינ פריוואטע הייַזער, אָדער שוינ אינ סאָפ אָוונט, ערגעצ ווו, אינ דער צייַט ווענ דער פאָליצייִשער „אָרדענונג־היטער“ איז שוינ געווענ גוט אָנגעטרונקענ אונ האָט שוינ ניט געקאָנט ערנסט רעאגירנ אפ דעמ, וואָס דאָ קומט פאָר. אונ די יוגנט פלעגט דאָ אויכ אביסל איבעריקס אויסטרינקענ. ניט געווענ קיינ נאטירלעכע פרייַהייַט פאר אירע יונגע באגערנ, שטרעבונגענ, זי איז פונ אלע זייַטנ געווענ פארקוועטשט, אונ די באדערפעניש ארויסצוריַיסנ זיכ פונ דער באשרענקטער אָפגעזונדערטער איינזאמקייַט אונ זיכ א פריי טאָנ — קאָנ מענ ניט אויסראָטנ. וואָס פלייסיקער מע האָט אויסגעראָטנ יעדער סימענ פונ אינהאלט אינ די פארזאמלונגענ פונ דער יוגנט, אלצ מער איז דער ווייניקער שטאנדהאפטיקער אונ ווייניקער איניציאטיווער טייל גענויגט געווענ צו זוכנ א שטיקל פרייד, — זאָל זייַנ אפילע אינ אנ איבעריקנ טרונק.
אונ גאָרניט ווייניק זייַנענ געווענ אזעלכע, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ

אויסטרינקען אין די סטודענטישע יאָרן און נאָכדעם פאָרגעזעצט דידאָזיקע איינציק מעגלעכע פארווײַלונג פון יענע צײַטן אף די קאזיאָנע שטעלעס, אין פארשיידענע טיפע פראָווינציעלע עקן.

איך געדענק אייניקע סטודענטן, וואָס פלעגן גאנץ פײַן אויסטרינקען. פון זיי געדענק איך באזונדער איינעם סאשעס א כאווער פון די לעצטע יאָרן, א סטודענט פונעם וואלד־אינסטיטוט, דערזשאווין, זייער א סימפאטישער באָכער, כאָטש א ווייניק טעטיקער, געהאט א גאנץ גוטע שטים; איך געדענק אים אינצווייען מיט זײַן כאווער וואָיעוואָדין, א פעלדשער, אלס די בעסטע זינגער אף אונדזערע ליאמעס אין כאָר און אין א דועט. אין ניכטערן צושטאנד איז ער געווען אָנגעברוגעזט און האָט צומיינסטן געשוויגן. אופגעמונטערט איז ער געוואָרן נאָר דאן, אז ער פלעגט אויסטרינקען, און דאָס איז בא אים געוואָרן ניט קיין פארווײַלונג אמאָל אף א ליאמע, נאָר א גאנץ אָפטע זאך.

דערדאָזיקער דערזשאווין דערמאָנט וועגן א סצענע מיטן ברודער, וואָס כאראקטעריזירט סאשעס זייער בולעט. איינמאָל זײַנען זיי עפעס אינצווייען ארײַנגעקומען צו מיר. דערזשאווין איז געווען אונטערן גלעזל און דאָס מויל האָט זיך אים ניט צוגעמאכט אף קיין מינוט.

איך געדענק, אז זײַנע ווערטער זײַנען געווען איין לויב־געזאנג דעם ברודער, צו וועלכן ער האָט זיך געהאט שטארק צוגעבונדן.

— דו שווײַגסט. דו שווײַגסט אלץ... — האָט ער געטײַנעט, — און נעמסטו עפעס ריידן, פארלירן זיך אלע פאר דיר.

— ווער, איך פארליר זיך? — האָט אים סאשע אף זײַנע צען ווערטער גוטמוטיק אמאָל צוגעוואָרפן איין וואָרט.

— ניין, ניט דו, אלע אנדערע פארלירן זיך פאר דיר.

— א, אנדערע... און איך האָב געמיינט, איך פארליר זיך.

און אזוי כאווערישע איידל האָט ער דאָס געזאָגט, אזוי פרעמד איז געווען דעם שמייכל זײַנעם יעדער מינדסטער ווילן אָפלאכן פון יענעם. אזא ריינע, כאווערישע אידעאלע באציִונג!

— נו, פארשטייסטו מיך, מיר זיצן דאָ און שמועסן מיט דיר, און די שוועסטער דארף דאָך ארבעטן, און מיר שטערן איר געוויס. — האָט סאשע ענדלעך געזאָגט און אוועקגענומען מיט זיך דעם צעיאכמערטן כאווער.

אונ איכ, אז זיי זײַנענ אוועקגעגאנגענ, האָב זיכ א טראכט געטאָנ, ווי ריכטיק, אייגנטלעכ, דערזשאווינ האָט עס געזאָגט, אז פאר סאשענ פארלירנ זיכ אלע.

איכ האָב זיכ דערמאָנט אסאכ פאלנ, ווענ סאשע איז געווענ מיט כאוויירימ, ווי אלע פלעגנ זיכ, געוויינלעכ, צוהערנ צו זײַנע קורצע, נאָר שטענדיק זייער קלאָר־פאָרמולירטע מיינונגענ, ווי מע פלעגט זיכ שעמענ ריידנ פאר אימ פוסטע רייד, כאפנ א קוק צו אימ, ווארטנ, ער זאָל ארויסזאָגנ זײַנ מיינונג. אונ ער אליינ, זייער פרעמד דעמ ווילנ צו ווירקנ אפ יענעמ, פלעגט זיכ זיצנ ערגעצ ווו בא דער זײַט אונ אופמערקזאמ הערנ.

איכ געדענק, אז א פאָר מאָל האָב איכ באמ ברודער אינ צימער געזענ, ווי כאוויירימ פלעגנ אוועקלויפנ נאָכ א פלעשל, אונ האָבנ אימ דערלאנגט. איכ געדענק, אז דער ברודער האָט אויסגעטרונקענ א גלעזל אָדער צוויי אונ אנטשלאָסנ געזאָגט: „ניינ, מער וועל איכ ניט טרינקענ...”

אליינ האָט ער קיינ שטימ ניט געהאט אונ קיינ געהער אויכ ניט, נאָר ער האָט זייער ליב געהאט מוזיק, באזונדערס געזאנג. מיט געזאנג פלעגנ זיכ בא אונדז געוויינלעכ פארענדיקנ אלע אונדזערע לאנדסמאנשאפטלעכע אונ אנדערע ליאמעס. די באליבטסטע אונדזערע לידער זײַנענ געווענ „פאָלאָסינקא” אונ לידער מיט א רעוואָליוציאָנערנ אינהאלט. איכ געדענק אויכ די ליד: „פרישלא וועסנא, זאשטשעבעטאלי פטיצי, א אָנ, בעדניאזשקא, סידיט וו סטענאכ טעמניצי”... אונ פיל אנדערע אינ דעמ גײַסט.

באזונדערס האָט סאשע ליב געהאט „זאמוטשענ טיאזשאָלאָי נעוואָליעי”. איכ געדענק אפ דער לעצטער ליאמע, ווו מיר זײַנענ מיט אימ געווענ אינאיינעמ אינ דער דירע פונ אונדזערס א פרײַנטל פעסקאָווסקי, מיר דאכט, שוינ אינ יאנוואר 1887, האָט ער געבעטנ, מע זאָל זינגענ אָט דעמ הימנ.

— ס'איז דאָכ גאָר א טרויער־הימנ, — האָט דער באלעבאָס אימ געזאָגט.

— יאָ, א טרויער־הימנ, — האָט סאשע אָפגעענטפערט אונטערשטרײַכנדיק דאָס וואָרט „טרויער”, עפעס אזויווי געוואָלט ארויסרופנ

אים אקעגנ זיכ. אונ דעמ הימנ האָט מענ טאקע אָנגעהויבנ זינגענ. איכ געדענק, ס'אר אנ אויסדרוק פונ צאר, פײַנ איז בא אימ דעמאָלט געווענ, אז ס'האָט מיכ א צופּע געטאָנ באמ הארצנ.

די שטימונג איז איבערהויפּט געווענ א שרעקלעכ־געדריקטע, א שווערע אפ אָט דער ליאמע, גלײַכ עפּעס א פּאָרגעפיל האָט אלעמענ געדריקט. ניט קיינ אָנגענעמע ליאמע געווענ.

III. אלעקסאנדער איליטשס לעצט יאָר לעבנ

דעקאבער 1885 יאָר, ווענ איכ בינ געווענ אפנ דריטנ קורס, בינ איכ ווידער געקומענ צו פאָרנ אפ די ווינטער־וואקאציעס (ראָזשדעסטוואָ) אהיימ קיינ סימבירסק.

אינ סיזראַנ האָב איכ זיכ באגעגנט מיטנ טאטנ, וואָס האָט זיכ אומגעקערט פונ זײַנ אָרדנטלעכער רײַזע איבער דער גובערניע, אונ דעמ איבעריקנ וועג קיינ סימבירסק זײַנענ מיר שוינ געפאָרנ אינצווייענ מיט דער פור. איכ געדענק, מײַנ ערשטער אײַנדרוק איז געווענ; דער טאטע איז מיטאמאָל שטארק אראָפּ אונ אלט געוואָרנ, אונ זעט אויס אסאכ שוואכער, ווי ער האָט אויסגעזענ אינ הארבסט. דאָס איז געווענ ווייניקער פונ א כוידעש פאר זײַנ טויט. אויכ געדענק איכ, אז די שטימונג איז בא אימ געווענ עפּעס א געדריקטע. מיט הארצווייטעק האָט ער מיר דערציילט וועגנ דעמ, אז בא דער רעגירונג איז איצט פאראנ א טענדענצ בויענ קירכ־שולנ אונ מיט זיי פארבײַטנ די וועלט־לעכע זעמסקע שולנ. דאָס האָט באטײַט, אז די ארבעט פונ זײַנ גאנצנ לעבנ גייט אזוי ארומ צו גרונט. ערשט שפּעטער האָב איכ פארשטאנענ, ווי קרענקלעכ דער טאטע האָט דאָס איבערגעלעבט אונ ווי דערנענ־טערט ס'האָט פאר אימ דעמ טראגישנ סאָפּ.

דער סאָפּ דעקאבער אונ אָנהייב יאנוואר זײַנענ ווי שטענדיק געווענ בא אימ פארפולט מיט פיבערדיקער ארבעט—דעמאָלט פלעג ער צונויפשטעלנ די באריכטנ אונ באלאנס־צעטלענ פונעמ גאנצנ יאָר. אנערעכ דעמ 10־טנ יאנוואר איז דער טאטע קראנק געוואָרנ. לויט דער מיינונג פונעמ דאָקטער אונ לויט זײַנ מיינונג אליינ איז דאָס נאָר געווענ עפּעס א מאָגנ־דערשײַנונג. קיינ באזונדערע אויפמערקזאמ־קײַט האָט מענ דער קרענק ניט אָפּגעגעבנ. דער טאטע איז די גאנצע צײַט אומגעגאנגענ, די ארבעט פאָרגעזעצט ווײַטער, זײַנע מיטארבע־

טער — אינספּעקטערט פּלעגן צו אים אַרײַנקומען, ווי שטענדיק. די נאַכט אקעגן דעם 12־טן יאנוואר האָט ער פאַרבראַכט אָן שלאָף. איך בין געזעסן לעבן אים, ער האָט מיר געהייסן אים דורכלייענען איינ־קע פּאַפּירן. איך האָב באַמערקט, אַז ער פּלאָנטערט אַביסל, און די רייד פאַרמישן זיך אים, און איך האָב אים צוגערעדט אָפּצולייגן דאָס לייענען. דעם 12־טן איז דער טאַטע ניט געווען אין עסצימער צום וואַרמעס, געזאָגט, אַז ער האָט איצט קיין אַפּעטיט ניט. ער איז נאָר צוגעגאַנגען צום טיר און האָט אַף אונדז אַלע אַ קוק געטאָן, „גלײַך צוגעגאַנגען זיך געזעגענען" — האָט די מאַמע נאָכדעם דערציילט. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט בא זיך אין קאַבינעט אַפן דיוואַן, וואָס פּלעג אים דינען פאַר אַ בעט, און אַרום אַזייגער פינף האָט די מאַמע, זייער אַן אומ־רויִקע, אַרײַנגערופן מיך מיט וואָלאָדיען. דער טאַטע, ווײַזט אויס, האָט שוין געהאַלטן בא דער גסיסע — ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער און איז געבליבן שטיל. ס'איז געקומען דער דאָקטער און קאָנסטאַטירט אַ בלוטשלאָג אין די געהירן. אָן שום סאָפעק אַז דעמאָלט האָט מען זיך ניט פאַנאַנדערגעקליבן אין זײַן קרענק. ס'איז אין איר געווען עפּעס אַ געהירן־פּראָצעס, אויב זי איז אינגאַנצן ניט געווען פון די געהירן. מע האָט אים ניט געבאַלזאַמירט...

פון דער גאַנצער פאַמיליע איז נאָר איינ סאַשע ניט געווען מיט אונדז. ער איז געבליבן, אַזויווי אין די פריִערדיקע יאָרן, אין פּעטערבורג. די מאַמע האָט אים ניט געוואָלט שיקן קיין טעלעגראַמע, זי האָט געבעטן, דאַכט זיך מיר, אונדזער קוזינע אין פּעטערבורג, אַ דאָקטער, זי זאָל אים צוגרייטן. שפּעטער האָט די קוזינע אונדז געשריבן און דערציילט, אַז זי האָט זיך געכידעשט, ווי טיף און ערנסט סאַשע האָט דעם טויט איבערגעלעבט. ער האָט אָפּטער, ווי פריִער, אָנגעהויבן צו איר אַרײַנקומען, געזעסן און געשמועסט. טשעבאָטאַריאָוו, וואָס איך האָב אים אָנגעשריבן און בא אים אָנגעפרעגט, וויִאַזוי סאַשע פילט זיך, האָט מיר געענטפערט, אַז די ערשטע וואָכן נאָך דעם, ווי עס האָט זיך באַקומען די ידיִעה וועגן טאַטנס טויט, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן זײַן אומעטיקייט, אַז די ידיִעה וועגן טאַטנס טויט

האָט אָפּ אים געמאַכט א שטאַרקן, איך וואָלט געזאָגט אפילע, א צו שטאַרקן איינדרוק. אָט ווי דער ברודער האָט איבערגעלעבט דעם טאַטנס טויט, און אין די בריוו, וואָס ער האָט נאָר אָפּטער און ווייכער אביסל געשריבן, איז ער געווען קורץ, ווי שטענדיק, און וועגן זיינע איבערלעבונגען האָט ער גאָרנישט געשריבן.

פאַר מיר האָט זיך דעמאָלט געשטעלט א דילעמע: פאָרן קיין פעטערבורג פאָרזעצן די קורסן (איך בין דעמאָלט געווען אפן לעצטן קורס), אָדער בלייבן מיט דער מאַמען? און ניט אזויפיל איבער דער מאַטעריעלער לאַגע, כאָטש די מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך אויך שטאַרק געענדערט. די מאַמע האָט געוואָלט, איך זאָל ענדיקן די קורסן, און האָט געהאָפט, אז די אָנדערהאַלבן יאָר, וואָס מיר דאַרפן ביזן ענדיקן, וועט זי אונדז קאָנען אויסהאַלטן, נאָר איך האָב גערעכנט, אז איך טאָר זי ניט איבערלאָזן אליין נאָך אונדזער אומגליק. אין דערזעלבער צייט האָב איך איבערגעקלערט, צי וועל איך קאָנען אין דער פּראָווינץ זיך אַקוראַט צוגרייטן אָפּצוגעבן די עקזאַמענעס אין הארבסט. אייניקע באַקאַנטע אין פעטערבורג און דאָ אין סימבירסק האָבן מיר געעצעט פאָרן. איינע פון די באַקאַנטע, א גוטבאַזיצערס א פרוי, אלעקסאַנדראַ אלעקסאַנדראָוונאַ זנאַמענסקאַיאַ האָט מיך שטאַרק צוגערעדט פאָרן און אפילע פאָרגעלייגט געלט אָפּ ענדיקן דעם קורס. דער מוט און די אויסגעהאַלטנקייט פון דער מאַמען, וואָס איך האָב דערזען נאָך דער שווערער איבערלעבונג צום ערשטן מאָל, אירע רייד, אז צוליב איר דאַרף איך ניט בלייבן, האָבן אויך פאַרשטאַרקט דעם וואַקל־געפיל. און אָט, ניט קענענדיק זיך באַשליסן, האָב איך זיך געווענדעט, ווי איך בין שטענדיק געוווינט צו טאָן, צו סאַשען נאָך אַן עצה. זיין ענטפער איז געווען, אז ער וועט מיר שיקן, — ווי ער האָט דאָס פריער אויך געטאָן, — אלע נייטיקע ביכער און קורס־לעקציעס, און בא אזעלכע באַדינגונגען, רעכנט ער, אז ס׳איז מעגלעך זיך צוגרייטן צו די עקזאַמענעס אין סימבירסק אויך. מיט איין וואָרט — ער האָט מיר מער געעצעט בלייבן. נאָר צוליב זיין כאַראַקטעריסטישער דעליקאַטקייט, צוליב דער שטענדיקער מוירע אָנבינדן יענעם זיין מיינונג, אונטערדריקן יענעמס פרייע ווילן, פאַרענדיקט ער זיין בריוו מיט אזעלכע ווערטער: „פאַרשטייט זיך, דאָס אלץ קאָן פאַר דיר ניט האָבן קיין

גרויסע ווערט, ווײַל דעריקער,—אפ ווײפל עס איז באקוועמ איצט איבער־לאָזנ די מאמע אליינ, איז דיר אפנ אָרט גרינגער צו באשליסנ".

אונ אָט, זעענדיק דעמ מוט אונ כאראקטער־שטײַפקײַט פונ דער מאמענ, האָב איכ זיכ נאָכ לאנגע וואקלענישנ א בײַג געטאָנ מיטנ געדאנק צו דעמ, וואָס ס'האָט זיכ מיר מער פונ אלצ געוואָלט — אונ איכ בינ אוועקגעפאָרנ.

דאָס איז שוינ געווענ אינ מארט. אָפגעשטעלט האָב איכ זיכ בא סאשענ (סיעושינסקאיא, 12). נאָכדעמ האָב איכ גענומענ דעמ צײַ־מער בא זײַנ פריערדיקער באלעבאָסטע (סיעושינסקאיא, 4), נאָר ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז איכ האָב זיכ אָפגעגאָרט אינ מײַנע איי־גענע קויכעס: אז ניט מײַנ גײַסטיקע אונטערשטיצונג איז געווענ נייטיק דער מאמענ, נאָר פארקערט, איכ אליינ האָב זיכ געניײטיקט אינ איר נאָענטקײַט, אינ דער נאָענטקײַט פונ דער גאנצער שטוב אונדזערער, קעדייי אײַנצוהאלטנ אינ זיכ א געוויסנ גלײַכגעוויכט. געבליבנ איינע אליינ אינ צימער מיט די מאטעריאלנ פאר די לימודימ, האָב איכ זיכ אוועקגעטראָגנ מיט די געדאנקענ צוריק קיינ סימבירסק; איכ האָב זיכ אליינ געפײַניקט, פארוואָס איכ האָב ניט אויסגעהאלטנ דעמ כאראק־טער אונ האָב איבערגעלאָזט די מאמע, בינ געווענ אומרויִק וועגנ איר. זײַענדיק אליינ, האָב איכ אויכ אסאכ שארפער איבערגעלעבט דעמ טאטנס טויט — דעמ ערשטנ טויט פונ א נאָענטנ מענטשנ, אקעגנ וועלכנ איכ האָב זיכ גערעכנט שולדיק פאר דעמ, וואָס די לעצטע צײַט האָב איכ אימ אָפגעגעבנ ווייניק אויפמערקזאמקײַט. מײַנ ארבעט איז איבער דעמ געגאנגענ גאנצ שווערלעכ, נאָר איכ האָב זיכ געבראָכנ אונ זיכ געצווּוּנגענ ארבעטנ, כאָטש דער מויעכ האָט זיכ אָפטמאָל אָפגע־זאָגט אופצונעמענ. סאשענ, וואָס האָט געוווינט אינ א צווייטער דירע אונ האָט אסאכ געארבעט, האָב איכ וועגנ צושטאנד גאָרניט דערציילט אויס ביזאָיענ פאר אייגענער שוואכקײַט.

געענדיקט האָט עס זיכ מיט דעמ, וואָס די סאמע שווערסטע עקזא־מענעס, וואָס זײַנענ אינ דעמ יאָר גראָד געווענ אסאכ, האָב איכ אָפגעגעבנ, אונ אז עס איז געקומענ צו די לעצטע צוויי נישטיקע, האָב איכ זיכ דערפילט פאס,—איכ בינ שוינ דערגאנגענ צו אזא צוש־טאנד, אז איכ האָב שוינ ניט געקאָנט לייענענ אפילע די גרינגסטע

ביכער, ניט געקאָנט שלאָפנ, לאַכלוטנ פארלאָרנ דעמ אפעטיט. אינ איינ אונ דערזעלבער צײַט האָט די צערודערטקײַט פונ מײַנ נערוונ־סיסטעמ זיכ ארויסגעוויזנ אינ דער לײַדנשאפטלעכער זעלבסטבאשולדיקונג: איכ האָב, הייסט עס, ניט אויסגעהאלטנ דעמ אייגענעמ פרווו איבער זיכ: „אויב דו ביסט געפאָרנ קיינ פעטערבורג אָפגעבנ די עקזאמענעס, מוזטו זיי אָפגעבנ"... איכ האָב ווי מעגלעכ געצוווּנגענ זיכ נעמענ צו דער ארבעט, נאָר אלצ איז געווענ אומזיסט.

צו דער צײַט האָט זיכ געמאכט, אז סאשע האָט גראָד פריִער אָפ־געגעבנ די עקזאמענעס אונ האָט זיכ געקליבנ פאָרנ אהיימ. דעמ טאָג, וואָס ער האָט געדארפט פאָרנ, בינ איכ אינדערפרי צו אימ ארײַנגע־קימענ אונ האָב אימ עפעס וואָס דערציילט וועגנ מײַנ צושטאנד. „דו ביסט קראנק, לאָמיר פאָרנ אינײינעמ", — האָט ער געזאָגט. אונ אזוי־ווי איכ האָב איבער מײַנע איניאָנימ פונעמ קורס דעמ טאָג נאָכ ניט געקאָנט פאָרנ, האָט ער אָפגעלייגט זײַנ פאָרנ אפנ צווייטנ טאָג. מיר האָבנ איבערגעציילט אונדזערע קאפיטאלנ — ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז אפנ וועג וועט סטײַענ.

איכ בינ אי געווענ צופרידנ מיט דעמ באשלוס, ווײַל בא מײַנ צושטאנד האָט מיכ ארומגעכאפט עפעס אנ אומקלאָרע שרעק צו בלײַבנ אליינ אינ פעטערבורג,—אונ אינ דערזעלבער צײַט האָב איכ זיכ געפײַניקט, וואָס איכ דערלאָז אינ זיכ אזא אומגעהערטע שוואכקײַט אונ אנטלויפ פונ צוויי נישטיקע עקזאמענעס. מײַנ צושטאנד איז געווענ אפ אזויפיל פארשארפט, אז אינ דער קאנצעליאריע פונ די קורסנ, בעשאס איכ האָב גערעדט וועגנ אורלויב־בילעט אונ אז מע זאָל מיר אָפלייגנ די עקזאמענעס אפ הארבסט, האָט זיכ מיר אויסגעדאכט, אז מע קוקט אפ מיר מיט א שמייכל אונ מיט אומצוטרוי—„מאכסט פלייטע?!" איכ געדענק דעמ אויסדרוק פונ פארוווּנדערונג מיצאד אייניקע כאווירימ, וואָס זײַנענ אינ די טעג ארײַנגעקומענ צו מיר אָדער צומ ברודער, ווענ סאשע האָט געזאָגט: „זי איז קראנק".

נאָר מיט דעמ אוועקפאָרנ פונ פעטערבורג האָט זיכ מײַנ צושטאנד ניט פארבעסערט. איכ האָב נאָכ מער, קאָנ מענ זאָגנ, זיכ אָנגעהויבנ הריזענ פאר מײַנ ניט ריכטיקער האנדלונג. איכ האָב זיכ געריסנ אומ־צוקערנ צוריק, האָב דערקלערט מיט כאראָטע דעמ ברודער, אז איכ

בינ לאכלוטנ ניט קראנק, נאָר פֿאָשעט פֿונ פֿוילקייַט האָב איכ געוואָרפֿנ די עקזאמענעס. איכ געדענק, אז עפּעס אפּ א גרויסער סטאנציע בינ איכ אומגעפֿאלנ אנ אופּגערעגטע איבער דער פּלאטפֿאָרמע, בעטנדיק דעם ברודער מיכ אָפּלאָזנ צוריק, אונ גערעדט אפּילע מיט פֿארדראָס: „דו האָסט דענ רעכט מיכ ניט אָפּלאָזנ?” אונ איכ געדענק זייַנ בלייכ אופּגערעגט פּאָנעם, זייַנ ענטפֿער: „ניט אָפּלאָזנ קאָנ איכ דיכ ניט נאָר איכ זאָג דיר, אז דעמאָלט פֿאָר איכ אייַנזעם מיט דיר”.

די ניט־דערלאָזבארקייַט אוועקשטעלנ אימ אינ אזא לאגע האָב איכ פֿארשטאנענ, אונ איכ בינ געפֿאָרנ ווייַטער, אונ נאָכדעם האָב איכ שוינ געזענ, אז קיינ געלט וואָלט מיר אויכ ניט געסטייַעט אפּ צוריק. נאָר מייַנ צושטאנד איז געווענ אפּ אזויפֿיל שלעכט, אז ס׳האָט מיכ אפּילע געצויגנ זיכ אראָפּוואַרפֿנ פֿונעם צוג, פֿונ דער שיפּ, אונ מיר דאכט, אז נאָר דער באוווסטזייַנ, וויפֿל איכ וועל אימ דורכ דעמ פֿאר־שאפֿנ צאָרעס, האָט מיכ אָפּגעהאלטנ. איכ געדענק זייַנ פּילבארע באציִונג, וויִאזוי ער האָט ערגעצ אפּ א סטאנציע מיר געוואָלט קויפֿנ א בינטעלע „אגיוטעס אייגעלעכ”. — „דו האָסט זיי, דאכט זיכ, ליב?” — האָט ער געזאָגט. אונ איכ האָב געענטפֿערט: „איצטער גייענ זיי מיר ניט אָנ”. באנאכט האָבנ זיכ מיר פֿאָרגעשטעלט קאָשמארנ, אונ איכ בינ געקומענ צו פֿאָרנ אהיימ אינ א דעפּרעסיע, קראנק.

איכ געדענק, וויִאזוי די מאמע האָט א פּאטש געטאָנ מיט די הענט, דערזעענדיק מיכ אזא—אָ, אונ סאשע האָט א קוק געטאָנ אינ מייַנ זייַט, ווי מיר האָט זיכ אויסגעדאכט, מיט א פֿאָרוואורפֿ, וואָס בא מייַנ דע־מאָלטיקנ צושטאנד איז דאָס געווענ ענלעכ אפּ א שמיצ מיט אנ אראפּניק.

אונ דעמ גאנצנ זומער איז בא מיר געווענ א געדריקט געמיט, איכ בינ געווענ אזויווי ווילד, איכ האָב שטארק געליטנ פֿונ זעלבסט־פּייַניקונג, פֿלעג גיינ צומ טאטנ אפּנ קייווער, בינ געווענ קראנק מיט עפּעס מאָדנע, שרעקלעכע פֿיבער־צופֿאלנ, וואָס פֿלעגנ זיכ רעגולער איבערכאזערנ קימאט אלע דרייַ וואָכנ.

פֿיסארעוו זאָגט אינ איינ אָרט, אז פֿאר דער יוגנט, וואָס האָט נאָכ ניט איבערגעלעבט קיינ שומ צופֿאלנ, איז כאראקטעריסטיש דאָס האָבנ וועגנ זיכ א שטארק גרויסע מיינונג; ס׳דאכט זיכ דיר, בערג וועסטו

קערן; נאָר אָט קומט א שווערע איבערלעבונג, גיט דיך א שלעפּ אראָפּ פון דער הייך און באווײַזט דיר דײַנ ספּעציפישנ געוויכט. און אזא צוזאמענשטויס מיט דערווירקלעכקײַט קאָנ אמאָל זײַנ פון אזא קראפט, און די איבערלעבונג אזוי ווייטעקדיק, אז ס׳שטעלט אמאָל אינ געפאר די גאנצע פּסיכיק. אָנ שום סאָפעק, אז איך האָב אינ יענער צײַט איבערגעלעבט עפּעס ענלעכס אפּ דעם, און מײַנ פּסיכישער צושטאנד איז דעמאָלט געווענ ווײַט ניט קיינ נאָרמאלער.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אפּ דעמדאָזיקנ פארשאָלטענעם צושטאנד אינ א געוויסער מאָס דערפאר, ווײַל דאָס שטרײַכט נאָך מער אונטער די קראפט און אויסגעהאלטנקײַט פון סאשענ,—ניט געקוקט אפּ דער טיפקײַט פון זײַנע איבערלעבונגענ און אויך אפּ דער טיפקײַט און פּילבארקײַט, וואָס ער האָט ארויסגעוויזנ בענעגייע צו מיר. ער איז פאר מיר געווענ אנ עמעסער אָנשפּאר־קויעך. איך ווייס ניט, וואָס וואָלט געווענ מיט מיר פאָרגעקומענ, ווענ איך זאָל דעמאָלט געווענ בלײַבנ איינע אליינ אינ פּעטערבורג. פּונקט אינ א יאָר ארום, א טאָג צו א טאָג, אויך דעם 19־טנ מײַ, בינ איך ארויסגעפאָרנ מיט דער מאמענ פון פּעטערבורג שוינ נאָך זײַנ טויט, גלײַך אזויווי נאָר צוליב דעם, קעדיי אינ זיקאָרנ זאָל בוילעט קלאָרער אופשטיינ דאָס פאָרנ מיט אים, זײַנ פּילבארע אופמערקזאמקײַט און דאָס, וויאזוי איך האָב אים געמוטשעט.

און ווײַטער האָט דערדאָזיקער שווערער צושטאנד מיך אינ דעם לעצטנ יאָר אביסל דערווײַטערט פונ סאשענ. אים, דעם שטארקנ, דעם אויסגעהאלטענעם, האָט מײַנ דעמאָלטיקע נערוועזקײַט געדארפט אויסזענ ווי עפּעס א נעבעכדיקע ווילנ־צעפלאָסנקײַט, און איך האָב אזוי שטארק זיך געשעמט פאר דעם, איך האָב זיך אזוי גערעכנט פאר נידערגעפאלנ אינ זײַנע אויגנ, אז איך האָב זיך שוינ צום איבעריקנ באהאלטנ אינ זיך, און פלעג אים אויסמײַדנ נאָך מער ווי אנדערע. סאשע איז געגאנגענ מיט גיגאנטישע שפּאנ פאָרויס, האָט אסאך געארבעט, און איך האָב זיך געגריבלט אינ זיך, געהאלטנ אינ איינ קוקנ אפּ צוריק, צעלאָזט די נערווג, געוואָרנ אויסגעדארט... און דאָס איז פּונקט געווענ אינ דעם זומער, ווענ ער האָט זיך אינגאנצנ ארײַנגעטאָנ אינ שטודירנ געזעלשאפטלעכע פראגעס,—דער זומער, וואָס האָט געהאט אזא

גרויסנ באַטייַט פאַר זייַנע זיכ פאָרמירנדיקע פּאָליטישע אָנשויונגענ.
איכ האָב אָפטמאָל געקוקט מיט קינאָ אפ זייַנע ביכער, נאָר איכ האָב
דעמ זומער קימאַט גאָרניט געקאָנט לייענענ, אונ אָט דער באַוווּסטזייַנ
האָט געמאַכט מיכ נאָר מער נישטיק אינ מייַנע אייגענע אויגנ.

אָט די אָנ אַנ ערעכ אַסאַכ גרעסערע דערווייַטערטקייַט פונ סאַשענ,
אינ פאַרגלייַכ מיט די פריִערדיקע צייַטנ, האָט זיכ געווּיס געצויגנ אויכ
שפּעטער נאָכ אונדזער באַזעצנ זיכ אינ פּעטערבורג אפ דעמ לעצטנ־
שטודיר־יאָר. די מוירע אַרייַנצינען מיכ אינ קרייַז פונ זייַנע אידייענ, נע־
מענ אפ זיכ די פאַראַנטוואָרטלעכקייַט אינ דעמ פאַר דער מאַמענ, האָט
זיכ נאָכ געקאָנט מער פאַרקאָמפּליצירנ דורכ דעמ, וואָס מייַנ נערוונ־
סיסטעמ האָט זיכ אַרויסגעוויזנ פאַר אַזאַ ניט־שטאַנדהאַפטיקער. מיט
דעמ דערקלערט זיכ, ווייַזט אויס, אויכ דאָס, וואָס פאַרטראַכטנדיק זיכ
באַזעצנ אייניינעמ מיט טשעבאָטאַריאָווּנ, האָט סאַשע אָפּגעוואָרפנ טשע־
באָטאַריאָווס פאָרשלאַג אַרייַנעמענ אינ קאָמפּאַניע מיכ אויכ. אַזוי האָט
ער טאַקע געזאָגט טשעבאָטאַריאָווּנ, — וועגנ דעמ האָב איכ זיכ שוינ
דערוווּסט נאָכ זייַנ טויט, — אַז איכ ווייַז ניט אַרויס קיינ שטרעבונג צו
געזעלשאַפטלעכער טעטיקייַט, אונ די באַקאַנטע, וואָס קומענ צו אימ
צו גיינ, קאָנענ מיכ נאָכ קאָמפּראָמעטירנ. אונ מיר האָט סאַשע נאָר
געזאָגט, אַז פאַר מיר איז גלייַכער זיכ באַזעצנ אינ זייַנ פריִערדיקנ צי־
מער, בא אַ גוטער אויסגעפּרוווטער באַלעבאָסטע, איידער גיינ אפ אומ־
באַקאַנטס, — אַז ער וועט וווינענ אפ דערזייַטיקער פּעטערבורגער זייַט, אונ
מיר וועלנ זיכ קענענ אָפט זענ. נאָר מיכ האָט דאָס ניט באַרויִקט, איכ
האָב זיכ אַ טראַכט געטאָנ — „סאַשע וויל זיכ איצט ניט באַזעצנ מיט
מיר”, — אונ האָב זיכ ווייטיקדיק אייַנגעשרומפּנ אינ זיכ.

סאַשעס מיינונג איז בא מיר געווענ דאָס טייַערסטע פונ קינדווייַז
אָנ, אונ אָט האָב איכ דאָס אַליינ קאַליע געמאַכט.

מיר איז אויסגעקומענ זייער אינטענסיוו צו אַרבעטנ אפ די קורסנ,
קעדיי אָניאָגנ דאָס דורכגעלאָזטע, קעדיי ניט בלייַבנ פאַס אויכ אינעמ
לעצטנ יאָר. איכ האָב גענומענ אַ פאַקולטעט־אַרבעט איבער געשיכטע,
וואָס איכ האָב געדאַרפט לייענענ סאָפ נאָיאַבער, אונ בינ אַסאַכ געזעסנ
איבער איר אינדערהיימ אונ אינ די ביבליאָטעקנ. איכ האָב אויכ געש־
ריבנ דעמ אויבנדערמאָנטנ רעפעראַט פאַר דעמ היסטאָרישנ לאַנדסמאַנ־

שאַפֿט־קרײַזל. דאָס עקאָנאָמישע קרײַזל, וועגן וועלכן ס'האָבן מיט פֿאַרכאַפּונג דערציילט טשעבאָטאַריאָוו און יעליזאַראָוו, און זיי האָט מיט אַ גרעסערער אופֿגעמונטערטקייט, ווי געוויינלעך, סאַשע אויך אונ־טערגעהאַלטן, האָט מיך זייער געצויגן צו זיך, נאָר אַזוי־ווי איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געהאַט גאָרניט געלייענט איבער די פֿראַגעס פֿון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, האָב איך ניט געהאַט קיין מוט זיך אַרײַנבעטן אין אַזאַ קלוג קרײַזל.

איך געדענק, וויאַזוי אין אָט דעם לעצטן האַרבסט האָב איך איינ־מאָל אַ פֿרעג געטאָן דעם ברודער:

— זאָג מיר, וואָסערע הויפּט־פֿעלערן איז בײַ מיר?

— דאָס, וואָס דו האָסט ניט קיין באַשטימטע געזעלשאַפֿטלעכע אָנשויונגען, — האָט ער אָפּגעענטפֿערט אָפֿן אָרט, ניט געקלערט, — און נאָך אַ געוויסע ניט־גאַנצקײַט אין כאַראַקטער. און ווײַטער... נאָר ניין, מער גאָרניט.

— ניין, זאָג, סאַשע, דו האָסט דאָך געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, — האָב איך געבעטן, איבעראַשט פֿון דעם, וואָס ער האָט בײַ מיר געפֿונען אַזוי ווייניק כעסרוינעס.

— ניין, מער גאָרניט, — האָט ער געזאָגט אַנטשלאָסן, — ניט קיין גאַנצקײַט אין כאַראַקטער.

און אַזוי האָט ער מיר טאַקע ניט געזאָגט, וואָס ער האָט געמיינט. מיס־טאַמע געמיינט עפּעס אַ מער נעגאַטיוון שטריך, נאָר צוליב דעם, קעדיי ניט זײַן שאַרף, האָט ער דאָס אונטערגעפֿירט אונטער דער פֿאָרמולירונג „ניט קיין האַרמאָנישער כאַראַקטער". ער האָט דאָך אַזוי שטענדיק מוירע געהאַט צופֿיל פֿאָדערן פֿון יענעם, זײַן צו האַרב קריטיש צו יענעם!

אין אַ בריוו צו דער קוזינע, ווו ער גיט איר כאַראַקטעריסטיק, בעט ער אַנטשולדיקן אים פֿאַר דער שאַרפֿקײַט פֿון זײַנע מיינונגען, צושרײַבנ־דיק דאָס אַלץ זײַן שלעכטן כאַראַקטער, זײַן פֿעיִקײַט קלוימערשט פֿריִער פֿון אַלץ זען דאָס שלעכטע אין מענטשן. זייער כאַראַקטעריס־טיש פֿאַר סאַשען, וואָט איטלעכן האָט זיך געוואָלט וויסן בײַ אים זײַן מיינונג וועגן זיך, וואָס ס'איז אַזוי פּאַשעט, גרינג זיך געווען ווענדן צו אים! דאָס געפֿיל פֿון אייגנליבע, וואָס איז אייגנטימלעך אַלעמען, אָדער

דאָס באשיצנ זײַנ אײגענע אינדיװידואליטעט האָט בא אימ אינ דעמ פאל אינגאנצנ ניט עקזיסטירט.

די בריװ צו דער קוזינע גיט זײער א ריכטיקע כאראקטעריסטיק פונ דעמ מענטשנ, אונ נאָכ מער װי דעמ אָביעקט פונ דער כאראקטעריסטיק, כאראקטעריזירט זי דעמ כאראקטעריסטיק־געבער אלײנ, זײַנ פעיִקײַט צומ טיפנ אנאליז, א שטרענג לאָגישנ, װאָס שטעלט זיכ ניט אָפּ פאר קײנ פײַנטלעכע אויספירנ. „איכ פארבאהאלט קײנ קאפעלע ניט װעגנ דער װירקונג, װאָס די בריװ קאָנ האָבנ אָפ אונדזערע באציִונגענ,״ — שרײַבט ער דאָרט. אונ איכ האָב שוינ דערמאָנט, אז אלעקסאנדער איליטש האָט טײַער געהאלטנ דידאָזיקע באציִונגענ.

אונ אינ דערזעלבער צײַט װי פילבאר, װי דעליקאט אָט דער שטרענגער קריטיקער איז געװענ! זײַנ אנאליז פונ יענעמס כאראקטער אונ דאָס אָנװײַזנ פעלערנ—זײַנע פרעמד געװענ דעמ מינדסטנ גערפיל פונ שטעלנ זיכ העכער פונ אלעמענ, װאָס אינ א יונג באָכערל איז מער װי נאטירלעכ, נאָר ער איז געװענ גענויגט צוצושרײַבנ די גאנצע שארפקײַט אונ אופמערקזאמקײַט פונ זײַנ קריטיק — זײַנ „אײגענעמ שארפנ ביטערנ כאראקטער״. די אופריכטיקײַט פונ אנאליז האָט זיכ בא אימ צוזאמענגעגאָסנ מיט א זעלטענער כאװערישער פילבארקײַט. א מענטש, װאָס גײט מיט אזעלכע גיגאנטישע שפאנ פאָרויס, איז ניט נאָר װאָס ער בארימט זיכ ניט מיט דעמ, נאָר מוירע האָבנדיק מער פונ אלצ באלײדיקנ,— בעט ער מיט עפעס א טרויעריקער צערטלעכקײַט אנטשולדיקנ אימ פאר זײַנ קאטעגאָרישקײַט.

דעמזעלביקנ הארבסט האָב איכ בא אימ געפרעגט זײַנ מײנונג אויכ װעגנ װאָלאָדיענ. װינטער 1885־1886 האָב איכ אסאכ געשפאצירט אונ געשמועסט מיט װאָלאָדיענ. דאָסזעלבע פלעג טרעפנ אויכ דעמ לעצטנ זומער, צומ סאָפ שוינ,—װענ איכ האָב שוינ אָנגעהויבנ צוביסלעכ קומענ צו זיכ אונ געװאָרנ פעיִק הערנ א פרײלעכ גלײַכ װערטל, א שארפזיניק װאָרט, זיכ פארװײַלנ מיט דעמ, אָנטײל נעמענ אינ דעמ.

אונדזערע שמועסנ האָבנ טאקע צומײַנסטנ געטראָגנ אזא כאראקטער. װאָלאָדיע האָט דעמאָלט איבערגעלעבט יענעמ איבערגאנג־עלטער, װענ ייִנגלעכ װערנ באזונדערס בײז אפ דער צונג אינ האָנערדיק. אינ אימ, פונ שטענדיק אָנ זײער א לעבעדיקנ אונ זיכערנ אינ זיכ,— האָט זיכ

עס ארויסגעוויזנ באזונדערס בוילעט,—ווער שמועסט דעמאָלט נאָכ דעמ טאַטנס טויט, אז ס'איז שוינ ניט געווענ, ווער ס'זאָל ווירקנ אפ אימ אביסל איינצאמענדיק. איכ געדענק, אז דידאָזיקע קאטעגאָרישקייט אינ וואָלאָדיעס מיינונגענ אונ זיינ האלטונג האָט מיכ אליינ אויכ עטוואָס שאָקירט. באמערקט האָב איכ אויכ, אז סאשע האָט אונדזערע גרינגע שמועסנ מיט וואָלאָדיענ ניט אונטערגעהאלטנ, אונ א פאָר מאָל, וועדליק מיר האָט זיכ אויסגעדאכט, האָט ער עטוואָס קריטיש א קוק געטאָנ אינ אונדזער זייט. רעכענענדיק זיכ שטענדיק שטארק מיט זיינ מיינונג, האָב איכ אינ דעמ זומער באזונדערס קרענקלעכ אופגענומענ זיינ יעדער קריטישנ בליק. אונ אָט אינ דעמ הארבסט האָב איכ אויסגעפרעגט זיינ מיינונג וועגנ וואָלאָדיענ. איכ געדענק אפילע די פאָרמ, אינ וועלכער איכ האָב אימ געפרעגט.

— ווי געפעלט דיר אונדזער וואָלאָדיע?

אונ ער האָט געענטפערט:

— אָנ שומ ספק א מענטש זייער א פעיִקער, נאָר מיר גייענ זיכ מיט אימ פאַגאנדער (אָדער אפילע — „צעגייענ זיכ אינגאנצנ”, דעמ ניר־אנס געדענק איכ ניט אפ זיכער, נאָר איכ געדענק, אז ס'איז געווענ ארויסגערעדט אנטשלאָסנ אונ באשטימט).

— פארוואָס? — האָב איכ, נאטירלעכ, געפרעגט.

נאָר סאשע האָט ניט געוואָלט דערקלערנ פארוואָס. „אזוי”, — האָט ער נאָר געזאָגט,—אונ שטויט זיכ אליינ אָנ,—הייסט עס. איכ האָב זיכ עס מיר דערקלערט מיט דעמ, וואָס סאשענ זיינענ ניט געווענ געפעלנ יענע שטריכנ אינ וואָלאָדיענ, וואָס האָבנ אביסל שאָקירט מיכ אויכ, נאָר ווייניקער: זיינע איראָנישע ענטפערנ, כוצפעדיקייט, ייִנגלשע איבער־געטריבנקייט, גרויסהאלטנ זיכ, באזונדערס, ווענ ער האָט עס ארויס־געוויזנ בענעגייע דער מאמענ; ער האָט איר אויכ אָפט אָנגעהויבנ אָפענטפערנ גאנצ שארפ, ניט אזוי ווי בעייס דער טאטע האָט געלעבט. איכ געדענק סאשעס קריטישע בליקנ בא אזעלכע ענטפערנ. ער, וואָס האָט אזוי טיפ איבערגעלעבט דעמ טאטנס טויט, וואָס האָט אזוי געווייטעקט פאר דער מאמענ, אליינ שטענדיק אזא איינגעהאלטענער אונ אופמערקזאמער, האָט באזונדערס, פארשטייט זיכ, געדארפט זיינ אופגעבראכט פאר יעדער שארפקייט בענעגייע דער מאמענ.

דידאָזיקע מײַנע דערקלערונג האָט זיכ נאָכ באַשטעטיקט מיט דעמ, וואָס די מאמע האָט דערציילט מיט א זומער שפּעטער, שוינ נאָכ סאַשעס טויט. זי האָט מיר דערציילט, אז איינמאָל, ווענ וואָלאָדיע מיט סאַשענ זײַנענ געזעסנ בא א שאָכ, האָט זי דערמאָנט וואָלאָדיענ וועגנ עפּעס א זאכ, וואָס זי האָט אימ געבעטנ, ער זאָל אָפּטאָנ, אונ ער האָט ניט אָפּגעטאָנ. וואָלאָדיע האָט גאנצ אופמערקזאמ געענטפערט עפּעס וואָס, אונ האָט זיכ אַלצ ניט געכאַפּט גײנ. די מאמע, ווײַזט אויס, שוינ שטארק באַרויגעז, האָט געפֿאָדערט... וואָלאָדיע האָט ווידער געענטפערט מיט עפּעס א גרינג ווערטל אונ זיכ אַלצ ניט גערירט פונ אָרט.

— וואָלאָדיע, אָדער דו גייסט באַלד אונ טוסט אָפּ דער מאמענ דאָס, וואָס זי הייסט דיר, אָדער מער שפּיל איכ מיט דיר ניט, — האָט אימ סאַשע געזאָגט רויִק, נאָר אַזוי פעסט, אז וואָלאָדיע איז טייקעפּ אופגעשטאַנענ אונ אָפּגעטאָנ, וואָס מע האָט פונ אימ געפֿאָדערט.

איכ געדענק, מיט וואָס פאר א טיפ־רירנדיקנ געפֿיל די מאמע האָט מיר דערציילט וועגנ דעמדאָזיקנ פאל מיט סאַשענ.

פארגלײַכנדיק אָט דעמ עפּיזאָד מיט מײַנע אייגענע אײַנדרוקנ אונ אויכ מיט דעמ, וויאַזוי וואָלאָדיע פלעג זיכ דעמאָלט האַלטנ אונ מיט וואָס ער פלעג זיכ אינטערעסירנ, האָט זיכ בא מיר געשאַפנ א זיכערע איבערצײַגונג, אז סאַשע האָט געהאט אינ זינענ אָט דידאָזיקע שטריכנ אינ וואָלאָדיענ, ווענ ער האָט ארויסגעזאָגט זײַנ מיינונג וועגנ אימ. פונ דעמ, וואָס איכ דערמאָנ זיכ אַליינ אונ אויכ פונ די זיכרוינעס בא אנדערע וועגנ סאַשענ, איז צו זענ, אז יעדער מינ אָפּלאַכ־וואָרט אונ רייצ־מאניר זײַנענ לאַכלוטנ געווענ פרעמד סאַשעס נאַטור. ניט נאָר ער האָט אַליינ קיינמאָל פונ קיינעמ ניט אָפּגעלאַכט, נאָר ער פלעגט אפילע רעאגירנ קרענקלעכ, אז ער האָט עמעצנ אנדערש געהערט אָפּלאַכנ פונ יענעמ.

אינ וואָלאָדיענ, פארקערט, איז איבערהויפּט, כאַראַקטעריסטיש א געוויסע אירָניע, אונ אינ יענעמ איבערגאנג־פעריָאָד באַזונדערס.

אונ סאַשע — דעמ זומער נאָכנ טאַטנס טויט, ווענ אינ אימ, ווי ס'ווײַזט אויס, האָט גענומענ צײַטיק ווערנ דער באַשלוס אָפּצוגעבנ זיכ דער רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט, איז עפּעס געווענ גאָר אינ אַנ אויס־

נאָמ־שטימונג — אפילע פאר אימ, וואָס איז פונ שטענדיק געווענ ווײַט פונ אויבנופיקער באַציִונג.

מיט דעמ דערקלער איכ אויכ סאשעס קאַטעגאָרישע מעלדונג, וואָס האָט מיכ דעמאָלט איבעראשט, כאָטש דער כילעק אינ דער נאטור צווישנ ביידע ברידער האָט זיכ שוינ אָנגעזענ פונ דער קינדהײַט אָנ, אונ נאָענט אײנער מיט דעמ אנדערנ זײַנענ זײ קײנמאָל ניט געווענ, ניט געקוקט אפ דעמ גוואלדיקנ אָפשײַ פונ וואָלאָדיענ צו סאשענ נאָכ פונ די פריסטע יאָרנ אָנ אונ זײַנ שטענדיקנ ווענ אימ נאָכטאָנ. אסאכ א גרעסערע סימפּאַטיע האָט בא סאשענ ארויסגערופנ צווישנ די ייִנגערע קינדער אָליע, וואָס איז מיטנ כאראקטער געווענ אסאכ ענלעכ אפ סאשענ.

איכ ווייס, אז אזא באַציִונג פונעמ עלטערנ ברודער, אנ אָנטײל־נעמער אינ א טעראָריסטישנ אקט, צומ קלענערנ, א סאָציִאַל־דעמאָקראט, וועט אסאכ מענטשנ אינטריגירנ ארויסדרינגענ פונ דעמ די באהויפּטונג, וואָס בעט זיכ אלײנ אונ איז גרינגער פונ אלצדינג: די ברידער זײַנענ זיכ ניט צונויפגעגאנ אינ זייערע פּאָליטישע אָנשויונגענ. נאָר אזא קלוי־מערשט נאטירלעכע דערקלערונג וואָלט ערשט געווענ די סאמע ניט ריכטיקסטע. וואָלאָדיע איז אינ דעמ לעצטנ זומער, וואָס ער האָט פאר־בראכט מיטנ עלטערנ ברודער, אלט געווענ זעכצנ יאָר. אינ יענע צײַטנ האָט די יוגנט, באזונדערס אינ דער טויבער פּראָווינצ, וואָס ווייסט ניט פונ קײנ געזעלשאפטלעכנ לעבנ, זיכ פּאָליטיש באשטימט ניט אזוי פרי, ווי איצינד. אינ דעמזעלבנ יאָר, ווינטער, בעייס איכ פלעג אסאכ פאר־ברענגענ אינ שמועסנ מיט וואָלאָדיענ, איז ער געווענ זייער אָפּאָזיציִאָנעל געשטימט צו דער גימנאזיסטישער נאטשאלסטווע, צו די גימנאזיס־טישע לימודימ אונ אויכ צו רעליגיע, אונ האָט זיכ ניט געפוילט א שפּאס צו טאָנ איבער די לערער אויכ (אינ די שפּאסנ האָב איכ זיכ אלײנ אויכ באטײליקט). מיט אײנ וואָרט—ער איז געווענ, אזוי צו זאָגנ, אי־נעמ פּעריִאָד פונ אראָפּשלײַדערנ אווטאָריטעטנ, אינעמ פּעריִאָד פונ דער ערשטער, וואָלט איכ געזאָגט, ייִנגלש־קריטישער אויספאָרמירונג פונ דער פּערזענלעכקײַט.

נאָר אויסער דער נעגאציע־באַציִונג צו דער ארומיקײַט — בא אימ האָט זיכ דאָס קאָנצענטרירט מער פונ אלצ אינ דער באַציִונג צו דער גימנאזיע — איז אינ אונדזערע שמועסנ קײנ שומ באשטימט־פּאָליטישעס

ניט געווען, און איך בין איבערצײַגט, אַז בײַ אונדזערע דעמאָקראַטיש באַציִונגען וואָלט וואָלאָדיע פאר מיר ניט באַהאַלטן זײַנע פּאָליטישע אײַנטערעסן, ווען ער זאָל געווען אַזעלכע האָבן, און וואָלט פון דער זײַט געווען זיך דערפרעגט בײַ מיר וועגן דעם פּעטערבורגער לעבן.

אין זײַן גאַנצן לעבן האָט ער זיך שטענדיק מיט דער גאַנצער נעשאָמע אָפּגעגעבן זײַנע הויפּט־שטרעבונגען. ניט אין זײַן נאַטור איז געווען אויסבאַהאַלטן עפּעס וואָס אין זיך. זומער, געדענק איך, האָבן מיר ביידע מיט סאַשען זיך געכּידעשט אויף דעם, צוזעענדיק, וויאַזוי וואָלאָדיע קאָן עטלעכע מאָל דורכלייענען טורגעניעוון. ער ליגט בײַ זיך אויפן בעטל, לייענט איינמאָל איבער, נאָכדעם ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל — און דאָס איז געווען אין יענע כאַדאָשים, ווען ער האָט געוווינט מיט סאַשען אין איין צימער, און סאַשע איז געשמאַק געזעסן איבער מאַרקסן און איבער אַנדערער פּאָליטיק־עקאָנאָמישער ליטעראַטור, מיט וועלכער די ביכער־פּאָליצע איבער זײַן טיש איז געווען ענג פאַרשטעלט.

אין האַרבסט, וואָס נאָך דעם זומער, שוין נאָך סאַשעס אומקומען, אויב מע זאָל גלייבן די זיכרוינעס פון איינעם וואָלאָדיעס אַ כאַווער (קוזנעצאָוו), האָבן זיי אײַנצווייען מיט וואָלאָדיען אָנגעהויבן איבערזעצן פון דײַטש מאַרקסעס „קאַפּיטאַל". די אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די ערשטע זײַטן, וואָס ס'איז געווען צו דערוואַרטן: ווי זײַנען יונגע גימנאַזיסטלעך געווען אימשטאַנד אויספירן אַזאַ אונטערנעמונג!. דאָס איז געווען אַ שטרעבונג נאָכטאָן דעם ברודער, זוכן פאַר זיך וועגן פאַרשטייט זיך, נאָר ניט מער. לייענען מאַרקסן האָט וואָלאָדיע ערשט אָנגעהויבן אינעם 1888־89 יאָר אין קאַזאַן אין רוסיש.

איז אָט, קיין באַשטימטע פּאָליטישע אָנשויונגען איז בײַ וואָלאָדיען אין יענער צײַט נאָך ניט געווען.

פון דער צווייטער זײַט, האָט סאַשע, ווי ס'איז צו זען פון אַ רײַ דערינערונגען בײַ מיר און בײַ אַנדערע כאַווירים, זומער פון 1886 יאָר ניט אָנגעהערט צו קיין שום פּאַרטיי. אָן שום סאָפעק, אַז דעם וועג פון אַ רעוואָליוציאָנער האָט ער פאַר זיך שוין געהאַט אָנגעצייכנט, נאָר דעם זומער האָט ער זיך ערשט גענומען שטודירן דעם „קאַפּיטאַל", געפּאָרשט די רוסישע ווירקלעכקײַט. אויפן געריכט האָט

ער געזאָגט, אז ער רעכנט פארנ טאמע ריכטיקסטנ דעמ קאמפ דורכ פראָפאגאנדע אונ אגיטאציע. אפנ פארהער בא דער אויספאָרשונג האָט ער געזאָגט, אז דער אלגעמיינער טייל פונ דער פראָגראמ, וואָס ער האָט אויסגעזעצט אינ דער וווינונג בא פילסודסקינ, האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט א פראָעקט פונ פארייניקנ די פארטיי „נאראָדנאיא וואָליא" (פארטיי פונ פאָלקס־פרייהייט) מיט דער סאָציאל־דעמאָקראטישער, אונ אינ דער פראָגראמ פונ דער טעראָריסטישער פראקציע פונ דער פארטיי „נאראָדנאיא וואָליא", וואָס ער האָט אופגעשטעלט לויטנ זיקאָרנ, האָט ער באטאָנט, אז צו די סאָציאל־דעמאָקראטנ באציט זיכ זייער פראקציע ניט פיינטלעכ, נאָר ווי צו נאָענטסטע כאווערימ.

אזוי ארומ, איז אויכ אידעאָלאָגיש „ניט צונויפגייג זיכ" מיט א מענטשנ, וואָס איז געגוינט צו סאָציאל־דעמאָקראטיע, האָט בא אימ ניט געקאָנט האָבנ קיינ אָרט.

אונ ווייטער איז סאשע געווענ אנ אָפגעשלאָסענער, אויסגעהאלטענער מענטש. אויב ער האָט פראָטעסטירט קעגנ צוציענ יונגעלייט, וואָס האָבנ זיכ נאָכ ווי עס געהער צו זיינ אידעאָלאָגיש ניט באשטימט, אינ דער אייליקער באמ צוגרייטנ דעמ טעראָריסטישנ אקט, אונ איז געווענ קעגנ דעמ גייסטיקנ אונ אינטעלעקטועלנ דרוק אפ זיי, אויב צוליב דערזעלבער סיבע האָט ער זיכ געהאלטנ קאָנספיראטיוו בענעגייע צו מיר אונ האָט אָפגעוואָרפנ דעמ פאָרשלאג זיכ באזעצנ מיט מיר אפ איינ וווינונג—ווערט ער, צענ מאָל מערער נאָכ, ניט גיינ ריידנ אפ דער טעמע מיט זיינ יינגערנ ברודער, א גימנאזיסטל—באזונדערס אינ דעמ יאָר פונעמ טאטנס טויט, ווענ די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דער מאַמענ בענעגייע די קלענערע קינדער האָט ער געפילט באזונדערס שארפ. אונ ווי איכ האָב שוינ געזאָגט, איז ער געווענ א קעגנער פונ דעמ מינדסטנ דרוק אפ יענעמ, לאָזנדיק איטלעכנ זיכ אליינ זעלבשטענדיק אויספורעמענ. אונ וואָלאָדיע אליינ, וואָס האָט פיל גערעדט מיט מיר אינ די שפעטערדיקע יאָרנ וועגנ פארטייענ אונ זיינע אייגענע אָנשויונגענ, וואָלט מיר געוויס געווענ דערציילט, ווענ צווישנ זיי זאָל געווענ פאָרקומענ וואָסערע ניט איז שמועסנ אפ דער טעמע.

ס'איז אויכ אינטערעסאנט צו פארגלייכנ מיט דעמ דאָס, וואָס ס'דערציילט אי. כ. לאלאיאנצ. אפ דער פראגע וועגנ דעמ איניענ פונ אלעק־

סאנדער איליטש, האָט וולאדימיר איליטש געענטפערט: „פאר אונדז אלע איז זײַנ אָנטייל אינ טעראָריסטישנ אקט געווענ אינגאנצנ אנ אומגעריכטע זאכ. עפשער קאָנ זײַנ, אז די שוועסטער (געהאט אינזינענ מיכ) האָט עפּעס יאָ געוווסט, איכ האָב פונ גאָרנישט ניט געוווסט".

קלאָר, אזוי ארומ, אז די פאָרשטעלונג וועגנ דעמ, אז סאשעס מיינונגענ וועגנ וואָלאָדיענ זײַנענ געווענ ארויסגערופנ דורכ פּאָליטישע כעלוקעדייעס, דארפ אינגאנצנ אָפּפאלנ. אינ גרונט פונ דעמ האָט נאָר געקאָנט ליגנ די פארשיידנקײַט פונ זייערע כאראקטערס, וואָס האָט זיכ איבער די אָנגעוויזענע סיבעס באזונדערס בולעט באוויזנ אינ דעמ לעצטנ זומער,—פארשיידנקײַט, וואָס נאָר סאשע אליינ האָט עס אנערקענט אונ פאָרמולירט; פונ וואָלאָדיענ האָב איכ קיינמאָל קיינ איינ וואָרט וועגנ דעמ ניט געהערט. ווײַזט אויס, אז סאשע, אדאנק זײַנ גוואלדיקער אויסגעהאלטנקײַט האָט וועגנ דעמ גאָרניט געזאָגט דעמ יינגערנ ברודער, אונ נאָכ דעמ ברודערס טויט האָב איכ, פארשטייט זיכ, גאָרנישט ניט געפּרוווט זאָגנ וואָלאָדיענ וועגנ אָט דער מיינונג. איכ האָב פארשטאנענ, אז איכ וועל אימ פארשאפנ נאָר אומזיסט ווייטעקנ, ניט זײַענדיק אייגנטלעכ אפילע אימשטאנד פינקטלעכ צו דערקלערנ, אוואָסער כאראקטער־פארשיידנקײַט האָט סאשע געהאט אינזינענ.. דער אומקומ פונ סאשענ, אזא באליבטנ אונ געאכטעטנ פונ אלע אונדז, האָט זיכ אָנ דעמ אויכ געענוג ווייטעקדיק איבערגעלעבט, אז איכ זאָל נאָכ קאָנענ פארשאפנ איבעריקנ צאר דורכ דער מיינונג פונ סאשענ, וועלכע וואָלאָדיע האָט שוינ סײַוויסײַ ניט געקאָנט ענדערנ. מיר דאכט, אז אלע מיר האָבנ זיכ נאָכ אונדזער אומגליק אופגעהאלטנ נאָר דורכ דעמ, וואָס מיר האָבנ געשאָנעוועט איינס דעמ אנדערנ. אונ כוטשדעמ האָב איכ אינגאנצנ די ערשטע יאָרנ ניט געקאָנט ריידנ פונ סאשענ, סײַדנ אמאָל מיט דער מאמענ. אונ ווײַטער האָב איכ גערעכנט, אז סאשעס מיינונג האָט זיכ באזירט דעריקער אפ דער עטוואָס יינגלשאיבערגעטריבענער פארשארפטקײַט, וואָס איז נאָכ אונדזער אומגליק געוואָרנ באטײַטנדיק אָפּגעשוואכט, אונ מיט יאָרנ שפּעטער האָב איכ געזענ, האָט זיכ דאָס אלצ מער אונ מער נייטראליזירט.

נאָר געוויס, דער עלטערער ברודער איז אומגעקומענ צו יונג, מע זאָל קאָנענ זאָגנ, וואָסערע באציונגענ וואָלטנ זיכ געשאפנ צווישנ זיי שפּע־

טער. דאָס זײַנענ געווענ, אָנ שומ סאָפעק, זייער אויסטערלישע פּערזענלעכקײַטנ, יעדערער אַפ זײַנ אויפנ, נאָר אינגאַנצנ פאַרשיידענע אינדיווידואַליטעטנ. ביידע האָבנ זיי געפלאַקערט מיט שטאַרקנ רעוואָליוציאָנערנ פלאַמ. דער אומקומ פונעמ עלטערנ געליבטנ ברודער האָט, אָנ שומ סאָפעק, אימ צעבלאָזנ נאָכ שטאַרקער אינ ייִנגערנס האַרצנ. אונ דער עלטערער איז געווענ אינ דער ריכטונג פונ דעמ רעוואָליוציאָנערנ מאַרקסיזמ, וואָס ער האָט נאָכ דערווײַל געפרווּט באַהעפטנ אינײנעמ מיט דער „נאַראָדאָוואָלטשעסטוואָ", ווי די מערהײַט רעוואָליוציאָנערנ פונ יענער צײַט, נאָר ער וואָלט מיט דער צײַט געקומענ צו אימ ענדגילטיק. כוץ דער ווײַטערדיקער טעאָרעטישער אַרבעט וואָלט אימ צו דעמ געבראַכט דאָס לעבנ אַלײנ, וואָס האָט זיכ אַנטוויקלט אינ דערזעלבער ריכטונג. אַפ דעמ זאָגנ איידעס סײַ זײַנ פּראָגראַמ, סײַ די מיטיילונגענ אונ דערינערונגענ פונ זײַנע כאַווײרימ[1].

אָנגעהויבנ פונ האַרבסט 1886־טנ יאָר האָב איכ באַמערקט, אַז סאַשע האָט אָנגעהויבנ פירנ אַ מער געזעלשאַפטלעכ לעבנ. ער מיט טשעבאָטאַריאָוונ (אַ מאַטעמאַטיק, נאָר־וואָס געענדיקט דעמ קורס), אַ מיטגליד פונ דער סימבירסקער לאַנדסמאַנשאַפט, האָבנ אײַנצווייענ אָפּגעדונגענ צוויי צימערנ מיט אַ באַזונדער אַרײַנגאַנג אַפ אַלעקסאַנדראָווער פּראָספּעקט פונ דער פּעטערבורגער זײַט אינעמ הויז נומ. 25. דאָס איז געווענ אַ הילצערנ צווייגאָרנדיק הויז פונעמ געוויינלעכנ פּראָווינציעלנ שניט. צוויי צימערנ צו דער גאַס, אַנערעכ ווי אַ זאַל אונ אַ קאַבינעט. אינ די קלענערע, מיט די פענצטער צומ הויפ, האָבנ זיכ אײַנגעמאָסטעט די באַלעבאַטימ—גאַלמעלאָכעס; אינעמ שמאָלנ קאַבינעט מיט איינ פענצטער זײַנענ געשטאַנענ אינ איינ שורע צוויי בעטנ, אונ די ווענט אַקעגנ זײַנענ געווענ באַשטעלט מיט ביכער־פּאָליצעס פונויבנ ביז אַראָפּ. כוץ זייערע אייגענע ביכער איז אַפ די פּאָליצעס געווענ צעשטעלט די ביבליאָטעק פונ דער סימבירסקער לאַנדסמאַנשאַפט. דאָ האָט מענ צומיינסטנ געקאָנט קריגנ שטשעדרינס „מײַסעלעכ", וואָס זײַנענ דערשינענ אומלעגאַל, אָדער לעוו טאָלסטויס „אינ וואָס באַשטייט מײַנ גלויבנ", „איז וואָסזשע זאָלנ מיר טאָנ", „וואָס איז אזוינס געלט",

---

1) זע דעמ זאַמלבוכ: „אַלעקסאַנדער איליטש אוליאַנאָוו אונ די פאַרשווערונג פונעמ 1־טנ מאַרט".

„די ווידע". דאָס ערשטע צימער, דער זאל, איז געווענ אנ אופנעמ־צימער. ווער ס'האָט פונ זײ בײדנ געדארפט לערנענ, דער פלעג זיכ אָפזונדערנ אינ שלאָפ־צימער.

שוינ דער כאראקטער אלײנ פונ דער וווינונג, איר פאמיליענ־טיפ, האָט אָנגעוויזנ אפנ ווילנ צו פירנ א געזעלשאפטלעכ לעבנ. דער היפשער אופנעמ־צימער אונ די ביבליאָטעקנ פונ דער לאנדסמאנשאפט האָבנ, פארשטײט זיכ, געדארפט מאכנ דידאָזיקע דירע פאר א צענטראלנ אָרט פאר דער לאנדסמאנשאפט. אונ ווײטער, די פרײקײט אלײנ פונ די צימערנ האָט געצויגנ אהער די יוגנט פונ זײערע ענגע צימערלעכ, אָפגעצאמטע מיט דינע ווענטלעכ פונעמ באלעבאָס. איכ ווײס ניט, וועמעס איניציאטיוו איז געווענ צו באזעצנ זיכ אינ אזא דירע, מיר דאכט, אז טשעבאָטאריאָוו; יערנפאלס, סאשעס האסקאָמע אפ באזעצנ זיכ אינצווײענ, האָבנ אנ אלגעמײנעמ אופנעמ־צימער, באווײזט אז קײנ באשטימטער געדאנק זיכ פארנעמענ מיט גרײטנ זיכ צו טעראָר איז נאָכ בא אימ דעמאָלט ניט געווענ. בא אזעלכע קאוואָנעס זוכט מענ ניט צו אזעלכע וווינונגענ. אינ יאנואר כוידעש, ווענ דער באשלוס וועגנ אָנטײל אינ טעראָריסטישנ אקט איז געווענ ענדגילטיק אָנגענומענ, האָט סאשע פאָרגעלײגט טשעבאָטאריאָוו איבערבײטנ די דירע. „מײנ באטײליקנ זיכ אינ א געוויסנ ערנסטנ איניענ קאָנ אײַכ נאָכ קאָמפראָמעטירנ", — האָט ער אימ געזאָגט.

אונ סאשע האָט זיכ גענומענ צוזוכנ פאר זיכ אנ אנדערע קלענערע דירע, — אינ פארבינדונג מיט דעמ האָט ער אָנגעוויזנ מײנ אדרעס פאר א טעלעגראמע פונ ווילנע, — נאָר צוליב דער שטארקער פארנומענקײט די לעצטע צײט האָט ער ביז דעמ 1־טנ מארט ניט באוויזנ דאָס אויספירנ.

נאָר, אויב ניט ספעציעל וועגנ טעראָר, איז וועגנ אָפטערע באגעגענישנ מיט מענטשנ, וועגנ רעוואָליוציאָנערער ארבעט, וועגנ קלאָר מאכנ זײנ שטאנדפונקט אפ דערדאָזיקער ארבעט — האָט סאשע שוינ זיכער געטראכט מער באשטימט; טאקע צוליב דעמ מאָטיוו האָט ער זיכ אָפגעזאָגט צו באזעצנ זיכ אינאײנעמ מיט מיר.

אונ ארײַנגײיער האָב איכ אָנגעהויבנ טרעפנ בא אימ אסאכ מער, ווי אינ די ערשטע יאָרנ. דערבײ זײנענ גופע די סימבירסקער אָפגערוקט געוואָרנ אָנ א זײט; ס'האָט אָנגעהויבנ ארײַנקומענ קימאט אלע

טאָג, דערהויפּט גאָוואָרוכינ [1]). דאָס ערשטע מאָל האָב איכ זיכ מיט אימ
באַגעגנט באַ סאַשענ פּרילינג 1886 יאָר. ער האָט פונעמ אָנהייב אָנ
געמאַכט אַפ מיר זייער אַנ אומאַנגענעמענעמ אײַנדרוק, ווי זעלטנ ווער
אינ מײַנ לעבנ. איכ גלויב מײַנ ערשטנ אײַנדרוק,—אונ אינ לעבנ איז
מיר אָפט אונ אָפט אויסגעקומענ זיכ איבערצײַגנ אינ דער ריכטיקײַט
פונ דעמ אײַנדרוק, אונ וואָס אָפטער איכ האָב זיכ מיט אימ געטראָפנ,
אַלצ מער האָט זיכ נאָכ אימ דערדאָזיקער אײַנדרוק פאַרשטאַרקט.
ס'איז געווענ אַ געלבלעכער בלאָנדינ, מיט אַ קרעפטיקנ אויסזענ, אַ
פלעגמאַטיקער, מיט אַ כאַראַקטעריסטישנ אויסשפּרוכ אַפ „אָ" אונ צעציִענ
דאָס וואָרט, ווי אַלע קובאַנצעס. אונ ער האָט אויסגעדאַכט צו זײַנ
ווייניק אינטערעסאַנט אויכ. זײַנע מיינונגענ, שמועסנ, זײַנע געווענ גראָב־
לעכ אונ אויבנויפיק. ער האָט געקאָנט שאָענווײַז זיצנ צעלייגט אַפנ
דיוואַנ אָדער אַפנ בעט אונ בלויז ענטפערנ ווענ—ניט—ווענ מיט קורצע
רעפּליקעס. עפּעס האָט מענ ניט געקאָנט פאַרשטיינ, צוליב וואָס
זיצט ער דאָ, עפּעס גלײַכ ווי ער וואַרט, ווענ וועל איכ שוינ אַוועקגיינ.
„אונ קיינמאָל וועט ער זיכ ז'יר ניט אָנשטויסנ אַרויסצוגיינ אינ צווייטנ
צימער, מיכ לאָזנ אַליינ מיט סאַשענ, כאָטש זעפ וויפל ס'ניט איז",—
האָב איכ אָפטמאָל געטראַכט. אונ אַז ער רעדט עפּעס יאָ, איז דאָס אַזוי
ניט אויפריכטיק, אונ דער בליק איז באַ אימ פונ אַ מענטשנ, וואָס האָט
פליגנ אינ נאָז. איכ האָב ניט געקאָנט פאַרשטיינ, וואָס פאַר אַנ אינ־
טערעס געפינט אינ אימ סאַשע.

— אַ כיטרעטשקער זײַט איר, מאַקאַריטש,—האָב איכ אימ איינ־
מאָל געזאָגט, ניט קענענדיק זיכ שוינ מער אײַנהאַלטנ (באַ די
דאָנצעס אונ קובאַנצעס איז געווענ אַ געוווינהײַט רופנ איינעמ דעמ
אַנדערנ באַמ פאָטערנאָמענ אַליינ).

— איכ בינ דאָס אַ כיטרער?... גייט שוינ... אָט פרעגט באַ אי־
ליטשנ!..—האָט ער אָפּגעענטפערט.

— ניינ, ער איז ניט קיינ כיטרער,—האָט סאַשע גייענדיק אויפ
אונ אָפ איבערנ צימער, געזאָגט מיט איבערצײַגטקײַט.

סאַשעס מיינונג איז פונ שטענדיק אָנ געווענ באַ מיר שטאַרק

1) סאַשעס כאַווער לויטנ קורס, איינער פונ די אָנטיילנעמער באַמ צוגרייטנ די פאַר־
שווערונג.

אױטאָריטעטיש, אונ איכ האָב זיכ אײַנגעשרומפּנ אינ זיכ, האָב שױנ אָפּגעשװיגנ. איכ האָב געסטארעט זיכ איבערברעכנ, געװאָלט כאפּנ, װאָס אזעלכעס האָט סאשע דערזענ אינ גאָװאָרוכינענ, נאָר באקעמפּנ מײַנ אנטיפּאטיע צו אים האָב איכ פונדעסטװעגנ ניט געקאָנט.

װי שטענדיק אינ אזוינע פאלנ איז די אנטיפּאטיע געװענ, װײַזט אױס, פונ בײדע צדאָדים.

עפּעס אײנמאָל איז אינ מײַנ אָנװעזנהײַט ארײַנגעקומענ זיכ באקאַנענ מיט סאשענ א צוהערערנ פונ די אקושאָר־קורסנ, שמידאָװא, װאָס האָט געװױנט אינ אײנ דירע מיט גאָװאָרוכינענ. איכ געדענק, אז אינ אָנהײב איז זי ארײַנגעקומענ מיט אים אינ צװײטנ צימער — עפּשער האָט זי געדארפט אים עפּעס איבערגעבנ, אונ נאָכדעם איז זי געזעסנ אײנײנעם מיט אונדז בײַ א גלאָז טײ. סאשע איז געװענ אָפּגעהאלטנ, האָט זיכ צוגעהערט, צוגעקוקט, אונ זי האָט געפּלאפּלט אָנ א שיר. דער אײַנדרוק האָט זיכ באקומענ װײניקער באשטימט, װי פונ גאָװאָרוכינענ, נאָר גיכער פונ אלצ איז ניט צו גוטנס — זי האָט מיר אױסגעדאכט װײניק אנטװיקלט, מיט װײניק אינהאלט. זי האָט אױכ אָנגעהױבנ גאנצ אָפט זיכ ארײַנכאפּנ צום ברודער אונ נאָכדעם צו מיר אױכ, נאָר אונדזערע באציִונגענ מיט איר זײַנענ פונ דעם ניט געװאָרנ נעענטער — איכ בינ צו איר קײנמאָל ניט געגאנגענ. זי האָט דעמאָלט באזוכט אלס פיקטיװע קאלע אײנעם א פּאָליטישנ אינ דער דערװײַליקער טורמע (פּרע דװארילקע), אונ מיר פלעגנ אמאָל צונױפנעמענ עפּעס פונ זײַנעטװעגנ אים איבערצוגעבנ אינ טורמע. איכ האָב אָנגעהױבנ באגעגענענ בײַ סאשענ אײניקע קורס־כאװײרים, צװישנ זײ געדענק איכ מאנדעלשטאמענ אונ טוגאנ־באראנאָװסקינ, שפּעטער א פּראָפעסאָר פונ פּאָליטישער עקאָנאָמיע, װאָס אפּ זײַנע ביכער האָבנ זיכ געלערנט אינ די נײַנציקער יאָרנ די יונגע סאָציאל־דעמאָקראטנ. בײדע זײ — מאנדעלשטאם אונ טוגאנ־באראנאָװסקי — זײַנענ געװאָרנ לעגאלע מארקסיסטנ פונ דעם סטרװע־טיפּ אונ אינ דער רעװאָליוציאָנערער ארבעט האָבנ זײ קײנ אָנטײל ניט גענומענ.

דער סאמע שטארקסטער אײַנדרוק פונ דעם װינטער 1886 איז בײַ מיר פארבונדנ מיט דער דאָבראָליובאָװ־דעמאָנסטראציע [1]. דאָס איז געװענ

1) דעם 17־טנ יאנװאר 1886 יאָר איז געװאָרנ 25 יאָר, זינט ס׳איז געשטאָרבנ דער באַרימטער קריטיקער אונ רעװאָליוציאָנער דאָבראָליובאָװ אונ די יוגנט האָט באשלאָסנ באצײכענענ דעם יאָרצײַט דורכ א דעמאָנסטראציע.

די ערשטע דעמאָנסטראציע, אין וועלכער איך האָב זיך באַטייליקט, און זי האָט זיך מיר פאַרגעדענקט זייער קלאָר. די ערשטע יאָרן (1883 — 1886) איז קיין שום דעמאָנסטראציעס ניט פאָרגעקומען. די פּעוראַל־דעמאָנסטראציע פון 1886, צום 25-טן יאָר, זינט מע האָט אָפּגעשאַפט דאָס ליַיבּייגנטום, איז פאָרגעקומען בעת איך בין אין פּעטערבורג ניט געווען. כאָטש ביידע דעמאָנסטראציעס האָבן אָרגאַניזירט די סטודענטן, נאָר דאָס איז געווען ריין פּאָליטישע דעמאָנסטראציעס — קיין שום סטודענטישע פאָדערונגען זיַינען בּאַ זיי ניט געווען אַרויסגעשטעלט. די ערשטע האָט געלאָזט צו וויסן וועגן דער סאַמע גרונטלעכער רע־פאָרמע פון דער געוועזענער מעלוכע־אָנפירונג, וואָס די איצטיקע האָט געשטרעבט צוביסלעך אָפּנעמען צוריק; די צווייטע האָט זיך פאַרגעבן צו פיַיערן דעם יאָרציַיט פון א שריַיבער א רעוואָלוציאָנער, איינעם פון די בעסטע זין פון אונדזער לאַנד. צי איך האָב זיך טאַקע דערוווּסט פון סאַשען וועגן דעם, אַז ס'גרייט זיך א דעמאָנסטראציע, צי פון עמעצן אַנדערש, איז מיר איצט שווער צו זאָגן אָט זיכער, נאָר אויף דער דעמאָנסטראציע בין איך די גאַנצע ציַיט געווען אינאיינעם מיט סאַשען.

די דעמאָנסטראַנטן זיַינען גרופּעסוויַיז געקומען צו פאָרן מיטן פערד־טראַמוויַי גליַיך צו דעם וואָלקאָווער בייסוילעם. יעדנפאַלס, געדענק איך עס וועגן אונדז. דאָרט האָבן מיר שוין געטראָפן א גאַנץ היפּשן אוי־לעם, און אַלעמאָל איז צוגעקומען נאָך. אַנטקעגן בייסוילעם — פון לינקס — האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן א גאַנץ גרויסע צאָל גאָראָדאָוואָיעס, און נאָך מער איז, וויַיזט אויס, געווען באַהאַלטן אין הויף, פון וועלכן זיי האָבן זייער פאָרזיכטיק אַרויסגעקוקט צו דער גאַס. דער אַריַינגאַנג אויפן בייסוילעם איז געווען פאַרשפּאַרט. אַלע דעמאָנ־סטראַנטן און די דעפּוטאַטן מיט די קרענצן אינמיטן האָבן זיך געשטעלט פאַר דעם אַריַינגאַנג. די דעלעגאַטן זיַינען אַוועק איבעררעדן מיט עמעצן פון דער פּאָליציי, וואָס האָט אָנגעקלונגען פונעם באַצירק (ראַיאָן) דעם גראַדאָנאַטשאַליק גרעסער. מע האָט זיך לאַנג געדונגען. א דערלויבע־ניש דורכגיין אויפן בייסוילעם האָט מען אַרויסבאַקומען נאָר פאַר די דעלעגאַטן מיט די קרענץ, א מאַן דריַיסיק. מיט א געזאַנג „אייביקער אָנדענק” האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזן אויפן בייסוילעם. מיר, די אַלע איבעריקע, זיַינען אַלץ געשטאַנען אַרום דעם טויער.

אַז די דעפּוטאַציע האָט זיכ אומגעקערט פונעם בייסוילעם, איז דער גאַנצער אוילעם אַוועק צוריק. די שטימונג איז געווענ אַ אופּגעמונטערטע, אַ שטאַרק אופגעבראַכטע. די דעמאָנסטראַציע איז געגאַנגענ געשלאָסנ. אונ אָט, פאַרקערעווענדיק אַפ עפּעס אַ ראָג — אויב איכ האָב ניט קיינ טאָעס — באַם ערשנ ראָג, וואָס פונ דער ראָסטאָווער גאַס צו דער ליגאָווקע, האָט זיכ פאַר אונדז אַ שטעל געטאָנ רייַטנדיק אַפנ פערד גרעסער אַלײנ אונ איז אַרייַנגעטראָטנ אינ אינטעו־האַנדלונגענ מיט די דעמאָנסטראַנטנ. ס׳האָט זיכ פאַרגעדענקט זייַנ זיסלעכער טאָנ אונ דאָס פערד, וואָס האָט אונטער אים אונטערגעטאַנצט. איכ מיטנ ברודער זייַנענ אויסגעקומענ זייער נאָענט פונ אים. איכ געדענק, סאַשע האָט אָפּגעענטפערט מיט עפּעס אַ קורצער שאַרפער רעפּליק אַפ זייַנ אייַנטייַנעני, אונ אַ מאַכ טוענדיק מיט דער האַנט, האָט ער זיכ געלאָזט גייַנ צוואַמענ מיט דעם מער אַנטשלאָסענעם טייל פונעם האַמוינ.

— ווּהינ גייענ מיר, סאַשע? — האָב איכ שפּעטער אַביסל אַ פרעג געטונ.

— נו, אָט... מיר האָבנ געוואָלט דורכגייַנ מיט גאָראָכאָווער, נאָר ווייַזט אויס, אַז מיר גייענ שוינ צום ניעווסקי... — אונ פונ זייַנ טאָנ האָב איכ באַשלאָסנ, אַז ער איז באַשטאַנענ אַפ אַ מער פרידלעכער ריכטונג — מיט דער גאָראָכאָווער.

שוינ ניט ווייַט פונ ניעווסקי, לעבנ דעם פּאָליציי־באַצירק אַפ רעכטס, האָבנ מיר דערזענ, ווי קאָזאַקנ יאָגנ צו אונדז, אַרויסגעכאַפּט די בלויזע שווערדנ. האַרט פאַר אונדז האָבנ זיי זיכ אָפּגעשטעלט אונ פאַרצאַמט דעם וועג. אינ יענע צייַטנ איז דער ליגאָווער קאַנאַל נאָכ ניט געווענ פאַרשאָטנ. לינקס פונ אונדז איז געווענ דער אייַזערנער געפּלעכט פונעם קאַנאַל־פּאַרקנ, פונהינטנ אונ פונפאָרנט זייַנענ געשטאַנענ די קאָזאַקנ, רעכטס איז געווענ דער באַצירק־הויפ, אַ מעשונע גרויסער, מיט נידעריקע לאַנגע געבייַענ פונ אַלטנ שניט. געבליבנ נאָר אייג אויסוועג — אַרייַנ אינ די טויערנ פונ באַצירק.

געווענ איז דאָס אינ אַ נאָיאַבער־טאָג מיט אַ נעפּל, וואָס האָט דורכגענומענ אַלע ביינער. דער אוילעם, פאַרשטייט זיכ, איז שוינ געוואָרנ אַביסל שיטערלעכ — די געשלאָסנקייַט, וואָס מיר טרעפנ אינ די דעמאָנסטראַציעס פונ די שפּעטערדיקע יאָרנ, איז נאָכ דעמאָלט, פאַרשטייט זיכ, ניט געווענ. טיאָפּקענדיק אינ דער בלאָטע, האָבנ די דעמאָנסטראַנטנ

זיכ צונויפגענומענ אינ קופּקעלעכ, האָבנ זיכ באַראָטנ צווישנ זיכ. צו מיר, בעיס איכ בינ געשטאַנענ מיט סאַשענ אונטער דער האַנט, איז צוגעגאַנגענ מײַנ קורס־כאַווערטע ווינבערג מיט דעמ יונגנ קאַנדידאַט אַפּ פּראָפעסער, קלײבער.

— וואָס טוט מענ אַצינד? — האָבנ זיי געפרעגט, ווײַזנדיק אַפּ דער לעבעדיקער קייט פונ סאַמע קאָזאַקנ.

— גייִנ פאָרויס! — האָט געענטפערט דער ברודער, אונ אַפּ זײַנ אָנגעכמורעטנ פּאָנעמ האָט זיכ באַוויזנ אַנ אויסדרוק פונ עפּעס אַנ אײַזערנע־ אַנטשלאָסנקײַט, אַז ס'האָט מיכ אַזש אָנגענומענ אַ פּאַכד. די גוואַלד־מיטלענ פונ דער פּאָליציי' האָבנ אימ שרעקלעכ אויפגעבראַכט.

— נאָר ווהינ־זשע פאָרויס? אַפּ די קאָזאַקנ, אַפּ די שווערדנ? — האָט קלײבער געפרעגט, אונ זיי האָבנ ביידע געקוקט אַפנ ברודער מיט פאַרוווּנדערונג.

ער האָט זיי גאָרניט געענטפערט אונ איז אינאיינעמ מיט מיר אָפּגעגאַנגענ ווײַטער.

— סאַראַ שרעקלעכ ענערגישער ברודער בא אײַכ! — האָט מיר אַפּ מאָרגנ געזאָגט ווינבערג, וואָס האָט אימ נעכטנ געזעענ צומ ערשטנ מאָל.

פאַר די עטלעכע שאָ, וואָס מיר זײַנענ געשטאַנענ אונ געשטויסנ אײנס דעמ צווייטנ אַפּ דער ליגאָווקע, ארומגעכאַפּט מיט אַ קייט פונ קאָזאַקנ, זײַנענ, פאַרשטײט זיכ, פּאָרגעקומענ אַנדערע באַגעגענישנ אויכ. געווענ אַנ אויסטויש פונ מײנונגענ, געווענ ווערטלעכ. איכ געדענק, אַז צו מיר מיט סאַשענ איז צוגעקומענ מ. ט. יעליזאַראָוו. אַ לעבנספרײדיקער, אַ גלײַכגעוויכט־מענטש, אַ פריילעכער, איז ער אויכ איצט צוגעגאַנגענ מיט אַ מינע פונ קאָמישער ערנסטקײַט אונ זיכ פּאָרגעשטעלט פאַר אונדז: „דערלויבט זיכ פאָרשטעלנ אײַכ. מ. ט. יעליזאַראָוו". איכ געדענק ווי סאַשע, אַ רעגע פאַר דעמ אַנ אָנגעכמורעטער, האָט אימ אָפּגעענטפערט מיט אַ געלעכטער, דריקנדיק אימ די האַנט, אונ מיר ביידע האָבנ זיכ דערפילט גרינגער פונ אָט דעמ אומשולדיקנ ווערטל, וואָס האָט עפּעס ווי לײַכטער געמאַכט די אַטמאָספער אַרומ אונדז.

די באַלאַגערטע יוגנט האָט טיילווײַז פּראָטעסטירט — האָט מענ די שרײַער אָדער די, וואָס האָבנ זיכ געוואָרפנ מיט אויפרייצנדיקע רעפּ־

ליקעס, אָפּגעפירט אינ פּאָליציי־באַצירק אונ פארהאלטנ דאָרט, אונ בא דעמ אנדערנ ווייניקער קעמפּערישנ טייל איז מיט דער מידקייט געוואָקסנ אויכ די אפּאטיע. אונ פונ צייט צו צייט האָט מענ די, וואָס האָבנ געוואָלט, אָנגעהויבנ ארויסלאָזנ פּאָרלעכווייז אונ גרופּעסווייז.

פונ דער צווייטער זייט קאנאל האָט זיכ דערווייל צונויפגעקליבנ אנ אוילעמ, וואָס האָט זיכ פאראינטערעסירט מיט דעמ ניטגעוויינלעכנ בילד, מע האָט זיכ דערפרעגט, וואָס קומט דאָ אזעלעכס פאָר. איכ געדענק, אז סאשע האָט מיט אופגעמונטערטקייט איבערגעגעבנ עמעצנס ווערטער פונעמ אוילעמ: „געוואָלט נאָכ זייערנ א פּראָפעסער א פאניכידע מאכנ... אָט דערפאר איינגאנצנ... הייסט עס, אויב איכ וועל וועלנ מאכנ א פאניכידע איבער מיינע עלטערנ, וועט מענ מיכ אויכ שלעפּנ אינ פּאָליציי ארייננ?..“

אזוי שטארק האָט עס זיכ דעמאָלט געוואָלט כאָטש וואָסער ניט איז פארשטאנד, מיטגעפיל פונ דער געזעלשאפט,—אזוי שטארק האָט עס געצויגנ לויט דעמ מינדסטנ אפילע סימענ צו גלויבנ אינ דעמ!

די דעמאָנסטראציעס זיינענ דאָכ טאקע געווענ אָרגאניזירט מיט דעמ איינציקנ ציל אביסל אופטרייסלענ די געזעלשאפט, אָנצינדנ אינ איר כאָטש א שוואכ אָפּשיינ־פלעמעלע פונ דעמ פּראָטעסט, מיט וועלכנ עס האָט געאָטעמט דער סאמע רעוואָליוציאָנערער שיכט פונ יענער צייט.

געווענ פאלנ, ווענ פונ יענער זייט קאנאל האָט מענ אריבערגעוואָרפנ דעמ אויסגעהונגערטנ סטודענטישנ אוילעמ בולקעס.

דערווייל האָבנ זיכ די דעמאָנסטראנטנ, וואָס מע האָט געהאט פריער אָפּגעפירט אינ פּאָליציי־באַצירק, זיכ אלע נאָכ ניט אומגעקערט פונ דאָרטנ; צווישנ זיי—אויכ סאשעס כאווירימ פונ איינ קורס, מאנדעלשטאמ אונ טוגאנ־באראנאָווסקי. ווייזט אויס, זיי זיינענ געווענ ארעסטירט, אונ מע האָט געדארפט א טראכט טאָנ אביסל א רייניק טאָנ זייערע דירעס.

דער אָוונט האָט זיכ אלצ מער אונ מער אָנגערוקט, דער אוילעמ איז געוואָרנ אלצ שיטערער אונ שיטערער, אונ שוינ גאָר אינ דער פינצטער, ווענ אוילעמ איז שוינ געבליבנ זייער ווייניק, זיינענ מיר מיט סאשענ אויכ ארויסגעגאנגענ פונ אונטער דער לעבעדיקער

קאָזאקן־צאַם. איך געדענק וועגן אונדזערע שמועסן מיט גאָוואָרוכינען, דאכט זיך, וועגן א רייניק טאָג די דירעס. ער איז אוועקגעגאנגען באזונדער פון אונדז. סאשע איז געגאנגען שווייַגנדיק, קאָנצענטרירט אין זיך, כמורנע. ארויף אפ דער פעטערבורגער זייַט, האָט ער זיך אוועקגעלאָזן געוואָרע־ווערן די צימערן פון די ארעסטירטע כאווירים.

אלע זייַנען מיר געווען צו שטארק אופגעטרייסלט, מיר זאָלן קאָנען אין דעם אָוונט זיצן אינדערהיים. דעריבער, איבערגעכאפט עפעס אפגיך און אביסל זיך אָנגעוואָרעמט, בין איך באלד אוועק צו סאָשען. דאָרט האָב איך שוין געטראָפן אייניקע פון די כאווירים, און שפעטער זייַנען אהינצו געקומען נאָך אנדערע באקאנטע דעמאָנסטראנטן. מע האָט גערעדט וועגן דעם, ווער ס'איז ארעסטירט, מע האָט דערציילט, אז ס'האָט זיך אייַנגעגעבן צו דער צייַט אָפרייניקן זייערע צימערן. אין די רייד האָט זיך געהערט אופגעבראכטקייַט, אומרו — מע האָט געוואַרט אפ ארעסטן, אונטערזוכונגען. מע האָט זיך געטיילט מיט די אייַנדרוקן פון טאָג. ווי שטענדיק אין אזעלכע פאלן, איז צווישן מענטשן געווען אסאך גרינגער. מע האָט איבערגעגעבן די סיבעס, פארוואָס דער אָדער יענער איז געווען ארעסטירט.

דער ערשטער טייל אָוונט איז דורכגעגאנגען בא א געדריקטער, צעדרייטער שטימונג. נאָר אָט האָט זיך אריַינגעשטעלט אין צימער מאנדעלשטאם, און שפעטער אביסל טוגאַן־באַראַנאָווסקי אויך, ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, — באפרייַטע, און זיי האָבן גענומען דערציילן, אז די איבעריקע ארעסטירטע האָט מען אויך ארויסגעלאָזט, — און אלע אונדז האָט ארומגעכאפט א פרייד. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פראגעס פון אלע זייַטן — פארוואָס האָט מען זיי פארנומען? איך געדענק, וויאזוי טוגאַן־באַראַנאָווסקי האָט מיט זייַן שטענדיק פלעגמאטישן אויסזען אלעמען פארזיכערט, אז ער פארשטייט אליין ניט פארוואָס, אז ער האָט גאָרניט גערעדט.

— מע זאָגט דאָך, אז דו האָסט געזאָגט גרעסערן... — און סאשע האָט אים דערמאָנט עפעס א רעפליקע, וואָס איך געדענק שוין ניט אצינד.

— ניין, כ'האָב ניט אָנגעהויבן זאָגן... — האָט טוגאַן־באַראַנאָווסקי אנטשלאָסן זיך אָפגעוואָרפן.

די, וואָס האָבן איבערגעגעבן וועגן דעם, זײַנען אָבער באַשטאַנען אַף זײערס:

— סטײַטש, דו האָסט דאָך יאָ געזאָגט!

— ניין, ווערליק איך ווייס, האָב איך ניט געזאָגט... נאָר עפּשער...— האָט טוגאַן־באַראַנאָווסקי זיך אָנגעהויבן אונטערגעבן.

סאַשע האָט זיך צעלאַכט:

— ווײַזט אויס, אַז דער מענטש איז געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז ער געדענקט אַליין ניט, צי האָט ער עפּעס געזאָגט אָדער ניט...

אַלע זײַנען געוואָרן פריילעך, ס׳האָבן זיך דערהערט ווערטלעך, מע האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען פאַרשיידענע ציקאַווע עפּיזאָדן. מע האָט דערציילט וועגן אַן ענטפער, וואָס האָט דאָ באַקומען אַלעמענס אָנערקענונג, וואָס איינער אַ שאַרפזיניקער באַכער פון די אַרעסטירטע האָט אַ וואָרף געטאָן גרעסערן. ס׳איז געווען אַזוי: בעת ער איז געזעסן אין פּאָליציי־באַצירק אַרעסטירט, איז אַרײַנגעקומען גרעסער און, ניט ווענדנדיק זיך צו קיינעם, אויסגערופן: „אוך! זיך פאַרמאַ־טערט!“

דערויף האָט דער סטודענט באַמערקט מיט אַ אונטערגעשטרײַכטן קאָרעקטן טאָן: „יאָ, אײַער עקסעלענץ, אַ שטעלע בײַ אײַך ניט צו מעקאַנע זײַן“...

נאָך די אומרוען און איבערלעבונגען פונעם טאָג האָט זיך בײַ אַלעמען געשאַפן עפּעס אַ באַזונדער גליקלעכע, רויִק־אײַנגעלייגטע שטימונג: ס׳איז געווען גוט צו זיצן אינעם קליינעם בינטל אַלע אינאיינעם; אַף דער נעשאָמע איז געווען גרינג, און ס׳האָט זיך ניט געגלוסט צו גיין פונדאַנען, כאָטש פון אַלצדינג האָט מען שוין קימאַט ווי אָפּגע־רעדט. אָט אין אַזאַ מאָמענט, ווען אַלע זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן, האָט מ. ט. יעליזאַראָוו גאַנץ גוט פאָרמולירט אונדזער אַלעמענס שטימונג מיט די ווערטער: „ ווי פאַרייניקט מיר זײַנען אַצינד, מײַנע הערצ־מיט די נעשאָמעס!“ (דאָס וואָרט כאַווער איז נאָך אין יענע צײַטן ניט געווען אין אומגאַנג: די סטודענטן אין די אודיטאָריעס האָבן זיך שטענדיק געווענדעט מיט די ווערטער: „מײַנע הערן“). אייניקע האָבן שטיל אַ שמייכל געטאָן, אַנדערע וואָלטן זיך געשעמט אַזוי גלײַך אַ זאָג טאָן, נאָר קיינער האָט ניט פּראָטעסטירט, ווײַל די שטימונג איז

געווענ אויפגעכאפט ריכטיק. איכ קאָנ זיכ איצט ניט דערמאָנענ וועגנ יעדערנ, ווער ס'איז דאָרט געווענ; כוצ די „העלדנ פונ אָוונט", מאנדעל־שטאמ אונ טוגאנ־באראנאָווסקי, זײַנענ געווענ טשעבאָטאריאָוו, יעלי־זאראָוו, גאָוואָרוכינ, דאכט זיכ, שמידאָווע אונ נאָכ עטלעכע מענטשנ. נאָר די שטימונג פונ אָוונט — אזא גליקלעכע, יאָנטעוודיקע אונ כאווערישע — האָט זיכ זייער קלאָר אונ לעבעדיק פארגעדענקט. דאָס איז געווענ אינ א מיקראָסקאָפּישער מיניאטיור דיזעלבע שטימונג, וואָס ס'לעבט דורכ א מאסע נאָכ אנ אָנגעשטרענגטנ קאמפּ אונ ניצאָכנ, זאָל זײַנ נאָר אינ דער אילוזיע: אָפיר נאָכ א קאמפּ אינ אנ ענגנ קרײַז פונ סאמע אייגענע, ניט פארומערט מיט קיינע קאָרבאָנעס — די. וואָס מע האָט גערעכנט פאר ארויסגעריסנ פונ די רייענ, זײַנענ צוריק דאָ אפנ אָרט...

נאָר דער געפיל פונ ניצאָכנ בא אונדז אינ קליינעמ קרײַז איז גע־ווענ א פריצײַטיקער. אינ מעשעכ פונ די נאָענטסטע טעג האָבנ זיכ א שאָט געטאָנ פארשיידענע שטראָפנ — מע האָט געמאכט אונטערזו־כונגענ אונ ארויסגעשיקט פונ פעטערבורג אהיימ סײַ די, וואָס מע האָט פארנומענ אינ פאָליצײַ־באצירק פונ דער דעמאָנסטראציע, סײַ אייניקע אנדערע, וואָס זײַנענ געווענ אונטער א כשאד; איניינעמ עפעס א מאנ פערציק איבער אלע העכערע לערנ־אנשטאלטנ. דידאָזיקע ארויס־שיקונגענ, וואָס מיט זיי האָט די רעגירונג געוואָלט אָנשרעקנ אלע איבעריקע אונ אָפּשטעלנ דורכ דעמ די באוועגונג צווישנ זיי, האָבנ ווי שטענדיק ארויסגעוויזנ לעפּיש, ניט־פארדינט, אופרײַצנדיק, אונ אלס אזעלכע, האָבנ זיי באליידיקט דעמ מאָראלנ געפיל פונ די געבליבענע, אונ וואָס מער ס'איז געווענ פארשארפט, אלס ווייטעקדיקער האָט מענ עס אויפגענומענ: „פארוואָס עפעס יענע, אונ ניט אונדז? מיר זײַנענ פונקט אזוי שולדיק, ווי יענע". „ס'ארא שרעקלעכער אומרעכט!" האָבנ געטײַנעט אָדער געטראכט די געבליבענע סטארענדיק זיכ אונטער־פירנ אונזער אלגעמיינע נאָרמעס די אויפירונג פונ דער מאכט, וואָס האָט אינ אירע אקטנ זיכ גאָרניט גערעכנט מיט די אָדער אנדערע נאָרמעס, נאָר מיטנ געפיל פונ זעלבסטפארהיטונג.

די יאָנטעוודיקע שטימונג האָט פארביטנ א שווערע, געדריקטע אָדער אויפגעבראכטע שטימונג, געווענדט פונ דער אינדיווידואליטעט פונ יעדנ איינעמ. איכ געדענק, ווי אצינד, אזא אויסדרוק פונ צוגעדריקטקײַט,

קימאט טראגישקײט אפנ פּנעם בא דער קורסיסטקע ראזומאָװסקאיא, א מיטגליד פונ דער סאמארער לאנדסמאנשאפט, נאָכדעם װי מע האָט ארױסגעשיקט איר כאװערטע אונ מיטװױנערנ אינ אײנ צימער, דאָלגאָװא. מיר האָט איר שטימונג אפילע דעמאָלט אױסגעזעענ ניט אנטשפּרעכנדיק דער סיבע. דאָס איז, װײַזט אױס, געװענ א מענטש מיט זײַער א צערודערטער נערװנ־סיסטעם — אינ א יאָר צװײ ארומ נאָכ דער געשיכטע האָט זי געענדיקט מיט זעלבסטמאָרד. אינ מער אקטיװערע נאטורנ האָט דאָס אָפּרעכענענ זיכ פונ דער מאכט מיט די סטודענטנ ארױסגערופנ אינ הארצנ א הײסנ פּראָטעסט, א װילנ צו נעקאָמע, א װילנ צו דערװײַזנ דער רעגירונג, אז ניט אלע בײגנ אזױ אונטערטעניק אָנ די קעפּ, אז מע טאָר ניט אזױ אומגעשטראָפט באלײדיקנ דעמ געפיל פונ מענטשנ װירדע, אז צו דעמ װעט אונ דארפ געשטעלט װערנ א גרענעצ, װאָס ס׳זאָל ניט קאָסטנ, אונ אז אױב ס׳איז נײטיק קאָרבאָנעס, װעט מענ זיכ ניט אָפּשטעלנ פאר קאָרבאָנעס...

אלעקסאנדער איליטש איז געװענ פונ אָט די נאטורנ.

זײַ איכ אלײנ, זײַ פיל אנדערע, װאָס האָבנ געקאָנט דעמ ברודער אונ האָבנ געשריבנ װעגנ דעמ, רעכענענ אז די דאָבראָליובאָװער דעמאָנסטראציע מיט אירע רעזולטאטנ איז געװענ יענער שטארקער שטױס פונ אױסנ, װאָס האָט אימ געבראכט צומ טעראָר.

אינ אונדזער צײַט קאָנ דאָס אױסקומענ װילד, אזױ פּאסט עס זיכ ניט אײַנ צומ אנדערנ — א צעטריבענע סטודענטישע דעמאָנסטראציע שטױסט אפּ זעלבסטמאָרד, אפּ טעראָר. אונדז איז שװער זיכ איבערצוטראָגנ מיטנ געדאנק אפּ צוריק מיט פערציק יאָר, אינ דער פּסיכאָלאָגיע פונ דעמ, פונ גאָט פארשאָלטענעמ, לױט יאקובאָװיטשעס [1] אױסדרוק, דאָר פונ די אכציקער יאָרנ. נאָר פריער פונ אלצ איז ניט װיכטיק, אז דאָס איז געװענ א „סטודענטישע דעמאָנסטראציע". ניט קײנ מאָטיװנ פונ סטודענטישנ לעבנ, נאָר אלגעמײנ־פּאָליטישע מאָטיװנ האָבנ זי ארױסגערופנ. די סטודענטשאפט איז נאָר געװענ דער אײנציקער שיכט, אינ װעלכנ עס האָט זיכ צומאָל ארױסגעװיזנ די אומ־

1) א פּאָעט־סאָציאליסט, פּאָליטיקער, פארשיקט אפּ קאטאָרגע.

צופרידנקייט מיט דער אלגעמיינ־פּאָליטישער אָרדענונג. אזוי האָט מענ דעמאָלט געקוקט אפּ די מאניפעסטאציעס אינ דער גאנצער ארומיקער געזעלשאפט. וואָס איז שייעכ דעם, וואָס דער רעזולטאט אנטשפּרעכט ניט דער סיבע, דארפ מענ נאָר ניט פארגעסנ די באוווסטע אלעגאָריע וועגנ דעם לעצטנ טראָפּנ, וואָס לאָזט איבערגיינ יעדערנ, ניט נאָר קיינ קליינעמ בעכער, ווענ ער איז איבערפולט. שפּילט דענ ניט אָט דער לעצטער טראָפּנ שטענדיק די באשליסנדיקע ראָליע אינ אַלע אופשטאנדנ, רעוואָליוציעס, אינ אלע טורמע־בונטנ? באזונדער איז קעדייַ זיכ צו דער־מאנענ, ס׳ארא נישטיקע קלייניקייטנ רופנ שטענדיק ארויס די בונטנ אינ טורמע. ניט דערפאר דענ טרעפט זיכ דאָס, ווייַל אינ טורמע, ווו דער מענטש איז אזוי אויכ צוגעדריקט, וואָס ערגער קאָנ שוינ ניט זיינ, ווערט יעדער איבעריקער מינדסטיק־נישטיקער דרוק שוינ ניט צום איבערצוטראָגנ, ווערט אופגענומענ, ווי די ערגסטע באַליידיקונג, אונ רופט ארויס א לייַדנשאפטלעכנ פּראָטעסט, וואָס פּאסט זיכ ניט אפנ ערשטנ קוק פאר דער דירעקטער אומיטלבארער סיבע.

דאָס אייגענע איז פּאָרגעקומענ אינ דעמ געזעלשאפטלעכנ לעבנ פונ די אכציקער יאָרנ — אינ דער אלרוסלענדישער טורמע.

די יוגנט האָט זיכ נאָר געפּרוווט עפּענענ א קלייניטשיק לופטשיקל אינ דער שטיקנדיקער, גאָר ניט אויסצוהאלטנ, אטמאָספער פונ דער דעמאָלטיקער געזעלשאפטלעכקייט, האָט מענ דאָס אויכ צוריק פארהאקט מיט דער גרעסטער פּאָליצייישער גראָבקייט, מיט קאָרבאָנעס פונ נאָענטע כאוויירימ.

זייענדיק א זעלטנ גוטער כאווער, האָט דער ברודער איבערגעלעבט דידאָזיקע אומגערעכטיקע האנדלונג בענעגייע צו אייניקע פונ זיי אזוי שארפ, ווי ער וואָלט מיסטאמע זיינ אייגענע פארשיקונג איבערגעלעבט. איכ געדענק ס׳ארא אָנגעכמורעט־קאָנצענטרירטער אינ זיכ אויסזענ ס׳איז בא אימ געווענ, ווענ מע האָט זיכ דערוווסט וועגנ דעמ, אז מע שיקט ארויס די סטודענטנ, ווי פילבאר ער, ניט קיינ ליבהאָבער פונ בריוו שרייבנ, האָט זיכ אָפּגערופנ אפּ זייערע בריוו, ווי ער האָט זיכ געיילט אויספילנ זייערע באקאָשעס. איכ געדענק באזונדערס טוגאנ־באראנאָווסקיס בריוו, זיינ באקלאָגנ זיכ... די ארויסגעשיקטע, האָט זיכ, ווייַזט אויס, דעמאָלט אויסגעדאכט, אז זייער לאגע איז דער גרעסטער אומגליק.

ווײַטער זע איכ זיכ אַלײנ אינ די ערשטע טעג נאָכ דער דאָבראָליובאָוו־דעמאָנסטראַציע בײַ כאַשינ אינ דער דירע ארומ א קײַלעכיקנ טיש אינ דעמ גרויסנ צימער. אײנײנעמ מיט נאָכ עטלעכע כאַווײרימ (אינ זיקאָרנ האָט זיכ בײַ מיר ניט פאַרהאַלטנ גענױ מיט וועמענ) האָב איכ אופגעשריבנ אַדרעסנ אָפ קאָנווערטנ פאַר אַנ אופרופ צו דער געזעלשאַפט וועגנ דער דעמאָנסטראַציע פונעמ 17 נאָיאַבער, אַרײַנגעלײגט אינ זײ די העקטאָגראַפירטע בלעטלעכ, אונ גלײַכ מיט די איבעריקע האָב איכ צעטראָגנ א קופע מיט אַזעלכע קאָנווערטנ איבער די פּאָסטקעסטלעכ. דעמאָלט האָב איכ ניט געוווּסט, אַז דעמ אופרופ האָט צונויפגעשטעלט דער ברודער, כ׳האָב נאָר געזענ, אַז ער איז געווענ אײנער פונ די איניציאַטערס. איכ געדענק דעמ באַפעל — אינ קעסטל ניט וואַרפנ מער ווי צו אײנ קאָנווערט, איכ געדענק אויכ, אַז מיר האָט זיכ דאָס אויסגעדאַכט שווינ צו געהיט, אונ אַז באַמ סאָפ, שווינ אַנ אײַנגעמידטע, האָב איכ טאַקע אַרײַנגעוואָרפנ אינ אײנ קעסטל עטלעכע שטיק מיטאַמאָל.

פונ דעמאָלט אָנ האָב איכ אָנגעהויבנ גאָוואָרוכינענ אָפטער באַגעגנענ בײַ סאַשענ. אײנמאָל, געדענק איכ, אַנערעכ, ארומ די ראָזשדעסטוואָ־יאָנטויווימ, באַלד נאָכ מײַנ אַרײַנקומענ, האָט סאַשע גענומענ עפעס א לאַנגע שמאָלע זאַכ, עפעס אינ דער פאָרמ פונ א ביקס, וואָס איז געווענ גוט אַרומגעוויקלט מיט פּאַפּיר, אונ איז אַוועק דאָס ערגעצ אָפּטראָגנ, אונ מיר האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט באַלד זײַנ צוריק, אונ איכ זאָל צוואַרטנ. גאָוואָרוכינ, וואָס איז בײַגעווענ דערבײַ, איז, ווײַזט אויס, געווענ אינ קורס פונ דעמ איניענ,—ער איז געבליבנ דאָ זיצנ, נאָר מיר האָט ער גאָרניט געוואָלט דערעקלערנ. איכ געדענק, אַז מיכ האָט אַרומגעכאַפּט עפעס אַנ אומקלאָרער געפיל פונ אומרו — וואָס איז דאָס פאַר א מאָדנע לאַנגע זאַכ? געוויינלעכ האָב איכ דעמ ברודער געזענ זיכ נאָר באַשעפטיקנ מיט ביכער, איז וואָס איז עס פאַר אַזאַ אײַלעניש אונ געהײמקײַט באַמ אָפּטראָגנ דאָס? אונ אײנײנעמ מיט דעמ עפעס ניט קײנ קלאָרער געפיל פונ פאַרדראָס אָפ גאָוואָרוכינענ, וואָס ער איז געבליבנ, אונ דער ברודער איז אַוועקגעגאַנגענ, אונ איכ דאַרפ זיצנ אונ וואַרטנ. נאָר דעריקער, וואָס קאָנ דאָס זײַנ פאַר א לאַנגע זאַכ? ריזיקירט דאָ ניט סאַשע? דאַכט זיכ, א: איכ האָב עפעס וועגנ

דעם געפרעגט גאָווארוכינען; ער האָט מיר אָפּגעענטפערט קורץ, אָפּי זיך אויסדריייען פון אַן ענטפער, און איך האָב ארייַנגערוקט די אויגן אין ביכל און גענומען ווארטן אַפ דעם ברודער,—ווי מיר האָט זיך דעמאָלט אויסגעדאַכט, זייער לאַנג. איך געדענק, בא מיר איז געווען אַ האָפענונג, אַז איך וועל הייַנט „איבערוואַרטן" גאָוואָרוכינען, נאָר מייַן האָפענונג, האָט זיך ניט באַרעכטיקט, און איך בין אַן אומצופרידענע און באַאומרויקטע אינגיכן נאָך סאַשעס קומען אוועקגעגאַנגען. דערדאָזיקער עפּיזאָד, וואָס איך האָב וועגן אים ניט באַקומען קיין שום דערקלערונג, וואָלט מיר, נאַטירלעך, געדאַרפט געווען אַרופירן דעם געדאַנק אַפ דעם, וואָס האָט זיך געגרייט, נאָר סאַשעס רויִקייַט, זייַן אָנגעשטרענגטע אוניווערסיטעטישע אַרבעט און אויך מייַנע אייגענע איניאַנים און געשעפטלעך — האָבן מיך אָפּגעווענדעט אָן אַ זייַט. איבעראַל בין איך, ווי אַלע אַנדערע ניט פאַרטרויטע אין דעם איניען סאַשעס כאַוויירים, טאַקע געווען ווייַט פונעם געדאַנק וועגן דעם, אַז ס'גרייט זיך אַ טעראָריסטישער אַקט. דעמאָלט אינאָוונט האָט עפּעס אַ שקראַבע געטאָן באַם האַרצן אַ באַאומרויִקנדיקער געפיל, און איז אַזוי אַרום צעריבן געוואָרן צווישן פיל טאָגטעגלעכע אייַנדרוקן.

פון די לעצטע כאַדאָשים געדענק איך נאָך, אַז סאַשע האָט מיר איינמאָל געבראַכט אַן איבערזעצונג פון מאַרקס אַן אַרטיקל וועגן רעליגיע, אַרויסגענומענע פון די „דייַטשיש-פראַנצויזישע יאָרביכער" [1], וואָס אַ טייל האָט ער אַליין איבערגעזעצט און אַ טייל גאָוואָרוכין, און געבעטן דאָס אויספּאַריכטן — איך האָב זיך גערעכנט פאַר אַ גוטער דייַטש-קענערן. איך געדענק, אַז די אויפגאַבע האָט מיר זייער אימפּאָנירט, און איך בין מיט פלייַס געזעסן בא דער אַרבעט. איך געדענק, אַז איך האָב אָנגעוויזן סאַשען אַפ די ערנסטע פעלערן פון דער איבערזעצונג, באַזונדערס אין דעם טייל, וואָס גאָוואָרוכין האָט געמאַכט. נאָר מע קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי איך האָב אויסגעפּילט די אַרבעט, מייַן ערשטע אַרבעט פון אַ רעדאַקטער, ניט זייַענדיק באַקאַנט מיט מאַרקסן! נאָך דער אויספּאַריכטער איבערזעצונג אייניגעם מיטן אָריגינאַל, וואָס דער ברודער האָט, ווי ס'איז נאָכדעם קלאָר געוואָרן, גענומען בא וו.וו.

---

1) אַ זשורנאַל, וווּ ס'איז געווען געדרוקט מאַרקס אַרטיקל.

וואָדראָוואָזאָוונ, איז צו מיר אַרייַנגעקומענ גאָוואָרוכינ,—דאָס איז, דאַכט מיר, געווענ שוינ ניט לאַנג פאַר זייַנ אָפּפאָרנ, קימאַט ווי דאָס לעצטע מאָל, וואָס איכ האָב אימ געזעגנ[1].

איכ רעכנ, אַז די איבערזעצונג, ווי אַ באַווייַז פונ רויִקער ליטעראַרישער אַרבעט, מיט וועלכער גאָוואָרוכינ מיט סאַשענ זייַנענ געווענ באַשעפטיקט, איז געווענ איינע פונ די אָפּוועגד־אײַנדרוקנ, וואָס האָבנ מיכ געמאַכט פאַרגעסנ דעמ מאָדנעמ צופאַל מיט דער לאַנגער פאַרוויקלטער זאַכ.

אַפ די ראָזשדעסטוואָ־יאָנטויוויִמ פונ 1886 יאָר בינ איכ געבליבנ אינ פעטערבורג. איכ האָב זיכ ניט געקאָנט דערלויבנ פאָטערנ איבעריק געלט אַפ דער רייַזע אַהיימ, און ווייַטער איז אינ דעמ לעצטנ יאָר געווענ מער אַרבעט אויכ. די יאָנטויוויִמ זייַנענ בײַ מיר דורכגעגאַנגענ זייער נודנע. צוליב דעמ, וואָס די לעקציעס און קורס־אַרבעטנ האָבנ זיכ איבערגעריסנ, האָב איכ באַקומענ מער פרייַע צייַט אַפ דערמאָנונגענ וועגנ דער היימ, און ס'האָט זיכ שאַרפער געפילט די אָפּגעריסנקייַט פונ זיי, און די איינזאַמקייַט האָט זיכ געפילט פייַנלעכער. מער ווי אַלעמאָל האָב איכ געדאָרשט נאָכ דער געזעלשאַפט פונ סאַשענ, און איכ האָב געליטנ דערפונ, וואָס איכ זע אימ אַזוי זעלטנ.

בײַ מיר אינ זיקאָרנ איז פאַרבליבנ דער אָוונט ערעוו ניי־יאָר (1887). דער ברודער, וואָס האָט זיכ אויסגעקליבנ ערגעצ גיינ באַגעגענענ דאָס ניי־יאָר, איז אַרייַנגעגאַנגענ צו מיר, נאָר ניט אַליינ,—מיט גאָוואָרוכינען. זיי האָבנ מיכ אויכ גערופנ גיינ,—לויט איכ געדענק, האָט מיכ מער גערופנ גאָוואָרוכינ, ווי דער ברודער. נאָר איכ, איבערהויפּט אַ שטאַרקע שטוב־זיצערנ, בינ אינ מייַנ טרויער־שטימונג ניט געווענ אויפגעלייגט צו גיינ זיכ מאַכנ פריילעכ, און דערצו, האָב איכ געוווסט, איז דער אוילעמ מיר דאָרטנ געווענ ווייניק באַקאַנט. געדענקענדיק, אַז דאָס ערשטע יאָר, וואָס מיר זייַנענ געקומענ קיינ פעטערבורג, איז דער ברודער געקומענ צו מיר באַגעגענענ דאָס ניי־יאָר

1) גאָוואָרוכינ דערמאַנט, מיט וואָס פאַר אַ שטאַרקער פאַרכאַפּונג סאַשע האָט געלייענט מאַרקסנ, וויִאַזוי זייַנ פּאָנעמ האָט זיכ דערבײַ געלויכטנ.

(בײדע װײַטערדיקע װינטערן האָב איך פֿאַרבראַכט דעם נײַ־יאָר־אָװנט אין טימבירסק). װיסנדיק, אַז ער איז בכלל ניט קײן אָנהענגער פֿון ראַשיקע אָװנטן, און קוקנדיק, װי־זשע אויס, שוין צופֿיל דורך דער פּריזמע פֿון מײַן אײגענער שטימונג, האָב איך אים געבעטן בעסער בלײַבן דאָ. נאָר ער איז באַשטאַנען אומבאַדינגט נאָר פֿאַר גײן, װאָס ס'איז גאָרניט געװען אין זײַן געװוינשאַפֿט, װען ער האָט אין אַזעלכע פֿאַלן געזען, אַז מיט זײַן אָפּזאָגן פֿאַרשאַפֿט ער יענעם ערנסטן האַרצווייטעק. אַפֿילע, בעייס גאָװאָרוכין, װאָס האָט מיסטאַמע פֿון פֿרײלעכקײַט זיך אױפֿצוהײבן און גײן װײַטער, צו מײַן גרויסער פֿאַרװוּנדערונג, מיך אויך אונטערגעהאַלטן און פֿאַרגעלײגט בלײַבן,—האָט ער ניט נאָכגעגעבן. איך, פֿון מײַן זײַט, פֿון קינדװײַז אָן צוגעװוינט צו זײַן פֿילבאַרער און אופֿמערקזאַמער באַציִונג צו מיר, האָב דאָס אויסגעטײַטשט דערמיט, װאָס זײַן באַציִונג צו מיר האָט זיך געענדערט. פֿאַרשטײט זיך, געבליבן אײנע אַלײן, האָב איך זיך ביטער אויסגעװײנט, פֿילנדיק, װי קײנמאָל נאָך ניט, אי דעם טאַטנס טויט, אי די עלנטקײַט, אי דעם צאַר פֿון דער מאַמען.

שוין זיצנדיק אין טורמע, אַז איך האָב גענומען אויספֿירלעך דורכטראַכטן די גאַנצע אויפֿירונג פֿונעם ברודער פֿאַר דער לעצטער צײַט, ערשט דעמאָלט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז בײַ דעם אָנגענומענעם באַשלוס — באַטײליקן זיך אינעם טעראָריסטישן אַקט, װאָס פֿאַר מיר האָט מען דאָס אויסגעבאַהאַלטן, איז ער,— שטענדיק אַן ערלעכער מיט זיך, װאָס האָט נאָר געקאָנט אויסמײַדן צו ענטפֿערן אַף אַ פֿראַגע, נאָר ניט זאָגן קײן ליגן, װאָס האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט די מוטער און די פֿאַמיליע און געדאַרפֿט זײער קרענקלעך איבערלעבן אין זיך דעם װײטעק, װאָס ער גײט איר פֿאַרשאַפֿן,— פּאָשעט ניט אימשטאַנד געװען צו פֿאַרברענגען דעם אָװנט מיט מיר, מיט די געדאַנקען װעגן דער הײם.

מע האָט געדאַרפֿט אַװעק פֿון דעם אַלץ, און אויב ס'איז ניט מעגלעך אינגאַנצן זיך אַרױסטאָן מיטן קאָפּ (אַף יענעם נײַ־יאָר־אָװנט זײַנען ניט נאָר געװען די אָנטײלנעמער אין דער פֿאַרשװערונג), איז כאָטש געפֿינען אַן אָפּקלאַנג פֿון דעם, װאָס האָט אים אַזוי שטאַרק פֿאַרכאַפּט.

אפ מאָרגנ (דעמ ערשטנ טאָג פונעמ נײַעמ, 1887־טנ יאָר) בינ איכ אפדערנאכט געזעסנ בא סאשענ. טשעבאָטאריאָוו איז ניט געווענ, מיר זײַנענ געווענ איינע אליינ אינעמ ערשטנ גרויסנ צימער אונ מיר האָבנ געלייענט. ארײַנגעקומענ שעווירעוו [1]. איכ געדענק ניט, אז ער זאָל האָבנ עפעס א קאָנספיראטיווג שמועס מיט סאשענ, איכ געדענק נאָר, אז ער האָט זיכ צוגעזעצט מיט אונדז באמ טיש צו דער טיי אונ האָט אָנגעהויבנ קלאפנ מיטנ צונג, ווי געוויינלעכ. דער ברודער איז, ווײַזט אויס, ניט צופרידנ געווענ פונ זײַנ וויזיט אונ האָט אימ געענטפערט קורצ—„יאָ", „ניינ",—אונ נאָכדעמ איז ער אינגאנצנ אנטשוויגנ געוואָרנ אונ ארײַנגעשטעקט די אויגנ אינ בוכ. האָט דעמאָלט שעווריעוו זיכ אָנגעהויבנ ווענדנ צו מיר. ניט זײַענדיק פארינטערעסירט אינ שמועס, אונ ווײַטער האָב איכ געזעענ, אז ער שטערט דעמ ברודער, האָב איכ אימ אויכ אָנגעהויבנ זעלטענער ענטפערנ. ענדלעכ, האָט שעווירעוו פארשטאנענ, אז ער איז דאָ אצינד אנ איבעריקער—אונ איז אוועק. אונ דער ברודער האָט אויסגעדריקט זײַנ פארדראָס, וואָס ער האָט אימ געשטערט צו ארבעטנ.

איבערהויפט, אויב אלעקסאנדער איליטש האָט אָנגעשטרענגט געארבעט ביז דער לעצטער מינוט, איז, פארקערט, די אומבאשעפטיקטקײַט פונ גאָוואָרוכינענ אונ באזונדערס פונ שעווירעוונ האָט זיכ אלעמענ געוואָרפנ אינ די אויגנ.

שוינ די לעצטע טעג יאנוואר האָב איכ פונ יעליזאראָוונ, אָדער פונ טשעבאָטאריאָוונ, דערהערט וועגנ דעמ ארעסט פונ ניקאָנאָוונ, איינעמ פונ די, וועדליק איכ האָב געהערט, זייער סימפאטישע מיטגלידער פונעמ „עקאָנאָמישנ" קרײַזל, אינ וועלכנ דער ברודער איז אויכ ארײַנגעגאנגענ. בא זיכ האָב איכ מיר פארצייכנט, אז בא סאשענ איז געוואָרנ דאָס פּאָנעמ עפעס טרויעריקער, אז סאשע האָט זייער געקרענקט פונ דעמדאָזיקנ ארעסט.

נאָכ פריער פאר דעמ האָב איכ זיכ דערוווּסט, אז טשעבאָטאריאָוו ציט זיכ ארויס פונ סאשענ אונ זוכט צו אנ אנדערע קלענערע ווינונג.

---

1) א סטודענט פונ נאטורוויסנשאפטלעכנ פאקולטעט; געווענ אפ איינ קורס מיט אלעקסאנדער איליטשנ, אנ אָנטיילנעמער אינ דער פארשווערונג, געקעמפט איניינעמ מיט אלעקסאנדער איליטשנ.

דעמ מאָטיוו, פאַרוואָס ער פאָרט איבער, האָט מיר קיינער ניט דערקלערט, אונ איכ האָב זיכ דאָס אויסגעטײַטשט מיט עפּעס אנדערש, פאַרבינדנדיק דאָס מיט אנ אנדער מאָמענט.

איכ געדענק, אז שמידאָווע האָט מיר עפּעס איינמאָל א זאָג געטאָנ:

— אונ אלעקסאנדער איליטשנ איז אומעטיק איינעמ אליינ אָנ איוואנ ניקאָלײַעוויטשנ. איכ האָב אימ אנומלטנ געפרעגט: „ס׳איז אײַכ איצט אומעטיק איינעמ אליינ?”—האָט ער זיכ מוידע געווענ, אז ס׳איז טאקע אומעטיק.

אונ ווירקלעכ, — די גרויסע פוסטע דירע מיטנ ערשטנ צימער, וואָס איז געווענ ענלעכ אפּ א שטאל, אונ באזונדער זײַנענ דאָרט אויכ געוואָרנ ווייניקער, האָט איצט געמאכט עפּעס זייער אנ אומהיימלעכנ אײַנדרוק. סאשע האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט געמאָלדנ די באלעבאטים, אז ער לאָזט אָפּ די דירע, אונ דאָ בלײַבט ער נאָר, ביז ס׳וועט זיכ ענדיקנ דער כוידעש. נאָר מיר האָט זיכ אויסגעדאכט, אז ער ווײַזט אינ דעמ ארויס ווייניק ענערגיע, וואָס האָט זיכ ניט געלאָזט פארשטיינ, וואָרעמ די דירע פאר אימ אליינ איז געוואָרנ צו טײַער, אונ דער כוידעש האָט זיכ שוינ באלד געדארפט אויסלאָזנ. אונ אויכ צוליב דעמ, וואָס מע האָט נאָכ איר נאָכגעקוקט, איז גלײַכער געווענ זי איבערבײַטנ. איכ געדענק, אז איכ בינ אליינ אויכ אומגעגאנגענ אונ האָב געזוכט פאר סאשענ א דירע, נאָר קיינ פּאסיקס האָט זיכ ניט געטראָפנ; כוצדעמ האָב איכ אָנ אימ ניט געקאָנט באשליסנ, אונ ער איז אלצ ערגעצ געווענ פארנומענ אונ האָט ניט קיינ צײַט געהאט גיינ א קוק טאָנ. אזוי ארומ האָט ער געמוזט בלײַבנ נאָכ אפּ א כוידעש אונ ארײַנטראָגנ דאָס גאנצע דירע־געלט פאר פריער, וואָס ס׳האָט אויסגעזעענ אינ מײַנע אויגנ זייער ניט פּראקטיש.

נאָר אײַנצײַטיק מיט דעמ האָט סאשע ארומ אָנהייב פעווראל זיכ נאָכאמאָל גרונטלעכ אוועקגעזעצט אינ זאָאָלאָגישנ קאבינעט פונעמ אוניווערסיטעט אונ האָט דאָרט אָנגעהויבנ פארברענגענ אלע פרימאָרגנ. ער האָט אָנגעהויבנ א נײַע זעלבסשטענדיקע ארבעט אפּ דערלערנענ די ריִע־אָרגאנענ בא עפּעס אנ עקזאמפּליאר ווערימ. דאָס נערווועזע ארומלויפנ פונ דער לעצטער צײַט איז קימאט ווי ניט געוואָרנ. אָדער

יעדנפאלס האָט עס אפ א צײַט אופגעהערט. און איך האָב אינ דעמ פאר זיך דערפילט א גרויסע פארלײַכטערונג — די ארעסטנ זײַנען פאר אימ אראָפ בעשאָלעמ, ער האָט זיך צוריק פארזעצט פאר א וויסנשאפטלעכער ארבעט. אָט אזוי אומגעפער האָב איך זיך מיר דאָס אויסגעשטעלט אינ קאָפּ.

עמעס, ניט גאָר לאנג פאר דעמ האָט מיר סאשע געגעבנ צו וויסנ, אז אפ מײַנ אדרעס וועט, מעגלעך, אָנקומענ א טעלעגראמע פונ זײַנעטוועגנ מיט אנ אונטערשריפט „פעטראָוו“, און א מאָל איז ער ארײַנגעקומענ געוואָרע־ווערנ וועגנ דעמ. דאָס ווארטנ אפ אָט דער פארהוילענער טעלעגראמע האָט מיך א פאָר טעג אָפּגעהאלטנ אינ א נערוועזער אופגערעגטנ צושטאנד, נאָר קיינ שומ טעלעגראמע איז ניט אָנגעקומענ, — האָב איך אופגעהערט טראכטנ וועגנ איר.

פונדעסטוועגנ איינמאָל באנאכט האָט מיך ביטאמאָל אופגעוועקט א קלונג, וואָס האָט זייער איבערגעשראָקנ מײַנ באלעבאָסטע, און אז איך האָב דערזענ א טעלעגראמע, האָב איך פריִער פונ אלצ א טראכט געטאָנ מיט שרעק, צי האָט זיך עפעס ניט געטראָפנ אינדערהיימ? און כאָטש די טעלעגראמע איז געווענ אונטערגעשריבנ מיט א פרעמדנ נאָמענ „פעטראָוו“ און ארויסגעשיקט איז זי געווענ פונ ווילנע, ווו איך האָב קיינ באקאנטע ניט געהאט, נאָר דער ניט פארשטענדלעכער טעקסט — „די שוועסטער איז געפערלעך קראנק“ — און דער פאקט אליינ, וואָס די טעלעגראמע האָט זיך טאקע באקומענ, האָבנ מיך זייער אופגערעגט, און איך האָב לאנג ניט געקאָנט אנשלאָפנ ווערנ. אינדערפרי האָב איך זי אוועקגעטראָגנ צומ ברודער אינ אוניווערסיטעט. איך האָב געוווּסט, אז ער ארבעט דאָרט, און ניט געוואָלט אָפּלייגנ, ביז ער וועט ערשט קומענ אהיימ.

איך געדענק, ווי אצינד, זײַנ רויִקנ, נאָך אלצ פארטיפטנ פונ אינטענסיווער וויסנשאפטלעכער ארבעט, בליק, בעשאס ער איז ארויסגעגאנגענ צו מיר; איך געדענק דעמ אויסדרוק פונ אומרו, וואָס האָט פארביטנ דאָס פריִערדיקע, און דאָס אָנגעשטרענגטע פארטיפטע לייענענ די טעלעגראמע. מיר האָט זיך דאָס אויסגעוויזנ שרעקלעך לאנג פאר דרײַ קורצע ווערטער, וואָס האָבנ איבערגעגעבנ איר אינהאלט. מיך האָט איבערראשט דער אויסדרוק פונ גאָר עפעס וויכטיקס, וואָס די ווערטער

האָבנ ארויסגערופנ בא אים אפנ פּאָנעמ, דער מאָמענטאלער בײַט פונ זײַנ בליק אונ פונ דעמ גאנצנ באנעמענ זיכ, גלײַכ ווי דער מענטש שטויסט זיכ אָפּ פונ איינ ברעג אונ לאָזט זיכ אוועק צו א צווייטנ ברעג. אזא ראדיקאלנ בײַט פונ דער שטימונג האָב איכ אפ זײַנ רויִקנ פּאָנעמ קיינמאָל ניט געזענ — ניט פריִער אונ ניט שפּעטער.

איכ האָב ניט אויסגעהאלטנ.

— וואָס באטײַט עס, עפּעס זייער א שלעכטס, סאשע? — האָב איכ אימ געפרעגט.

— נייג, גאָר ניט... — האָט ער געענטפערט רויִק, פארוקנדיק די טעלעגראמע צו זיכ אינ בוזעמ־קעשענע, אונ, גלײַכ מע האָט ארויסגענומענ דעמ לאָמפּ פונ א לאמטערנ מיט אויסגעשניטענע געמעלנ אפ די ווענט, גלײַכ מײַנ פראגע וואָלט אימ איבערגעשראָקנ, אזוי מאָמענטאל איז אראָפּ ערגעצ טיפער אינ אימ יענע פריִערדיקע שײַנ, וואָס האָט מיט א מינוט פאר דעמ אָפּגעלויכטנ אפ זײַנ פּאָנעמ, אונ דאָס פּאָנעמ איז ווידער געווענ שטרענג, הארט, אָפּגעשלאָסנ. ווידער האָט זיכ באוויזנ אפ דעמ עפּעס אָפּגעפרעמדטס אונ אײַנגעשפּארטס, דאָס, וואָס האָט אונדז געמאכט ווײַט איינס פונ אנדערנ אינ דער לעצטער צײַט. אונ ווידעראמאָל בינ איכ צוגעגאנגענ נאָענט, נאָענט צומ סאָד, נאָר קיינ שומ באשייד האָב איכ ניט באקומענ.

— איכ האָב זי טייקעפּ פונ אינדערפרי דיר אָפּגעטראָגנ — האָב איכ גוט געטאָנ, צי נייג?

— יאָ, א דאנק!

נאָר איכ בינ אוועקגעגאנגענ מיט א פּײַנלעכנ געפיל פונ א צעצווייטנ אינ זיכ פּסיכישנ צושטאנד — פונ איינ זײַט האָב איכ אויסגעפילט דעמ אופטראג אזוי, ווי מע האָט מיכ געבעטנ, אונ, מעגלעכ, דורכ אלע פונ מײַנ זײַט אָנגענומענע פארהיט־מיטלענ האָב איכ אָפּגעווענדעט עטוואָס שלעכטס, — אזוי האָט אינ מיר גערעדט דער געדאנק. פונ דער צווייטער זײַט — טיפ אינ הארצנ, אינ דעמ, אזוי צו זאָגנ אונטערבאוווסטזײַנ, האָט עפּעס ווייטעקדיק גענודעט, גלײַכ פונ עפּעס א פּאָרגעפיל, אז איכ האָב געבראכט מיט דעמ אנ אומגליק. דאָס פארהוילענע אינ אָט דער געשיכטע האָט מיכ ניט געלאָזט רוענ, אונ אז איכ האָב איינגיכנ נאָכדעמ זיכ געטראָפנ מיט סאשענ בא מיר אינ צימער אונטער

פיר אויגן, האָב איך אים ווידעראַמאָל געפרעגט וועגן דער קאָנספּיראַטיווער טעלעגראַמע. ער איז ווידער אַנשוויגן געוואָרן און זיך פאַרטיפט אין זיך. אַ דערשראָקענע פון דעם, אַז איבער מײַן צעפרעגן זיך וועט ער קיינמאָל מיר גאָרניט וועלן פאַרטרויען, און מיסטאָם, ווײַל איך האָב מיר דעמאָלט פאָרגעשטעלט, צוליב מײַן אומבאַקאַנטשאַפט מיט קאָנספּיראַציע, אַז מיר האָבן די זאַך אַרומגעשטעלט אינגאַנצן קאָנספּיראַטיוו, האָב איך געזאָגט:

— נו, פונדעסטוועגן איז גוט, וואָס דו האָסט אָנגעוויזן מײַן אַדרעס, ניט דײַנעם, פאָרט פאָרזיכטיקער.

— ניין, — האָט ער געענטפערט, — ניט דערפאַר האָב איך אָנגעוויזן דײַן אַדרעס. איך האָב זיך דעמאָלט געקליבן בײַטן די דירע, האָב איך מײַנעם ניט געקאָנט אָנווײַזן.

און ווידער האָב איך זיך מער גאָרניט דערוווּסט.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז פאַרן ברודער, וואָס ניט די שטרעבונג זיך אַליין אַרויסדרייען, נאָר די אָפּוועזנהײַט פון אַן אייגענעם שטענדיקן אַדרעס האָט אים געצוווּנגען אָנצוווײַזן דעם אַדרעס פון אַ נאָענטן מענטשן. ניט דערלאָזנדיק די מעגלעכקײַט אַרויסגעגעבן צו ווערן דורך וועמען פון די אָנטיילנעמער, האָט ער ניט גערעכנט פאַר ריזיקאַל פאַר מיר אָנגעבן מײַן אַדרעס אַפּ איין מאָל. און ערשט נאָכדעם, אַפּן געריכט, האָט ער געזאָגט, אַז ס׳איז געווען אַ פעלער פון זײַן זײַט געבן דעם אַדרעס פון אַ מענטשן, וואָס האָט קיין שום שײַכעס ניט געהאַט צו דעם.

ווײַטער דערמאָן איך מיך די מאַסלעניצע־וואָך. מיטוואָך אָדער דאָנערשטיק די זעלבע וואָך, אַרײַנקומענדיק צו סאַשען, און ניט געטראָפן אים אינדערהיים, האָב איך זיך דערוווּסט בײַ די באַלעבאַטים, אַז ער האָט אינדערהיים ניט גענעכטיקט. דאָס האָט מיך באַאומרויִקט: ערשטנס איז ער ביז איצט קיינמאָל אינערגעץ ניט געגאַנגען פון שטוב נעכטיקן, צווייטנס, וואָס ער האָט מיר וועגן דעם ניט צו וויסן געגעבן. אַפּ מאָרגן בין איך ווידער אַרײַנגעקומען. דערזעלבער ענטפער: ניט געקומען נעכטיקן. שטאַרק צעטראָגן בין איך אַוועק צו גאָוואָרוכינען קלאָר מאַכן, וואָס זאָל עס באַטײַטן. דאָרט האָב איך געטראָפן שעווירעוון, זיי ביידע זײַנען, ווי ס׳ווײַזט אויס, אויך געווען פון דעם באַאומרויִקט,

שעווירייעוו איז אומגעלאָפנ נערוועז אָפ אונ אופ איבערנ צימער, גאָוואָר־רוכינ איז געזעסנ אנ אָנגעברויגעזטער. ער האָט מיר געזאָגט, אז דער ברודער איז צוגעפאָרנ דאָ נית ווײַט פונ פעטערבורג,—געזאָגט, ס'איז טאקע נית גוט פונ זײַנ זײַט, וואָס ער האָט מיר נית איבערגעגעב־ וועגנ דעמ, נאָר אלעמאָל גייג צו אימ אינ דער דירע, זיכ פרעגנ אפ אימ איז נית באקוועמ, אונ ער האָט זיכ געסטארעט מיכ בארויִקנ. נאָר נית זײַנ טאָנ, נית זייער ביידנס אויסזענ, האָבנ מיכ אפ קיינ קאפעלע נית בארויִקט. פארקערט, אפנ הארצנ איז מיר געוואָרנ נאָכ אומרויִקער־ דעמ פרימאָרגנ האָט זיכ דער פאָרהאנג איבער דער געשעעניש אופגע־דעקט פאר מיר קימאט מער ווי אלעמאָל, אונ איכ קאָנ איצט גאָר נית פארשטיינ, וויִאזוי האָב איכ עס דעמאָלט נית דערפירט מײַנ געדאנק ביז דעמ סאָפ. ווער שמועסט, אז אפ מײַנ פראגע, צוליב וואָס איז דער ברודער אהינ געפאָרנ, האָט מיר גאָוואָרוכינ געזאָגט, אז עפעס וואָס אָפדרוקנ אָדער העקטאָגראפירנ, אז עס איז קיינ שומ געפאר נית, אונ ער וועט אינגיכנ קומענ צוריק. אונ מיר האָט דער ברודער גאָר קיינמאָל נית געזאָגט, אז ער פערזענלעכ פארנעמט זיכ מיט דרוקנ אָדער העקטאָגראפירנ. איכ האָב, פארשטייט זיכ, פארשטאנענ, אז דאָס איז דאפקע גאָר אינ א גרויסער מאָס א ריזיקאלע זאכ אונ אז ביידע זיי, דעמ ברודערס כאווייריִמ, זײַנענ פונדעסטוועגנ אלײנ נית געפאָרנ אפ דער „ווייניק־ריזיקאלער" ארבעט, אונ זיצנ זיכ בעסער אָפ אָנ א זײַט. איכ געדענק, אז איכ בינ אוועק פונ דאָרט מיט א שווער־מײַנטלעכנ געפיל צו זיי ביידע. מע האָט מיר צוגעזאָגט, אז ווי באלד נאָר דער ברודער וועט זיכ אומקערנ, גיבנ זיי מיר טייקעפ צו וויסנ.

דערמאָנענדיק זיכ אצינד, כאפט מיכ נאָכאמאָל ארומ די געדיכטע, אומרו־אטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אינ יענעמ קליינעמ צימערל. אונ אזוי קלאָר, ווי קיינ זאכ נית, שטעלט זיכ מיר פאָר דאָס אופגע־רודערטע, ווי קיינמאָל נית ביז דעמאָלט, אויסזענ בא שעווירייעוונ אונ גאָוואָרוכינענ. כאָטש ער סטארעט זיכ אונטערהאלטנ אינ זיכ זײַנ שטענ־דיקע גלײַכגעוויכט־רו, נאָר ס'איז צו זענ, אז ער איז אויכ באומרויִקט. נאָר מיט מײַנ גוואלדיקער אומדערפארנקײַט אונ נית גלויבנ אינ זיכ, אינ מײַנע אומיטלבארע אײַנדרוקנ, קאָנ איכ איצט דערקלערנ דאָס, ווי גרינג איכ האָב זיכ אלײנ געלאָזט בארויִקנ דורכ דעמ פאקט, וואָס דער

ברודער האָט זיך אומגעקערט און וואָס דער אויסזען איז בא אים געווען זיין שטענדיקער רויִקער אויסזען. פונאָנהייב האָב איך געטראָפן בא זיך זיינס א צעטעלע, וואָס ער האָט מיר איבערגעלאָזט, בעיס איך בין אינדערהיים ניט געווען, ווו ער האָט געשריבן, אז ער וועט נאָכאמאָל אריינגיין,—נאָכדעם האָב איך געטראָפן שוין אים אליין.

אויך געדענק איך, אז מיך האָט אָפּגעשטעלט עפּעס א באזונדערער אויסדרוק אפ זיין פּאָנעם, נאָר מיסטאמ האָב איך זיך אזוי איבערגעמוטשעט פאר די לעצטע טעג, אז פון יונגקייט און ניט געוווינשאפט צו שווערע איבערלעבונגען, האָב איך זיך מער געכאפּט פאר דעם, וואָס איז אין אים געווען באַרויִקנדיקס פאר מיר,—דאָס, וואָס ער איז דאָ, זיינע באַרויִקנדיקע ווערטער,—איידער דאָס, וואָס איז געווען אין דעם אַלעמען באומרויִקנדיקס. איך געדענק, אז איך האָב אים פירגעהאַלטן, אַלעמיי האָט ער מיר ניט איבערגעגעבן, אז ער פאָרט ערגעץ אָפּ, און ער האָט מוידע געווען, אז ס'איז טאקע געווען א פעלער. איך געדענק, אז איך האָב אים געפרעגט, וואָס האָט ער געדרוקט, און האָב אים איבערגעגעבן מיין אומרויִקן געפיל וועגן דער ריזיקאַלישקייט פון אזא ארבעט.

— דו האָסט דאָך עפּעס געדרוקט ?

— ניין,—האָט ער געענטפערט.

— און גאָוואָרוכין האָט געזאָגט, אז דו האָסט געדרוקט.

ער האָט געשוויגן.

זייער א כאראקטעריסטישער שטריך אין אים איז געווען דאָס, וואָס ער האָט ניט געקאָנט זאָגן קיין ליגן. טאָמער האָט ער עפּעס וואָס ניט געקאָנט דערציילן, האָט ער געשוויגן. דער כאראקטער־שטריך האָט זיך אין אים זייער בולעט ארויסגעוויזן אויך אפן געריכט. און אָט — אַלע געציילטע מאָל, ווען איך האָב זיך ניט געפרווט עפּעס דערפרעגן בוי אים, האָב איך זיך שטענדיק אָנגעשטויסן, ווי אין א פעלדז, אפ זיין פעסטן שוויַגן. פון איין זייט, ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, פלעג עס מיך באַליידיקן, איך האָב אין דעם איינגעזען אַן אומצוטרוי צו מיר און איך האָב עס אים ארויסגעזאָגט און ארויסגעוויזן, נאָר איך האָב אַלץ באגעגנט דיזעלביקע שטייפע אָפּגעשלאָסנקייט. איך געדענק ווי איינמאָל, — אין זיקאָרן איז ניט געבליבן ניט די צייט, ווען ס'איז

געשען, ניט די סיבע דערפון, — האָט מײַן באַלײדיקט געפיל ווי אַרויסגעשאָסן פון מיר: „דו האָסט מיך ניט ליב און האָסט ניט קיין אָפּשײַ צו מיר!“—האָב איך אויסגעשריגן. נאָר איך בין באַלד אָפּן אָרט געווען פאַרשעמט פון זײַן טיפ־באַדויערנדיקן טאָן: „דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב דיך ליב און שעץ דיך“.—בײַ אים האָט זיך דאָס אַרויסגערעדט אַזוי, אַז ס׳איז אים ניט מעגלעך געווען צו דערווידערן. נאָך אַזעלכע ווערטער און נאָך דעם בליק, מיט וועלכן ער האָט באַגלייט זײַנע ווערטער, איז מיר נאָר געבליבן זיך אַביסל נעמען אין די הענט.

פון דער צווייטער זײַט, האָב איך אינסטינקטיוו געפילט, אַז דאָ איז פאַרבאָרגן עפּעס טיפֿס און ערנסטס, דאָס האָט מיר אימפּאָנירט, און איך האָב זיך ניט דערלויבט פרעגן ווײַטער. און אַביסל זײַן מער אויפמערקזאַמע באַציִונג, אַביסל זײַנע עטלעכע צוגעלאָזטע ווערטער, און דעריקער זײַן רויִקײַט, וואָס איז לאַכלוטן ניט מעגלעך פאַר מײַן נאַטור בײַ געוויסע אומרויִקע באַדינגונגען, האָבן גיך באַרויִקט מײַן ניט־ווײַטזיכטיקײַט.

דאָס אייגענע האָט געטראָפן אין דער קורצער באַגעגעניש נאָך זײַן קומען פון פאַרגאָלאָוואָ. און כאָצדעם, האָב איך מוירע געהאַט זײַן צו פאָדערנדיק, איך האָב מוירע געהאַט, אַז דעמאָלט וועט ער גאָר ווייניקער וועלן מיט מיר רעדן.

אין איינעם פון די לעצטע „מאַסליענע“ טעג בין איך אַוועקגעפאָרן, לויט דער ביטע פון שעווירעווס שוועסטער, מײַנע קורס־כאַווערטעס קיין ליעסנאָיע אָפּ לאַטקעס. זיי האָבן דאָרט פאַרבראַכט דעם יאָנטעוו באַם עלטערן ברודער, אַ פּראָפעסער פונעם וואַלד־אינסטיטוט. פּיאָטר יאַקאָוליעוויטש שעווירעוון האָב איך דאָרטן ניט געטראָפן. אי די שוועסטער, אי דער ברודער, האָבן גערעדט מיט אומצופרידנקײַט וועגן דעם פאַרוואָס ער פאָרט ניט קיין קרים, וואָס ס׳פאָדערט זיך צוליב זײַן געזונט, אַז ער לויפט אַסאַך אום, ריזיקירט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳קימערט זיי ניט אַפּ אַזויפיל זײַן געזונט, ווי דאָס, ער זאָל ניט אַרײַן אין עפּעס אַ געשיכטע. און אַ שרעק פאַר סאַשען, צו וועלכן ער לויפט אַזוי אָפט, מיט וועלכן ער שושקעט זיך וועגן עפּעס, האָט מיר אַ שניט געטאָן, ווי מיט אַ מעסער, איבערן האַרצן...

דערבײַ האָב איכ באַמערקט, אַז שעווירישוס אײגענע באַציִען זיכ צו אים מיט אַ געוויסער דאָזע פאַראַכטונג...

שוינ שפּעטער האָט מיר טשעבאָטאַריאָוו דערציילט, אַז בעיס ער האָט זיכ געטראָפֿנ באַמ געריכט אינ דעמ אײדעס־צימער מיט שעוויריעוו דעמ פּראָפֿעסער, האָט יענער זיכ באַשטימט ארויסגעזאָגט מיט פאַראַכטונג וועגנ זײַנ ברודער, וווּנדערנדיק זיכ, וויִאַזוי האָבנ זיכ עס ערנסטע מענטשנ אימ געקאָנט אַרײַננעמענ צו זיכ אינ אָרגאַניזאַציִע. פאַרשטײט זיכ, דאָס קאָנ מענ דערקלערנ אינ אַ געוויסער מאָס מיט דעמ, וואָס דער פּראָפֿעסער איז געווענ ווײַט פונ רעוואָליוציִאָנערע אָנשויונגענ. נאָר מאָראַלע קראַפֿט — איז שטענדיק קראַפֿט, אונ אינטעלעקט — איז שטענדיק אינטעלעקט. מענטשנ אַנערקענענ געוויינלעכ אי אײנס, אי דאָס צווייטע, אונ רעכענענ זיכ מיט דעמ, אפֿילו ווענ זיי זײַנענ ניט מאַסכּימ מיט דער ריכטונג.

אינ אײנעמ פונ די זונטיקנ „פּאַסליענע״־צײַט, דאַכט זיכ, דעמ לעצטנ זונטיק, בינ איכ אַוועק מיטנ ברודער אָפּעסנ מיטעק אינ דער גאָרקיכ, וואָס שעוויריעוו האָט אָרגאַניזירט ערגעץ אַפֿ דער פּעטערבורגער זײַט. מענטשנ איז דאָרט געווענ איבערגעפֿולט. מיר האָבנ דאָרט געטראָפֿנ שעוויריעוונ אויכ, אונ מיר האָט זיכ אַ וואָרפֿ געטאָנ אינ אויג זײַנ באַזונדערע אופֿגעשרויפֿטקײַט. באַגריסט זיכ מיט אַ קורצנ נויג מיטנ קאָפּ אָדער אָפּנ ווינק מיטנ ברודער, האָט ער זיכ צוגעזעצט לעבנ מיר אונ אָנגעהויבנ פּלאַפּלענ גאָרנישט מיט נישט. אַזויווי באַ מיר איז מיט אימ געווענ נאָר אַנ אויבערפֿלעכלעכע קענטשאַפֿט אונ צומ טאָנ, ווי מע שמועסט מיט אַ „באַרישניע״, בינ איכ לאַכלוטנ ניט געווענ געווינט, איז מיר געוואָרנ לאַנגווײַליק, אונ איכ האָב זיכ געײַלט וואָס גיכער ענדיקנ דעמ מיטעק; אונ דער ברודער איז געווענ אַנ אָנגעכמורעטער. אונ אָט האָט זיכ באַ מיר, אַ מענטשנ לאַכלוטנ ניט קײנ געניטנ אינ וואָסערע ס׳ניט איז קאָנספּיראַטיווע איניאָנימ, אַרײַנגעגאַנוועט אַנ אומקלאָרער, נאָר פּאָרט זייער אַ פּײַנלעכער כשאַד, אַז מע סטאַרעט זיכ מיכ אָפּווענדנ פונ עפּעס, אָפּנאַרנ, אַז די פּלאַפּלערײַ איז געווענדעט נאָר אַפֿ דעמ, קעדיי עפּעס פאַרשמירנ, פאַרײַבנ. אַז מיר זײַנענ ארויסגעגאַנגענ מיטנ ברודער פונ דאָרטנ, האָט זיכ מיר די גאַנצע צײַט געדרייט אַפּנ צונג אַ וואָרט, איכ האָב אימ עס געוואָלט זאָגנ:

„שעוויריעוו סטארעט זיכ עפּעס פארשמירנ, מע זעט דאָכ עס אזוי קלאָר. היט זיכ פאר אימ!"

נאָר די ניט גענויע זיכערקייט אינ זיכ אונ דער פארטיפטער אינ זיכ אויסזענ פונעמ ברודער האָבנ מיכ אָפּגעהאלטנ פונ ארויסזאָגנ מיינ מיינונג,— אונ איכ האָב גאָרניט געזאָגט.

דערדאָזיקער איינדרוק מיינער באווייזט, אז די אופגעשרויפטקייט אינ דער נערווועזער אושיאָטאוש בא שעוויריעווג האָבנ זיכ געוויזנ אינ די אויגנ אפילע פאר זייטיקע, אפילע פאר אזעלכע אומדערפארענע מענטשנ, ווי איכ בינ געווענ אינ יענער צייט.

געפינענדיק זיכ אינ א צושטאנד פונ אנ אומבאשטימטער אומרויִקייט פארנ ברודער, נאָר וואָס איז פונ דער אומבאשטימטקייט געווענ ניט ווייניקער פיינלעכ, האָב איכ די לעצטע פאָר וואָכנ פארנ 1־טנ מארט געקלערט איבערשמועסנ מיט עמעצנ, וואָס וואָלט געקאָנט אופווירקנ אפנ ברודער אינ דעמ זינ, ער זאָל זיינ אביסל מער געהיט. מיינ אויס־וואל האָט זיכ דערביי אָפּגעשטעלט נאָר אפ איינעמ — אפ דעמ פאָטער פונ מיינ קורס־כאווערטע ל. וו. ווינבערג, צו וועלכער איכ פלעג אָפט מאָל אריינקומענ אינ שטוב. וולאדימיר קארלאָוויטש ווינבערג איז געווענ א פאָרשריטלעכער מענטש, זייער אנ אנטוויקלטער אונ סימפאטי־שער, אינ יענער טויב־פארדומפענער צייט, באלד נאָכ דעמ אטענטאט אפ אלעקסאנדער דעמ צווייטנ, בעייס אינ די אלע אדרעסנ פונ אלע זעמסטוועס האָט מענ דעמ נייעמ קייסער אויסגעדריקט נאָר הוילע קנעכט־געפילנ, האָט נאָר ער איינער, דעמאָלט פאָרזיצער פונ דער סימפעראָפּאָלער גובערניִאלער זעמסקער פארוואלטונג (אופראווא), אונ דער פאָרזיצער פונ דער סאמארער פארוואלטונג, א. נ. כארדינ, געפרווווט אינ פאָרזיכטיקע ווערטער, נאטירלעכ, אָנווייזנ, ווי אפ דער הויפט־אופגאבע פונ דער נייער מעלוכע־פירונג — די נויטווענדיקייט צו פארגרעסערנ די פויערישע ערד־נאָרמעס. זיי ביידנ האָט מענ באלד אראָפּגעזעצט פונ די פאָסטנס פאר זייער כוצפע, אונ ווינבערגנ האָט מענ אפילע ארויסגעשיקט פונ קרימ. ער האָט אויכ געהאט אומיטלבארע פארבינדונגענ מיט די רעוואָליוציאָנערנ. שוינ שפעטער האָב איכ זיכ דערוווּסט, אז ער האָט אויסגעבאהאלטנ אייניקע אָנגעזעענע טעראָריסטנ בא זיכ אינ גוט. דאָס איז ניט געווענ אופגעדעקט, נאָר מעגלעכ, אז

אַ געוויסער כּשאַד אױף זײַן נאָענטקײַט צו די רעוואָליוציאָנערן איז בײַ דער רעגירונג געווען. וולאַדימיר קאָרלאָוויטש האָט אױסגעקליבן דערפֿאַר, קערײַ צו זײַן נעענטער צו דער פֿאַמיליע, וואָס האָט זיך באַזעצט אין פּעטערבורג, און ער פֿלעג צופֿאָרן אַהין אומלעגאַל. אין צוויי־דרײַ יאָר אַרום האָט ער אױך באַקומען אַ דערלױבעניש זיך באַזעצן אין פּע־טערבורג.

ער איז געווען אַ לעבעדיקער, אַ פֿײַלבאַרער, אַ גײַסטיק־יונגער. ער האָט זײער פֿײַלבאַר זיך באַצױגן צו דער יוגנט, און די יוגנט האָט זיך גערן געצויגן צו אים; אַז מע פֿלעג זיך דאָרט צונױפֿקומען, פֿלעג זײַן זײער מונטערדיק־פֿרײלעך, און איך האָב צו זײ ליב געהאַט אַמאָל אַרײַנקומען. איך האָב געפּרוּווט פֿאַרשלעפּן אַהין סאַשען אױך, נאָר ס׳האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן. וועגן דעם אַז איך זאָל אָפֿנהערציק איבערשמועסן מיט ווינבערגן וועגן מײַן אומרויִקײט בנוגע סאַשען, האָט מיך אָנגעשטויסן אַ געוויסער פֿאַל. אין דער לעצטער צײַט, אױב איך האָב ניט קײן טעות, אין פֿעברואַל, האָב איך אים אַ ווײַז געטאָן אַ בילעטל מיטן שטעמפּל פֿון „רויטן קרייץ", פֿאַרלײגנדיק עפּעס געבן פֿאַר די אַרעסטירטע. האָט ער מיר געזאָגט:

— געלט וועל איך אײַך געבן, נאָר דאָס בילעטל צערײַסט און ווענדעט זיך גלײַך אָן דעם צו די באַקאַנטע, וועלכע איר פֿאַרטרויט. אַזעלכע בילעטלעך און צעטלען ברענגען נאָר דורכפֿאַלן. דער, וואָס גלויבט אײַך, וועט אײַך אָן דעם אױך געבן געלט.

זײַן אײצע האָב איך געפֿאָלגט נאָר אױף האַלב — איך האָב זיך שוין מער צו קײנעם ניט געווענדעט מיט דעם בילעטל, נאָר דאָס בילעטל האָב איך איבערגעלאָזט בײַ זיך, און שוין ווען איך בין געווען אַרעס־טירט, האָט מיר זיך אײַנגעגעבן דאָס אַרויסוואַרפֿן אַ צעקנײטשטס אין הויף פֿון דער אָכראַנקע.

אין פֿאַרבינדונג מיט דעם דערמאָן איך זיך, אַז וו. ק. ווינבערג האָט אַרויסגעוויזן צו מיר אַ רירנדיקע אױפֿמערקזאַמקײט. דערהערט דעם 2־טן מאַרט וועגן די אָן אַ שיר פֿאָרגעקומענע אַרעסטן, האָט ער זיך דערמאָנט וועגן בילעטל און איז אַלײן אַוועק מיר צו וויסן געבן וועגן דעם, נאָר אין וועג האָט אים עמעצער פֿאַרהאַלטן און געזאָגט, אַז איך בין שוין אַרעסטירט. זײַן פֿראָסטע האַרצלעכע און זײער טאַק־

טישע באַציִונג צו אונדז, יוגנט, האָט מיך אָנגעשלאָגן אַפּן געדאַנק, אַז אויך אַפּן ברודער וועט ער עפּשער קאָנען ווירקן. נאָר עס איז שוין געווען אין די לעצטע וואָכן פאַר דעם ערשטן מאַרט. איך האָב זיך געוואַקלט: מיט ווינבערגן בין איך געווען ניט אַפּ אַזויפיל נאָענט, און צי מעג איך עס טאָן בענעגייע צו סאַשען, האָב איך אויך ניט געקאָנט באַשליסן; און דערבײַ האָב איך ניט פּראָוויסגעוזען קיין מעגלעכקייט אויסטאָן מיט דעם עפּעס וואָס קאָנקרעטס, ווײַבאַלד סאַשען האָט מען בעשומויפּן ניט געקאָנט אַרײַנכאַפּן צו די ווינבערגס... און אָט אַזוי האָב איך ניט באַוויזן מײַן פּלאַן אויסצופּילן.

פון יענער צײַט דערמאָן איך זיך נאָך א באַזוך מיט סאַשען בא איינעם פון די טאָגטעגלעכע אַרײַנגייערס צו די ווינבערגס, א יונגן פּראָפעסער, דעמאָלט נאָר וואָס, דאַכט מיר, איבערגעלאָזט באַם אוניווערסיטעט, מיכאַיִל אַלעקסאַנדראָוויטש דיאַקאָנאָוו. איך האָב געלערנט אינײַנעם מיט זײַן פרוי, מײַנע א קורס־כאַווערטע, און פלעג בא זיי זײַן גאַנץ אָפט. סאַשע איז געווען בא זיי דאָס ערשטע מאָל, נאָר מיט דיאַקאָנאָוון אַליין האָט ער זיך, דאַכט מיר, שוין געהאַט ערגעץ פריִער ווו באַגעגנט. אַרײַנגעקומען זײַנען מיר באַטאָג אַפּ איינע מינוט־קעלע. איך, געדענקט זיך, בין געווען צופרידן, וואָס סאַשע גייט מיט מיר, איך האָב געוואָלט אים באַקאַנט מאַכן מיט דער פאַמיליע. נאָר פון דאָרט האָב איך זיך אומגעקערט מיט אים אַן אַנטוישטע; סאַשע, לאָזט זיך אויס, איז געגאַנגען אַהין צוליב א ספּעציעלער זאַך, דאַכט זיך, בעטן בא דיאַקאָנאָוון זײַן אַדרעס צוליב עפּעס. דיאַקאָנאָוו האָט אים אָפּגעזאָגט. סאַשע האָט גאָרניט געענטפערט, ווי שטענדיק, נאָר עפּעס א שאָטן פון שטאַרקער אומצופרידנקײַט האָט זיך אָפּגעלייגט בא אים אַפּן פּאָנעם, און שטענדיק א שטרענגער, אַן אָפּגעשלאָסענער, איז ער איצט געוואָרן נאָך שטרענגער און אָפּגעשלאָסענער. איך געדענק, ווי די מאַן און ווײַב דיאַקאָנאָווס האָבן זיך געסטאַרעט אָפּשוואַכן דעם אײַנדרוק פונעם אָפּזאָג, נאָר דאָס האָט גאָרניט געגעבן — דער ברודער האָט זיך אין א מינוט־צוויי אַרום אופגעהויבן, און מיר זײַנען אוועקגעגאַנגען. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז סאַשעס קאַלטע האַלטונג מיט זיי איז געווען ניט גענוג באַגרינדעט, און איך האָב אים דאָס דערקלערט צוריקוועגס, איך האָב זיך געסטאַרעט פאַרזיכערן, אַז

די דיאקאָנאָווס זייַנען סימפּאטישע מענטשן, נאָר ער האָט אַלץ געשוויגן, קאלט, אייַנגעשפּארט.

שוין נאָכדעם, נאָך זייַן טויט, ווען די דיאקאָנאָווס זייַנען אריַינגעגאנגען זיך געזעגענען מיט מיר פאר מייַן אָפּפאָרן פון פּעטערבורג, און איך האָב אָנגעהויבן זיך באקלאָגן אף זיך אַליין, פארוואָס האָב איך ניט אָנגענומען קיין מיטלען צו פארהיטן דעם ברודער, האָט מיר מיכאיל אלעקסאנדראָוויטש געזאָגט:

— וואָס האָט מען דאָ געקאָנט העלפן? ווער וואָלט דען געקאָנט ווירקן אף אים? איך האָב אזוי ווינציק געקאָנט אייַער ברודער, נאָר מע האָט באַלד געזען, אז ס'איז א מענטש מיט אן אייַזערנעם כאראקטער. — און דערבייַ האָט ער צוגעגעבן: — איך קאָן אייַך נאָר זאָגן, ווי א טרייסט, אז אייַער ברודער איז ניט אומזיסט אומגעקומען, — און אַלס באווייַז איבערגעגעבן אייניקע געשפּרעכן אין די ספערן. איך האָב בעשומויפן ניט געקענט מאסקים זייַן מיט דעם און האָב אים אָפּגעענטפערט מיט פארביטערטקייַט:

— זאָל זייַן אפילע אזוי, בארעכטיקן זיך דען דורך דעם אזעלכע קאָרבאָנעס, דער אומקום פון אזעלכע מענטשן?

דיאקאָנאָוו האָט קאַלט באמערקט:

— פארשטייט זיך, געפילן פון אייגענע... — אָדער עפּעס ענלעכס פון דעם מין, און ס'איז געווען קענטיק, אז ער באציט זיך נעגאטיוו צו דעם, וואָס איך קאָן ניט אופהייבן זיך העכער פון די אייגענע געפילן.

און מיר איז געשטאנען פאר די אויגן סאשעס אָנגעכמורעט פּאָנעם נאָך אונדזער דעמאָלטיקן באזוך, און ס'איז מיר איצט געוואָרן פארשטענדלעך, ס'האָט מיר ווי געזאָגט: „אָט זייַנען זיי אָט די לייַט... זיי האַלטן פון עקסטרעמע מיטלען, נאָר טאָמער קאָן דאָס בארירן זיי אליין, ווילן זיי ניט ריזיקירן מיט דער מינדסטער זאך". און דאָס, וואָס עס האָט זיך פריִער עפּעס ניט געקלעפּט מיט סאשעס שטענדיק דעליקאטער און טאָלעראנטער באציִונג צו אנדערע, — זייַן שטרענגער אורטייל פאר דעם אָפּזאָגן אין א קלייניקייַט — איז מיר געוואָרן אינגאנצן קלאָר.

נאָך מייַן ארעסט, בעיס מייַן זיצן אין הויז פון די דערוויַיליק־ארעסטירטע, אז איך האָב גענומען אָנגעשטרענגט דורכטראכטן מייַנע

לעצטע באגעגענישנ מיטנ ברודער, ווילנדיק קלאָר מאכנ פאר זיכ אליינ דאָס, וואָס איז געשענ, האָב איכ אופגעשטעלט אינ זיקאָרנ טאָג נאָכ טאָג די לעצטע וואָכ, אונ שפּעטער האָב איכ דאָס בא זיכ פארצייכנט. אזוי ארומ קאָנ איכ מיט זיכערקייט זאָגנ, אז מאָנטיק דעמ 23-טנ פעווראל איז טאַשע אריינגעקומענ צו מיר אונ האָט פארבראכט בא מיר,—וואָס עס איז פאר דער לעצטער צייט מאמעש געווענ א זעלטענער פאל,—דעמ גאנצנ אָוונט. ביז די טיי איז געוואָרנ פארטיק, האָט ער זיכ צוגעשפארט אפ דער קושעטקע אונ אָפּגעשלאָפנ א גאנצ היפּשע צייט. נאָכדעמ האָב איכ אימ דערלאנגט א בריוו פונ סימבירסק פונ איינעמ פונעמ טאטנס מיטארבעטער, אי. וו. אָשערסקי, וואָס האָט קענטיק, אלס ענטפער אפ מיינ אָנפראגע, מיר געשריבנ וועגנ דער מאמענ.

ער האָט געשריבנ, אז פאר דער לעצטער צייט איז זי געוואָרנ אסאכ רויִקער אונ מונטערער,—דערפאר די יאָרצייט-טעג האָט זי איבערגעלעבט זייער שווער.

אונטערגעשפארט דעמ קאָפּ מיט ביידע הענט, האָט טאַשע לאנג-לאנג געקוקט אפ די שורעס, גלייכ זיינ גאנצע נעשאָמע האָט ער אריינגעלייגט אינ זיי... מיר האָט ווי געטאָנ פאר זיינע איבערלעבונגענ, פאר אָט דעמ בליק, פול מיט פייער, נאָר אינ דערזעלבער צייט האָב איכ זיכ געטראכט: „גוט, וואָס איכ האָב אימ געוויזנ דעמ בריוו. ער ווייטעקט אזוי פאר דער מאמענ, צוליב איר וועט ער זיכ כאָטש אביסל צוהיטנ". אנ איבעריקער באווייז, אז קיינער קאָנ ניט ארויס פונ זיינ אייגענער נאטור אונ נאָר אינ איינקלאנג מיט זיינע כאראקטער-אייגנשאפטנ לעבט ער איבער אלצ, וואָס קומט אימ. איכ האָב זיכ ניט געקאָנט פאָרשטעלנ, אז טיפע אונ ערנסטע געדאנקענ וועגנ דער מוטער, וואָס דו האָסט שטארק ליב, אונ וועגנ אירע שווערע איבערלעבונגענ — קאָנענ זיכ צוזאמענגיסנ מיט אזא אנטשלאָסנקייט, וואָס האָט געדארפט דערלאנגענ אזא שרעקלעכנ קלאפּ דער מוטער... אונ דערביי זאָל נאָכ מעגלעכ זיינ איינהיטנ אזא רויִקייט אינ זיכ.

ביכלאל, בינ איכ געווענ שטארק דערפרייט מיט דעמ אריינקומענ פונעמ ברודער, אונ האָב דערפילט א געוויסע פארלייכטערונג נאָכ אָט דעמ אָוונט.

אפ דעמ צווייטנ טאָג איז סאשע ווידעראמאָל ארײַנגעקומענ צו מיר — דאכט זיכ, מיכ בעטנ איכ זאָל אײַנאָרדענענ אפ נאכטיקנ אנ אָנגעפאָרענע באקאנטע.

מיטוואָכ אפדערנאכט בינ איכ צוגעגאנגענ צו אימ, נאָר איכ האָב דערזענ עטלעכע אומבאקאנטע מענטשנ (אינ איינעמ פונ זיי האָב איכ לויט דער פאָטאָגראפיע, וואָס מע האָט מיר באוויזנ אינ דער דעפענזיווע, דערקענט לוקאשעוויטשנ [1]). סאשע איז מיט מיר ארויסגעגאנגענ אינ צווייטנ צימער. קענטלעכ, אז מע האָט אפ אימ געווארט, אונ ער האָט זיכ געײַלט. דערפילט זיכ ניט באקוועמ איבער די אומבאקאנטע מענטשנ אונ פונ דעמ, וואָס איכ האָב איבערגעשלאָגנ אינמיטנ, בינ איכ גיכ צוריק אוועקגעגאנגענ. אפנ הארצנ איז מיר געווענ שווער — ס׳קומט פאָר עפּעס אזוינס, וואָס דער ברודער דערקלערט מיר ניט, פאר וועלכנ ער רעכנט מיכ נאָכ ניט גענוג אנטוויקלט, נאָר עפּעס אנ ערנסטס... דאָס איז גראָד געווענ יענע באראטונג פאר דעמ, איידער די באָמבע־וואַרפער זײַנענ ארויס אפ דער גאס, דעמ 25־טנ פעווראל, — וועגנ וועלכער לוקאשעוויטש דערציילט אינ זײַנע זיכ־רונעס.

אפ מאָרגנ, דעמ 26־טנ, איז געווענ יאָנטעוו, א קייזערלעכער טאבעלטאָג. סאשע איז ארײַנגעקומענ צו מיר אינדערפרי, אונ עפּעס איז ער געווענ שטארק פארטיפט, אזויווי פונ עפּעס אופגערודערט. זײַנע עטפערנ זײַנענ געווענ קורצע, ווי שטענדיק. קיינ שומ איניענ האָט ער צו מיר ניט געהאט. ער האָט זיכ אוועקגעזעצט, ניט ארויפנעמענדיק דעמ פאלטאָ, בא דער סאמע טיר פונ צימער, נאָר אָפּגעזעסנ גאנצ לאנג. איכ געדענק ניט, צי איכ האָב אימ וועגנ עפּעס וואָס געפרעגט, איכ געדענק נאָר, אז איכ האָב זיכ געסטארעט אימ פארווײַלנ, ארײַנציענ אינ א שמועס, איכ האָב אימ דערציילט וועגנ אייניקע געזעלשאפטלעכע אונ ליטערארישע נײַסנ, איבערגעגעבנ דעמ אינהאלט פונ עפּעס א נײַעמ, נאָר־וואָס דערמאָלט דערשינענעמ בוכ, וואָס האָט מיר אויסגעדאכט פאר שטארק „קלוג"... איכ בינ געקראָכנ מאמעש פונ דער הויט, קעדיי אימ פארינטערעסירנ, אונ בינ געבליבנ זיצנ ווי אָפּהענטיק, אנטוישט אונ אביסל באליידיקט אויכ, וואָס ער איז עפּעס אזוי מיטא־

---

1) איינער פונ די אָנטיילנעמער אינ דער פארשווערונג.

מאָל אוועק, וואָס ער האָט גאָרניט גערעדט מיט מיר, וואָס עפּעס אזעלעכס באהאלט ער פונ מיר אויס...

ערשט שפּעטער האָב איכ פארשטאנענ, אז זייענדיק אינ אָט די טעג, ווענ די באָמבע־וואַרפער זיינענ דאָס ערשטע מאָל ארויס אפּ דער גאס, אינ א שטארק אָנגעשטרענגטנ צושטאנד אונ פולנ אומרו, איז ער ארייַנגעקומענ צו מיר, צו אנ אייגענעמ מענטשנ, געפינענ בא מיר א קאפּ רו, ס׳קאָנ זיינ — געמיינט זיכ געזעגענענ... אונ איכ האָב ניט געקאָנט צוגיינ צו אימ ווי ס׳קער צו זיינ, ער זאָל כאָטש וויפל ס׳ניט איז אופעפענענ פאר מיר דאָס הארצ. אונ אָט די ווירקלעכ לעצטע באגעגעניש מיט אימ (אפּ מאָרגנ האָב איכ אימ דאפקע געזענ, נאָר פארבייַגייענדיק אפּ דער גאס), האָט איבערגעלאָזט בא מיר אפּ לאנגע יאָרנ שפּעטער א טיפנ געפיל פונ אומצופרידנקייט מיט זיכ אליינ.

נאָר עפּעס אומקלאָרס איז ווי געהאנגענ איבער אימ, געשטערט זיכ קאָנצענטרירנ בא דער ארבעט, אונ דעמ 27־טנ האָב איכ באשלאָסנ צופאָרנ אינעמ וואָלקאָוו־דאָרפ, בייַזייַנ אפּ די לימודימ בא איינעמ א לערער פונ דער פאָלקס־שול, וואָס מייַנע קורס־כאווערטעס האָבנ אימ שטארק פארלויבט. איכ האָב זיכ געגרייט ווערנ א לערערנ. ניט געפונענ גאָר ניט אזעלעכס אינ זיינ לימוד־פירונג נאָכ אונדזערע סימבירסקער שולנ, אונ אויסגעווייַנט כאָטש א קאפּ דעמ אומעט פונ הארצנ אפּ די פרעמדע קוואָרימ, צווישנ וועלכע איכ האָב זיכ אפּ צוריקוועגס גייענדיק פארפלאָנטערט, — האָב איכ פלוצימ שויִנ, ארויסגעגאנגענ אפּ דער פּעטערבורגער זייט, באגעגנט סאשענ.

דערהערט, אז איכ גיי פונעמ וואָלקאָווער בייסוילעמ, האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט אונ מיט פארוווּנדערונג א פרעג געטאָנ, נאָכ וואָס בינ אהינ געפאָרג, נאָר אויסגעהערט מיינ ענטפער, איז זיינ אינטערעס קענטלעכ געלאָשנ געוואָרנ, אונ ער איז זיכ אוועק ווייַטער אינ זיינ וועג.

אפּ מאָרגנ, דעמ 28־טנ, בינ איכ אינאָוונט ארייַנגעגאנגענ צו אימ. נאָר איכ האָב אימ ניט געטראָפנ אינדערהיימ. דעמ 1־טנ מארט, זונטיק, איז צו מיר געקומענ צוגיינ אינדערפרי שמידאָווא אונ געזאָגט, זי איז נאָר־וואָס געוועננ בא סאשענ, נאָר ער איז שויִנ ערגעצ אוועקגעגאנגענ. ארייַנגע־

קומען איז אויך מ. ט. יעליזאראָוו, און מיר זײַנען אלע אינדרײַען אוועק זיך אביסל א שאטײַע טאָג איבער די גאסן — ס׳איז געווען א לויטערער זוניקער הארבסט־טאָג, האָט זיך געגלוסט געניסן פון דעם שיינעם וועטער. נאָר דער געפיל פון אומרו פאר סאשען האָט מיך ניט אָפגע־לאָזט אפ קיין מינוט, און איך האָב עטוואָס זיי אויך וועגן דעם מיטגעטיילט.

— יאָ, — האָט זיך אָנגערופן יעליזאראָוו, — איבער אלעקסאנדער איליטש זינגט מען שוין פון לאנג דעם אייביקן אָנדענק.

מ. ט. יעליזאראָוו, וואָס האָט געברויכט אָט די פראזע, נאטירלעך אין זין פון מוירע האָבן פאר ארעסט, האָט זיך דעמאָלט ניט אויסגעמאָלט, ווי פינקטלעך די ווערטער וועלן מעקוײַעם ווערן, נאָר בא מיר איז די פראזע דורך, ווי א מעסער איבערן הארצן...

דעם גאנצן טאָג האָב איך געווארט אפן ברודער — זונטיק איז דאָך ניטאָ קיין לעקציעס, קיין לאבאָראטאָרישע ארבעטן, — און אינאָוונט בין איך אוועק צו אים. אלע דרײַ פענצטער אין זײַן ווינונג זײַנען געווען ראשיק באלויכטן. צוליב מײַן אומדערפארנקײַט האָב איך זיך דער־פרייט — הייסט עס, ער איז אינדערהיים, וועל איך זיך זען מיט אים! איך בין ארופ אפ די טרעפ, אָנגעקלונגען... באגעגנט האָט מיך פאָלי־ציי, אין די צימערן איז שוין אלץ געווען איבערגעקערט מיטן קאָפ אראָפ. ס׳איז פאָרגעקומען אן אונטערזוכונג — די ערשטע, וואָס ס׳איז מיר אויסגעקומען צו זען. מע האָט מיר ניט געזאָגט, אז דער ברודער איז שוין ארעסטירט. זיצנדיק דאָ אונטער דער וואַך, האָב איך אלץ ניט געקאָנט צוטראכטן, ווו איז ער, ס׳מיר ארײַנגעקומען א געדאנק, עפשער איז ער גראָד אצינד ארײַנגעגאנגען צו מיר.

כוץ מיך, האָט מען בא סאשען אין דער דירע פארהאלטן א סטו־דענט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט, וואלענטין אומאָוו, סאשעס א גימנאזיע־כאווער, וואָס איז געקומען צו פאָרן צוליב עפעס אן איניען קיין פעטערבורג. איך האָב אזוי ווײַט ניט פארשטאנען, ווי ערנסט די לאגע איז, און האָב ניט דערלאָזט דעם געדאנק, אז מע וועט מיך ארעסטירן, אז איך האָב געבעטן אומאָוון ארײַנקומען צו מיר און האָב אים געזאָגט מײַן אדרעס. איך געדענק דעם פארוווּנדערטן בליק, וואָס דער זשאנדארם האָט דערבײַ א וואָרף געטאָן אפ מיר. איך ווייס ניט,

צי אומאָוו איז געווענ אַרעסטירט, גיכער — ניט. איך דענק אזוי איבער דעם, ווײַל, אז מע האָט מיך באַפרײַט, האָב איך זיך דערוווּסט פונ יעליזאַראָווּנ אָדער טשעבאָטאריאָווּנ, אז אומאָוו האָט זיי געזאָגט:

— אונ זי האָט מיך נאָך פאַרבעטנ צו זיך.

אז די אונטערזוכונג באַם ברודער אינ ווױנונג האָט זיך פאַרענדיקט, איז א טײל פונ דער פאָליציײַשער כאָפּטע אוועקגעגאנגענ מיט מיר אינ מײַנ צימער.

באַ מיר האָט מענ פאַרנומענ א פאַרמאַכטע בריוו אפּ אנע לײבאָ־וויטשעס נאָמענ, וואָס שמידאָווא אונ דער ברודער האָבנ מיך געהאַט געבעטנ זי אײַנאָרדענענ באַ מיר אפּ נאַכטלעגער. אוועקגײענדיק ערגעץ ווו אינאָוונט, האָב איך גערעכנט פאַר מעגלעך, כוץ וואָס איך האָב ניט פאָרויס געוואָרנט די באַלעבאָסטע, נאָך איבערלאָזנ דעם בריוו, וואָס אפּ איר נאָמענ, אפּנ טיש, — אזוי ווײַט איז געגאנגענ מײַנ אַב־סאָליוטע אַמעראַצעס אינ קאָנספּיראַטיווע איניאָנים! — אונ אים אָפּהאַלטנ באַ זיך א פּאָר טעג. נאָך א גליק, וואָס אָט דער לײבאָוויטש האָט זיך אײַנגעגעבנ אנטלויפנ, אונ אזוי, ניט קײנ געפונענע, האָט זי פיגורירט אינ באַשולדיקונג־אַקט. מיט א באַזונדערער, לאַכלוטנ ניט פאַרשטענד־לעכער פאַר מיר פאָרזיכטיקײַט, האָט מענ פאַרנומענ באַ מיר פונעם קאָמאָד־שופלאָד די אזויגערופענע „אינפוזאָרישע” ערד, וואָס סאַשע האָט געבראַכט צו פירנ פונ קאָקושקינאָ נאָך זומער 1885־טנ יאָר אונ האָט זי איבערגעלאָזט דאָ אינ צימער, ווו ער האָט פריער געוווינט. מײַנ דעריקלערונג, אז דאָס איז פּאָשעטע ערד, וואָס סאַשע האָט גע־בראַכט פונעם דאָרף פאַר זײַנ פאָרשונג־אַרבעט, האָט לאַכלוטנ ניט באַפרידיקט די זשאַנדאַרמענ. מיך האָט מענ אָפּגעפירט אינ דער דע־פּענזיווע־אָפּטײלונג אפּ גאָראָכאָווער גאַס, אונ אינ א מעסלעס אַרום האָט מענ מיך איבערגעפירט אינ הויז פונ דערווײַליקנ אַרעסט. אפּנ וועג האָט דער פּריסטאַוו, וואָס איז מיט מיר געפאָרנ אפּ אײנ איז־וואָשטשיק, מיר איבערגעגעבנ, באַדויערנדיק דערבײַ דאָס מאַזל פונ דער יוגנט, אז אָט האָט דער סטודענט גענעראַלאָוו געוואָרפנ א באָמבע אפּ דעם קײסער, אונ דערפאַר נעמט מענ אצינד זײַנע באַקאַנטע אויך, אַסאַך אינגאַנצנ אומשולדיקע. א שרעק האָט מיך אַרומגעכאַפּט — גענעראַלאָוו! ער איז געווענ באַקאַנט מיט סאַשענ, איך האָב אים

דאָרט איינמאָל געווען בא סאשען. ווי ווייט קאָן דאָס אָנרירן סאשען?

אין אָנהייב האָב איך נאָר געטראכט וועגן דער געפאר פון אזא באקאנטשאפט. ערשט נאָכדעם, זיצנדיק איינע אליין אין דער קאמער, אז איך האָב אָנגעהויבן צעוויקלען בא זיך אין געדאנק דאָס גאנצע קנייַלעכל מיט די פארלאָפענע געשעענישן, באגעגענישן, שמועסן אלץ,— וואָס איז מיר פריִער ניט געווען פארשטענדלעך און סאשעס אויפירונג, ערשט דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן פארשטיין און פילן מיט שרעק, וואָס האָט מיר פון איר געקילט אין הארצן, אז דאָ גייט ניט נאָר אין באקאנטשאפט, נאָר אין אקטיווע אָנטייל. שוין דער ערשטער פארהער האָט מיך איבערצייַגט אין מייַן מיינונג און אסאך דערקלערט. צום בייַשפּיל, דערפרעגנדיק זיך בא מיר וועגן דער טעלעגראמע פון ווילנע, האָט מיר דער פראָקוראָר קאָטליארעווסקי געזאָגט:

— און איר ווייסט, וועגן וואָס די טעלעגראמע איז געווען? אין דער טעלעגראמע האָט מען געגעבן צו וויסן, אז מע האָט ארויסגעשיקט אזאָט־זויערשטאָף אף צוגרייטן באָמבעס פאר א פארשווערונג קעגן אונדזער קייסער־אימפעראטער.—און ווייַטער האָט ער געזאָגט:— שעוויריעוו איז אוועקגעפאָרן קיין קרים, גאָווארוכין איז אנטלאָפן קיין אויסלאנד, און אייַער ברודער איז געבליבן דער קעמפער אפן שלאכט־פעלד.

נאָר ניט קיין געניטע אין רעוואָליוציאָנערע איניאָנים, פון איין זייַט, און פון אינסטינקטיוון געפיל צו זעלבסטפארהיטונג, פון דער צווייטער זייַט, האָב איך זיצנדיק איינע אליין צווישן די פיר ווענט פון דער קאמער, זיך געסטארעט וואָס וויניקער זיך פארטיפן אין ביטערע געדאנקען און היפּאָטעזעס. שטארק געהאָלפן האָט מיר אין דעם זין מייַן מוטער, וואָס איז געקומען צו פאָרן קיין פּעטערבורג און האָט מיך באזוכט אין טורמע. דעם ברודער האָט זי באזוכט דאָס ערשטע מאָל ערשט דעם 30־טן מארט. ערשט דעמאָלט האָט זי באקומען א דערלויבעניש.

קיין שום פאקטישע ידיִעס וועגן איניען האָב איך, פארשטייט זיך, ניט געקענט ארויסקריגן. קיין אנדערע פארבינדונגען מיט דער פרייַ האָב איך ניט געהאט. דאָס איבערקלאפּן זיך, וואָס איך האָב זיך

אויסגעלערנט, מיט די שכיינעטעס, וואָס זײַנען שוין לאַנג געזעסן, האָט מיר אויך ניט געגעבן קיין שום פאַקטישן מאַטעריאַל. און די אויסגעהאַלטנקייט מיט דער איבעראַשנדיקער כאַראַקטער־שטײַפקייט פון דער מאַמען האָבן מיך איצט פונקט אַזוי אָפּגענאַרט, ווי פריער האָט מיך אָפּגענאַרט סאַשעס רויִקער גלײַכגעוויכט.

איך האָב ניט געקענט דערלאָזן קיין געדאַנק וועגן דעם, אַז ס׳גרייט זיך, און אין די לעצטע טעג פון מײַן אַרעסט — אַז ס׳איז געשען עפּעס אַזעלכס, וואָס איז שוין ניט צו אומצוקערן, זעענדיק די מאַמע,—עמעס, אַ דערשיטערטע, אַ פאַרזאָרגטע,—נאָר דאָך אין דער פולער מאָס זעלבסטבאַהערשט. געדענקענדיק דעם האַרצווייטעק, וואָס איך האָב איר פאַרשאַפט מיט מײַן קרענק מיט אַ יאָר פאַר דעם, האָב איך זיך געטראַכט ווי ווײַט מעגלעך זיך אויפהאַלטן צוליב איר, און האָב איר אויך אַרויסבאַוויזן אַ מונטער רויִק פּנים. און זי איז געווען אַף אַזוי־פיל גײַסטיק שטאַרק, אַז שוין נאָך דעם ברודערס קעפונג, וועגן וועלכער זי האָט זיך דערוווּסט פון אַ בלעטל, וואָס עמעצער האָט צעגעבן אַף דער גאַס, איז זי געקומען צו מיר אַף אַ באַזוך, געבעטן די אויפזעערן, זי זאָל פאַר מיר גאָרניט ריידן וועגן דעם געשעענעם, זיך געסטאַרעט אויפהייבן אין מיר אַ מונטערדיקע שטימונג, געפאָדערט, איך זאָל זען אָפּהיטן דאָס געזונט, און מיך געבעטן זײַן רויִק פאַר זיך.

ניט קאָנענדיק זאָגן קיין ליגן, פונקט אַזויווי סאַשע, האָט זי אַף מײַן פראַגע וועגן אים, נאָר געזאָגט: „בעט גאָט פאַר סאַשען". און כאָטש מיר איז געווען פײַנלעך־שווער, נאָר דעם עמעסן זין פון אירע ווערטער האָב איך דאָך ניט פאַרשטאַנען. מײַן אויפמערקזאַמקייט האָט נאָר צוגעצויגן דאָס, מיט וואָס פאַר אַ באַזונדער אָפּשײַ ס׳האָבן זי, — די אָנגעטאָנענע אין טרויער־קלייד,—אַרויסבאַגלייט נאָכן באַזוך די טשינאָווניקעס פון דער טורמע־וואַך. אַזאַ שטאַרקע ווילנס־קראַפט בײַ אַזעלכע איבערלעבונגען האָט אַפילע זיי אויך אימפּאָנירט.

איך האָב סאַשען געשריבן פון דער טורמע צוויי מאָל. דער ערשטער בריוו איז געווען אַ געשריי פונעם האַרצן. אין יענעם בריוו האָב איך צווישן אַנדערן געשריבן: — „בעסער פון דיר, מענטשלעכזויבערער, איז ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט. ניט נאָר איך אַליין זאָג

דאָס, ווי א שוועסטער, דאָס וועט זאָגנ יעדער איינער, וואָס קאָנ דיכ,— ליכטיקע זונ מײַנע!"

נאָר קיינ ענטפער האָב איכ ניט באקומענ. צי מע האָט דעמ בריוו אימ איבערגעגעבנ, האָב איכ ניט געוווסט. דעמ צווייטנ בריוו האָב איכ שוינ אָנגעשריבנ מער אײַנגעהאַלטנ, מיט יענע אַלגעמיינע מער אָדער ווייניקער קאזיאָנע פראזעס, מיט וועלכע מע האָט געוויינלעכ געשריבנ בריוו אונטער דעמ טורמע־קאָנטראָל,—בריוו, וואָס האָבנ ביז ווייטעק ניט באפרידיקט דעמ, וואָס האָט זיי געשריבנ, אונ האָבנ גאָרניט געקאָנט פארשאפנ דעמ, וואָס האָט זיי באקומענ. סאשעס ענטפער — דער איינציקער בריוו, וואָס איכ האָב באקומענ פונ אימ פונ דער טורמע, דאטירט דעמ 26־טנ אפרעל — האָב איכ שוינ באקומענ נאָכ מײַנ באפרײַונג, שוינ נאָכ זײַנ טויט, דורכ דעמ פּאָליציי־דעפּארטאמענט. מיר דאכט, אז דאָס איז געווענ אַנ ענטפער אפ מײַנ צווייטנ בריוו, אונ אז מײַנ ערשטנ בריוו פונעמ הארצנ, וואָס האָט אימ געקאָנט פארבײַטנ די לעצטע גרויסע־ווערטער, האָט ער ניט באקומענ.

וועגנ א דערלויבעניש אפ זיכ זענ האָט סאשע געבעטנ, איכ האָב געבעטנ,—נאָר מע האָט ניט דערלויבט.

מיכ האָט מענ באפרײַט דעמ עלפטנ מײַ אדאנק דער באמיונג פונ מ. ל. פּעסקאָווסקי [1]), וואָס האָט דערלאנגט אינ פּאָליציי־דעפּארטאמענט א ביטע מיכ באפרײַענ צוליב מײַנ מוטער, מאָטיווירנדיק דערמיט, אז אויב ניט, שטייט אונטער א געפאר איר גאנצע פּסיכיק. מיר האָט ער נאָכ דער באפרײַונג פארזאָגט, אז איכ זאָל זיכ גוט האלטנ פאר דער מאמענ, זענ ווי ווײַט מעגלעכ זי אָפּווענדנ פונ די שווערע געדאנקענ, מאכמעס ער האָט באמערקט, אז צײַטנווײַז „פארעדט" זי זיכ אביסל. א צווייטע פּאכעד־כוואליע האָט מיכ דורכגענומענ אפ דורכ אונ דורכ, אונ איכ האָב מיט אלע קויכעס געזוכט זיכ צו האלטנ צוליב דער מאמענ, מיר האָט זיכ אויסגעדאכט, אז פּעסקאָווסקי האָט אויסגעדריקט זײַנ ווירקלעכע מוירע אינ יענער צײַט, נאָר אויב די לאגע איז אפילע ניט געווענ אזוי, אונ ער האָט דאָ אָנגעווענדעט א מינ בײַטש, קעדיי צו צווינגענ מיכ זיכ נעמענ אינ די הענט, בינ איכ אימ דאנקבאר,

1) דער מאַנ פונ אונזער שוועסטערקינד יע. וו. ווערעטעניקאָווא.

ווײַל ס'האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוט מיטל... כאָטש, פאַרשטייט זיך, סײַ בײַ אַט דעם אומגליק, סײַ בײַם ערשטן, בעת דער טאַטע איז געשטאָרבן, איז די מאַמע געווען מער אַן אונטערשטיצונג פאַר מיר, איידער איך פאַר איר. איך בין איבערצײַגט, אַז נאָר אַדאַנק איר נאָענטקייט און גײַסטיקער אונטערשטיצונג האָב איך איבערגעטראָגן דעם ברודערס אומקום.

די מאַמע האָט מיר דערציילט, אַז זי איז בײַגעווען אויף איין זיצונג פונעם געריכט. די גאָר נאָענטע פרײַנט האָט מען געשענקט אָט די רעכט. פונקט אויף דער זיצונג איז אַרויסגעטראָטן מיט זײַן פאַרטיידיקונגס־רעדע אַלעקסאַנדער איליטש. די מאַמע האָט געזאָגט:

— איך האָב זיך פאַרוואונדערט, ווי גוט סאַשע האָט גערעדט — אַזוי איבערצײַגנדיק, מיט אַזאַ שיינע לאָשן. איך האָב ניט געטראַכט, אַז מע קאָן אַזוי ריידן. נאָר ס'איז מיר געווען אַזוי שרעקלעך שווער אים הערן, ווי ער רעדט, — אַז איך האָב ניט געקאָנט אויסזיצן ביזן סאָף רעדע און האָב געמוזט אַרויסגיין פונעם זאַל.

זי האָט אויך דערציילט וועגן אירע באַזוכן, וואָס זי האָט אים באַזוכט. בײַם ערשטן באַזוך האָט ער געוויינט, אַרומגעכאַפּט אירע קניִעס און געבעטן, זי זאָל אים מוחל זײַן פאַר דעם צער, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט. ער האָט געזאָגט, אַז כאָטש דעם כּיוון פאַר דער פאַמיליע, האָט ער נאָך אַ כּיוון פאַר דעם אייגענעם לאַנד. ער האָט איר אויסגעמאָלט די רעכטלאָזע, אונטערדריקטע לאַגע פונעם לאַנד און דערוויזן, אַז דער כּיוון פון יעדן אָרנטלעכן מענטשן איז צו קעמפן פאַר זײַן באַפרײַונג...

— יאָ, נאָר אַזעלכע מיטלען זײַנען דאָך שרעקלעך... — האָט זי אים געזאָגט.

— וואָס־זשע זאָל מען טאָן, מאַמע, אַז ס'ניטאָ קיין אַנדערע? — האָט ער איר געענטפערט.

סײַ דאָס מאָל, סײַ אין די אַנדערע מאָלן, ווען זי האָט זיך מיט אים געזען, האָט ער זיך אַלץ געסטאַרעט צוגרייטן די מאַמע צו דעם, וואָס ס'קאָן געשען.

— מע דאַרף בײַ זיך שאַלעמען מאַכן מיט דעם געדאַנק, מאַמע! — האָט ער איר געזאָגט.

ער האָט איר דערמאָנט וועגן דעם, אז זי האָט קליינע קינדער, אז דער ברודער און די שוועסטער, וואָס אונטער אים, ענדיקן מיט גאָלדענע מעדאלן, און זיי וועלן איר זײַן א טרייסט אין לעבן.

— איך האָב געוואָלט הארגענען מעגטשן, הייסט עס, אז מיך קאָן מען אויך הארגענען, — האָט ער איר געזאָגט אף איינעם פון אירע באזוכן.

נאָכן געריכט, אין הויז פונעם דערוויילִיקן ארעסט, האָט די מאַמע א שטארק נידערשלאָגענע פון צאר, איבער אים לאנג גערעדט און אים געבעטן דערלאנגען א ביטע וועגן באגנעדיקונג.

— איך קאָן דאָס ניט טאָן נאָך דעם אלץ, וואָס איך האָב דערקלערט אפן געריכט, — האָט סאשע געענטפערט. — דאָס וואָלט דאָך געווען ניט אופריכטיק.

בא דעם באזוך איז בײַגעווען איינער א יונגער פראָקוראָר קניאזיעוו, וואָס איז עטלעכע מאָל אָפּגעגאנגען צו דער טיר און איז אפילע ארויסגעגאנגען פון דער קאמער, קעדיי צו געבן דער מאמען א מעגלעכקייט פרײַער איבערעדן זיך מיט איר זון. באם ברודערס לעצטע ווערטער האָט ער זיך ארויסגעכאפּט און אויסגעשריִען.

— גערעכט איז ער, גערעכט!

— דו הערסט, מאמע, וואָס לײַטן זאָגן! — האָט דער ברודער באַמערקט.

„איך בין דעמאָלט פּאָשעט געבליבן אָפּהענטיק“, — האָט די מאמע דערציילט.

ער האָט מיט איר גערעדט וועגן שליסעלבורג, דאָס איינציקע, אף וועלכן מע קאָן אים פארבײַטן די טויט־שטראָף, געזאָגט וועגן דער שרעק פון אייביקער טורמע.

— אפילע ביכער גיט מען דאָך דאָרט ארויס נאָר רעליגיעזע... מע קאָן דאָך אזוי דערגיין צו אבסאָליוטן אידיִאָטיזם. געשיקט זיך, אז דו וואָלסט וועלן אזא זאך פאר מיר?

די מאמע האָט אים, נאטירלעך, אָנגעוויזן אף דעם, אז ער איז נאָך יונג, אז אסאך קאָן זיך נאָך בײַטן.

— דערלויבט מיר אויך זיך פארייניקן צו די ווערטער פון אײַער מוטער, — האָט זיך ארײַנגעמישט אינעם שמועס דער נאטשאלניק פון

דעם הויז פאר דערוויַליקן ארעסט, וואָס איז בײַגעווען עפּעס א צוויי מאָל בא זייער שמועס, — איר זײַט יונג, אײַערע אָנשויונגען קענען זיך בײַטן.

די מאמע האָט איבערגעגעבן, אז סאשע האָט אים אויך געענטפערט מיט פעסטקײַט, נאָר איינצײַטיק אויך מיט אופמערקזאמקײַט צו אים, אזויווי ער פלעג זיך איבעראל באציִען צו יעדן מענטשן.

ער האָט אויך געזאָגט דער מאמען אף די באזוכן אין דעם הויז פאר דערוויַליקן ארעסט, ווהין מע האָט אים געהאט איבערגעפירט אף דער צײַט פון געריכט פון דער פעטראָפּאוולאָווער פעסטונג, אז ס׳איז אים דאָ גוט, „און די מענטשן זײַנען דאָ אזעלכע סימפּאטישע".

אף איינעם פון די באזוכן האָט ער געבעטן די מאמע אויסקויפן זײַן גאָלדענעם אוניווערסיטעטישן מעדאל, וואָס איז געווען פארזעצט פאר זונדערט רובל, אים פארקויפן — זײַן פרײַז איז געווען 130 ר. און די דרײַסיק רובל, וואָס וועלן בלײַבן, אָפּגעבן איינעם טולינאָוו, וואָס ער איז אים געבליבן שולדיק אָט די סומע[1].

ער האָט אויך געבעטן ערגעץ קריגן אימקערן צוויי זעלטענע ביכער, וואָס ער האָט געליגן און ניט באוויזן אָפּצוגעבן[2].

אף דער מאמעס פראגע אף א באזוך נאָכן געריכט, טאָמער וויל ער עפּעס א זאך, וואָס זי וואָלט אים געקאָנט דערלאנגען, האָט סאשע געזאָגט, אז ער וואָלט געוואָלט דורכלייענען הײַנע.

די מאמע האָט אויסגעדריקט איר פארלעגנהײַט, צי זי וועט קאָנען קריגן דעם בוך, נאָר דער פּראָקוראָר קניאזיעוו, וואָס איז בײַגעווען אף דעם באזוך, האָט זיך ארויסגערופן אליין קריגן פאר אים אָט דעם בוך.

דער אויבנדערמאָנטער וויצע־פּראָקוראָר קניאזיעוו דערמאָנט אין זײַנע זיכרוינעס, אז סאָף אפּרעל (קענטלעך, שוין נאָכן געריכט) האָט

---

[1] מיר האָבן נאָכדעם אָפּגעזוכט דעם טולינאָוו און האָבן אים אָפּגעגעבן 30 רובל, נאָר ווי ס׳איז שפּעטער באוווּסט געוואָרן, ניט דעם, וואָס ס׳איז געקומען, נאָר איינעם אויך מיט דער פאמיליע טולינאָוו.

[2] ביידע ביכער האָבן געהערט וואָראָנצאָוו. איין בוך איז געווען בא טשעבאָטאריאָוו. דאָס האָבן מיר אומגעקערט, דאָס צווייטע — „די דײַטשיש־פראנצויזישע יאָרביכער" מיט מארקס ארטיקל וועגן רעליגיע האָב איך אָפּגעגעבן איינעם מיט דער איבערזעצונג גאָ־וואָרוכינען. דאָס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו געפינען. מיר האָבן געזוכט צו קויפן אין אויסלאנד אין ביכער־קראָמען, בא בוקיניסטן, נאָר מיר האָבן ניט געקאָנט קריגן.

ער באקומענ א פאַראָרדענונג געבנ א באזוכ אוליאַנאָוונ מיט זייַנ מוטער, אונ ווילנדיק ארומשטעלנ די באַגעגעניש מיט וואָס ווייניקער פאָרמאליטעטנ אונ שטערונגענ, האָט ער דורכגעפירט די מוטער אוליאַנאָווע אינ דער איינצל־קאמער, ווו ס'איז געזעסנ איר זונ, אונ אליינ איז ער געבליבנ שטיינ אינ קאָרידאָר לעבנ דער אָפענער טיר. (די אָנגעקלאָגטע ארעסטירטע האָבנ זיכ אופגעהאלטנ אפ דער צייַט פונ געריכט אינ די אונטערשטע קאמערס פונעמ הויז פאר דערווייַליקע ארעסטירטע. די באזוכנ פלעגנ אויכ פאָרקומענ אינ איינער פונ די קאמערנ אינ ערשטנ עטאזש). אזא אויסערגעוויינלעכער באזוכ איז מעגלעכ געווענ אזוי, ווי קניאזיעוו באשרייַבט אימ:

— „שוינ פאָריבער קאָרעוו צו פערציק יאָר פונ יענער צייַט“, — זאָגט ער—„נאָר ביז הייַנט, ניט גערירט שטייט מיר פאר די אויגנ דאָס שווערע בילד פונ דעמ באזוכ, פונ דער ליבנדיקער מוטער, א שטארק געדריקטע פונ איר בראָכ, אונ פונ דעמ צומ טויט פארמישפעטנ זונ, וואָס האָט מיט זייַנ שטארקנ ווילנ אונ רירנדיקער צארטקייַט זיכ געסטארעט באַרויִקנ די מוטער. זי האָט אימ הארצלעכ געבעטנ דערלאנגענ א ביטע וועגנ באַגנאַדיקונג. דערקלערנדיק, אז זי האָפט,—אז זי איז קימאט איבערצייַגט, אז אזא ביטע פונעמ פארמישפעטנ וועט אָנגענומענ ווערנ; נאָר, קענטלעכ, מיט גרויסנ אינערלעכנ ווייטיק, אָפזאָגנדיק דער מוטער האָט אוליאַנאָוו צווישנ אנדערע, וואָס האָט זיכ מיר גוט פארגעדענקט, געבראכט אזא מאָטיוו, וואָס ווייַזט, אָנ שומ סאָפעק, אפ זייַנ טיפ־מאָראַלער נאטור:

— שטעל זיכ פאָר, מאמע, אז צוויי מענטשנ שטייענ איינס אקעגנ דעמ אנדערנ אפ א דועל, אינ דער צייַט, ווענ איינער האָט שוינ אויסגעשאָסנ אינ זייַנ קעגנער, ווענדעט ער זיכ צו יענעמ מיט א ביטע ניט באנוצנ זיכ אקעגנ אימ מיט זייַנ געווער...—ניינ, איכ קאָנ ניט, — האָט ער געזאָגט, — אזוי האנדלענ.

געזענ, אז ווייַטער בעטנ אימ וועגנ דעמ איז ניט מעגלעכ, האָט אוליאַנאָווע צומ סאָפ פונ דעמ באזוכ, וואָס האָט געדויערט קימאט א שאָ צייַט, געפרעגט דעמ זונ, טאָמער דארפ ער עפעס וואָס? ער האָט געענטפערט, אז ניינ, ער דארפ גאָרניט. נאָכ דעמ א טראכט געטאָנ אונ געזאָגט, אז ער וואָלט זייער געוואָלט דורכלייענענ הייַנע. די

אלטיטשקע האָט זיך זייער געקימערט, צי וועט זי קאָנען אויספילן די דאָזיקע באַקאָשע, מאכמעס קריגן היינעס ווערק איז געווען פארבונדן מיט געוויסע צענזור־פאָרמאליטעטן. טיף מיטפילנדיק איר און וועלנדיק כאָטש מיט וואָס ניט, איז איר פארגרינגערן דאָס הארץ, האָב איך געזאָגט, אז איך וועל צושטעלן דאָס בוך. גלייַך פון דעם ארעסט־הויז בין איך אוועקגעפאָרן אין מעליעס ביכער־קראָם, געקויפט די דייַטשע אויסגאבע פון היינעס ווערק, און דעמזעלבן אפדערנאכט האָב איך זי איבערגעגעבן אוליאנאָוון".

די לעצטע זעעניש מיט סאשען האָט די מאמע געהאט אין דער פעטראָפאוולאָווער פעסטונג. זי האָט מיר דערציילט, ווי שווער דער באַזוך איז דאָרט געווען ארומגעשטעלט פון דער אויסערלעכער זייַט — מע שטייט אונטער צווייענדיקע גראטעס, אינמיטן שפאנען ארום די זשאנדארמען; נאָר זי האָט אויך געזאָגט, אז דאָסמאָל איז זי געקומען זיך זען מיט סאשען, ארומגעכאפט פון עפעס אן האָפענונג. ס'האָבן זיך געהאט פארשפרייט קלאנגען, אז מע וועט די פארמישפעטע ניט קעפן, — און דאָס מוטערשע הארץ האָט, פארשטייט זיך, גרינג גענומען גלויבן. איבערגעבן וועגן דעם בא די שווערע באדינגונגען פון דעם באַזוך האָט זי ניט געקאָנט, נאָר וועלנדיק איבערגיסן א טייל פון איר האָפענונג און אופגעמונטערקייַט אין סאשען אין פארבינדונג מיט דעם אלץ וואָס ס'שטייט אים פאָר איבערצוטראָגן, האָט זי א פאָר מאָל איבערגעכאַזערט באַם געזעגענען זיך:

— שטארק זיך!

אזויווי אירע האָפענונגען זייַנען ניט מעקויֶעם געוואָרן, איז אויסגעקומען, אז מיט די ווערטער האָט זי זיך געזעגנט מיט אים, מיט די ווערטער האָט זי אים באגלייט אפן עשאפאָט...

אינהאלט

פאָרעדע . . . 3

דערינערונגען וועגן אלעקסאנדער איליטש אוליאנאָוו . . . 22

אלעקסאנדער איליטשס קינדערשע און שילערישע יאָרן . . . 29

די סטודענטישע יאָרן (1883—1887) . . . 82

אלעקסאנדער איליטשס לעצט יאָר לעבן . . . 112